STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06010

ZIKHROYNES UN FEDER SHPRITSN

Abraham Babitz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם באַביטש

ABRAHAM BABITZ

ZICHRONOTH
&
FEDER-SHPRITZEN

(Memoirs and Pen-Strokes)

Published by
ABRAHAM BABITZ
1114 So. Sierra Bonita
Los Angeles 19, Calif.
1961

שער־בלאַט געצייכנט פון בצלאל מלחי
ATLAS TYPESETTING CO.
406 So. Main St., L. A.
PRINTED IN U.S.A.
Printed by
A. & G. PRESS, INC.
108



אברהם באַביטש

ליובאַין אַ מתנה

אברהם באַביטש יובל און בוך קאמיטעט:

משה כהן, פאַרזיצער
יצחק ווײנראַט, סעקרעטאַר
י. איזגור, קאַסירער

אהרן אײעראָוו
ריסל אסטראָווסקי
לואיס און נײטען באַביטש
ד״ר ישראל בלומענפעלד
איזי בעקער
טאַניאַ בערקוט
ש. בראָודאַ
ש. ברײנין
יצחק גאָרין
משה גלאַזער
בערנאַרד גליקמאַן
מאַטעס דײטש
גאָלדע דראָזד
שלמה האָכבערג
א. ווײס
א. ווײנשטײן
(שיקאַגאָ)
מאיר ווײנטרויב
י. ווײסשטײן
ל. וויליאַמס
הערי זלאַטקין
(דעטראָיט)
אליהו טענענהאָלץ
הערי לאַנג
סאָל לעווין
א. מאַן
נחום מאַקסאַן
ל. מעלצער
יצחק ניומאַן

בען סאַפּקין
איזידאָר סטענזער
אַניטאַ פרײנדליך-שעף
משה פאָגעל
יוסף פאַניץ
ראובן פלאַפּקין
מאָרים פאָרבער
זי. פליק
וויליאַם פרידמאַן
ישראל פרײנד
שלמה צוקערמאַן
דזשיי קלעווענס
(ניו־יאָרק)
מ. ל. קאָפּילאָף
דזשעק קארלאַן
(ניו־יאָרק)
לואיס קעסעלמאַן
ה. ראַבינסאָן
ה. ראָטבלאַט
פּ. ראַפּאָפּאָרט
ב. ריסל
פיליפּ ריסקין
ה. שטערנפעלד
יוסף שפּיגלמאַן
סאָל שפּיגלמאַן
ווֹם. און ליזאַ שאָר
וואָלף שנײדער
(דעטראָיט)
משה און עמאַ שײווער
(דעטראָיט)

א י נ ה אַ ל ט

ביאָגראַפישע נאָטיצן — — 9
מיין קינדהייט
פון טאָראָנטאָ ביז בראָנזוויל
זלמן זילבערצוויג:
אָדער גאָר אָדער גאָרנישט

זכרונות — — — — — — — 22
אליהו טענענהאָלץ:
ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט...
א. באַביטש: מיינע יאָרן מיט דער „קאַליפ. אידישער שטימע"
אַ גרוס פון ניו־יאָרק
אַ גרוס פון לאָס אַנדזשעלעס
בריוו פון ארץ־ישראל
פּאַריז
דריטער בריוו פון ישראל
די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל
אַביסל דערינערונגען
קבלת־פּנים פאַר שלום אַש
באַלד 50 יאָר אויף דיזעלבע וועגן מיט טענענהאָלצן

אַרטיקלען — — — — — — 52
באַאַמטע מיט וועמען איך האָב מיטגעאַרבעט
באַגעגענישן מיט דוד פּינסקין
מאָריס דייטש, דער טוער
אַ „רואיק" לעבן
ד"ר נתן זאַלצמאַן ע"ה
די באַוועגונג פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער
דער $1000 נאָוט פאַרן יידישן קונסט טעאַטער
אַ פּאָר ווערטער וועגן בראָונס בוך
ה. רויזענבלאַט, דער מכניס אורח
גלאַטשטיינס יובל־אָוונט אין ל.א.

פאַרבאַנד — — — — — — 75
מיין אַרבעט ביים פאַרב. קאָונסיל
דער יידיש נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד
רעדנער און אַרטיסטן
אַ מוסטער פון אַ פּראָטאָקאָל
אַ מוסטער פון קאָרעספּאָנדענץ
צווישן ל.סיגאַל און א.באַביטש

קאָנווענשאַן מאָסקיטאָ — 89
הערי לאַנג וועגן דער „מאָסקיטאָ"
אַן אייגענער בודניק
קאָנווענשל „לץ'ל"
אַ וויי־געשריי פון רעדאַקטאָר

פעדער־שפּריצן — — — 96
איך שרייב „פעדער־שפּריצן"
פאַרן „פאָרווערטס"
צוויי בריוו פון חנא גאָטעספעלד
אַ סעריע פעדער־שפּריצן

פּערזענלעכקייטן און באַגריסונגען — — — 113
ש. האָכבערג: דזשעק קאָהאַן
אהרן ריטש:
א. באַביטש, זיבעציק יאָר אַלט
יוד למד מאַלאָמוט:
וועגן חברה ליובאַ באַביטש
מיין האַרציקסטן יישר־כוח...
ל. סיגאַל:
אַ יובל פון אַ געטרייען חבר
בילדער פון ליובאַ'ן און
טעכטער: טעלמאַ און לאה
באַגריסונג פון גענ. עקזעקוטיווע
באַגריסונג פון באַביטש משפחה
סאָל באַביטש: עטלעכע ווערטער
וועגן מיין פאָטער (ענגליש)
סעם גאָד: אַרטיקל אין ענגליש

פון דער רעדאַקציע

דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער טעכנישער רעדאַקטאָר פון דעם באַביטש זיבעציק יאָריקן יובל־בוך, און ער געפינט פאַר אַ חוב צו מאַכן די פאָלגענדיקע דערקלערונג:

אברהם באַביטש איז אַן אַלזייטיקע פּערזענלעכקייט. ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַ קולטור־מענטש, איז געשטאַנען נאָענט צו דעם יידישן בעסערן טעאַטער, צו די טרייד־יוניאַנס, און אויך צו דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישן פליגל, דער עיקר צו דעם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

חוץ לזה איז ער באמת אַ באַגאַבטער הומאָריסט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ שאַרפן בליק אויף זאַכן, אַזוי אַז ער קאָן למשל, אין אַ קורצן פּאַראַגראַף כאַרקטעריזירן אַ מענטשן אָדער אַ סיטואַציע, אנשטאט וואָס אַנאַנדערן וואָלט עס גענומען אַ פּאָר שפּאַלטן. דאָס דערקלערט פאַרוואָס דאָס איצטיקע באַביטש יובל־בוך פאַרמאָגט אַזעלכע פיר אָפּטיילונגען ווי ביאָגראַפיע, זכרונות, אַרטיקלען און פעדער־שפּריצן.

דער מאַטעריאַל איז קולטור־היסטאָריש און שאַפט אַ פול בילד פון אברהם באַביטש און זיינע פאַרדינסטן פאַר דער פּרעסע, פאַר דער טרייד יוניאַן באַוועגונג, ווי אויך פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

חבר אַברהם באַביטש האָט כשר פאַרדינט די שבחים וואָס ווערן אים צוגעטיילט אין דעם בוך. זיין באַשיידנקייט, זיין מענטשלעכע איידעלע באַציאונג צו מענטשן בכלל און צו חברים בפרט, איז אַן אַ שיעור. דאָס אַליין איז אַ זעלטנהייט און מאַכט אים באַליבט ביי אונדז אַלעמען.

איך באַטראַכט עס פאַר אַ כבוד און אַ זכות צו האָבן געווען דער טעכנישער רעדאַקטאָר פון דעם בוך. אויך פיל איך אַז מיר זיינען שולדיק אַ דאַנק דעם שריפטזעצער, קאָלעגע שמחה גילדער, פאַר קאָאָפּערירן און פאַר באַמיען זיך נאָכצוקומען אַלע „קאַפּריזן" פון דעם רעדאַקטאָר און דעם בעל־יובל.

יוד למד מאַלאַמוט

טעכנישער רעדאַקטאָר

ביאָגראַפישע נאָטיצן

מיין קינדהייט

פון מיין קינדהייט געדענק איך ניט קיין פריילעכע זאַכן. מיין מאַמע איז יונג געשטאָרבן און מיר זיינען געבליבן פיר יתומים.

איך געדענק ווי מיין באָבע האָט אונדז אָנגעזאָגט פאַר איר טויט צו זאָגן קדיש נאָך איר, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין זין נאָר טעכטער. איך האָב איר געמוזט געבן אַ תקיעת־כף אַז איך וועל זאָגן קדיש נאָך איר. איך האָב דאָס שטאַרק אָפגעהיט, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיך קומען וואַרגן אויב איך וועל ניט האַלטן מיין צוזאָג. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 9 יאָר.

דאָס האָט מיך אַלעמאָל געהאַלטן אין אימה. זי פלעגט זיך מיר אָפט קומען צו חלום און איך פלעג לויפן אין שול ווי אַן אָפגעבריטער. איך האָב זיך אין אַלגעמיין געפילט ניט גליקלעך. מיין יתום'שאַפט האָט זיך אויף מיר געלייגט שווערער ווי אויף די אַנדערע קינדער. בכלל האָט מען זיך זייער ווייניק אומגעקוקט אויף אונדז. איבערהויפט איז מיין פנים געווען באַדעקט מיט זומער־שפרענקלעך און איך האָב געדענקט אַז איך בין דער מיאוסטער יינגל אויף דער וועלט.

ביז דורך אַ צופאַל, ווען אַ רייכע קריסטלעכע דאַמע איז געקומען מיט איר מאַן, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ מונדיר ביי מיין פאָטער, און זי איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף מיר און געפרעגט ווי אַלט איך בין, און געזאָגט: „עטאָט זשע קראַסאַוועץ, טשודני מאַלטשיק." (דאָס איז דאָך אַ גאָר שיינער יינגל). פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעפאַנגען אָפט קוקן אין שפיגל און בין געוואָרן ווייניקער דערשלאָגן.

אונדזער שטיפמוטער האָט אונדז קינדער באַהאַנדלט ניט גוט. זי האָט זיך אָפגעגעבן מיר איר אייגענעם יינגל און אונדז באַהאַנדלט ווי ניט־געוואַונטשענע שטיפקינדער.

מיר, די יינגלעך, האָבן געלערנט ביי חיים דעם חזן אין חדר ביז בר־מצוה. עס פלעגט אויך אַריינקומען אַ לערער אונדז לערנען רוסיש. ער האָט אונדז געלערנט לייענען און שרייבן, אָבער מער צייט האָבן מיר אַוועקגעגעבן אין דער היים צו לערנען זיך שניידעריי.

מען האָט אין יענער צייט ביי אונדז אין הויז אַ סך גערעדט וועגן

אַמעריקע, ווייל עטלעכע שניידער פאַמיליעס זיינען דאַמאָלסט אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און האָבן געשריבן זייער באַגייסטערטע בריוו. דאָס אָרעמע לעבן אין שטעטל איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער און דער טאַטע האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַפריער מיט מיר און מיין עלטערן ברודער.

דער פאָטער האָט פאַרקויפט אונדזער הויז; האָט זיך פאַרבינדן מיט אַן אַגענט אין האָמליע. דער אַגענט, ווי די מערסטע אַגענטן, איז געווען אַ שווינדלער; האָט געצאָפּט געלט פון די עמיגראַנטן און אַנשטאָט עס זאָל נעמען אַ וואָך, האָט ער אונדז געהאַלטן דריי וואָכן אין שעדליץ.

נאָך דריי וואָכן אַרומוואַלגערן זיך דאָרט זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין ברעמען און דאָ האָבן מיר זיך ווייטער געוואַלגערט ביז מיר האָבן דערלעבט אַרויפגיין אויף דער שיף.

פערצן טעג זיינען מיר געפאָרן אויף אַ שטורעמדיקן ים און די גאַנצע צייט געווען קראַנק. געהאָדעוועט האָט מען אונדז מיט הערינג און קאַרטאָפל, ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין „קעסל גאַרדן.“

דעם טאַטנס קוזין, וועלכער האָט געזאָלט קומען אונדז באַגעגענען, איז ניט געקומען, און מיט זיין אַדרעס אין האַנט האָבן מיר זיך דערשלאָגן צום קוזינס גראָסערי סטאָר אין ברוקלין.

מיר האָבן ביי אים פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין ער האָט אונדז אַוועקגעפירט מיט זיין פערד און וועגעלע צו אונדזערע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, וואו זיי האָבן פאַר אונדז אויך געקראָגן שפּעטער וואו צו אַרבעטן.

פון טאָראָנטאָ ביז בראַנזוויל

1907 איז געווען אַ קריזיס־יאָר אין אַמעריקע, עס איז ממש געווען אוממעגלעך צו קריגן אַרבעט. איך בין אין יענער צייט געווען אַ מיטגליד אין דעם באַרימטן „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב“, וואו מיר, יונגע בחורים און מיידלעך, האָבן זיך געלערנט די טעאַטער־קונסט, פאָרלייענען, דעקלאַמירן, אונטער דער דירעקציע פון יואל ענטין ז"ל. מיר פלעגן אויפטרעטן ביי פאַרשיידענע אונטערנעמונגען פון לאַנדסמאַנשאַפטן. אין יענער צייט איז געווען אַ ניקעס פאַרצולייענען אָדער דעקלאַמירן די שאַפונגען פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין פּאָעזיע. יעדן שבת־נאַכטס פלעגן מיר אויך אויפפירן איינאַקטערס.

דער קלוב האָט אונדז אויך געדינט אַלס נאָכטלעגער פון די מיט־גלידער פאַר די וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין היים אין צייט פון קריזיס.

מיר פלעגן זיך אַרויסלאָזן פאַרקויפן קופּאָנעס פון אַ פאָטאָגראַפער. אויב עמיצן פון אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרקויפן אַ קופּאָן פאַר אַ פערטל דאָלער, האָט מען געקויפט אַ ברויט מיט אַ הערינג, און פאַר־טרונקען מיט טיי.

אין ניו־יאָרק האָט זיך אין יענער צייט געגרינדעט דער „אינדוסט־ריעלער רעמוּאָוואַל אָפיס" מיטן צוועק פאַנאַנדערצושיקן גרינע אַרבעטס־לאָזע אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד.

היות איך האָב געהאַט אַ קוזין אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין טאָראָנטאָ.

געפאָרן זיינען מיר מיט אַן אָקסן־צוג, מען האָט אָבער פאַר דער „אַנגעזעמער" רייזע געדאַרפט צוצאָלן געלט, כדי צו באַקומען די סומע געלט, האָב איך פאַרקויפט מיינע ביכער.

אָנגעקומען מיט נאָך אַ חבר זיינען מיר אין טאָראָנטאָ, אַ זונטיק אינדערפרי.

דער גרויסער „איטאַן קאָמפּאַני קלאָוק שאָפּ" איז פאַרשטייט זיך געווען געשלאָסן אין קיין אַדרעס צו מיין קוזין האָב איך אויך ניט געהאַט, האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, און גייענדיק אַזוי האָב איך אין אַ פענצטער דערזען אַ שילד מיט אַ מעלדונג, אַז היינט אין אָוונט גיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַ קאָנצערט און ליטעראַרישן אָוונט. אָפּגעוואַרט אַ גאַנצן טאָג און אַן אָוונט, אָבער ווען מען האָט געעפנט דעם זאַל, האָט מען אונדז ניט געוואָלט אַריינלאָזן אָן געלט.

איך האָב זיי דערקלערט, אַז מיר זיינען „געסט" פון ניו־יאָרק, און מיטגלידער פון דעם דראַמאַטישן קלוב, און אויב זיי וועלן „ריזיקירן" און אונדז אַריינלאָזן, וועלן מיר זיי „אָפּדעקלאַמירן."

ענדלעך זיינען זיי איינגעגאַנגען אויפן „שידוך", איך געדענק ניט וואָס איך האָב דעקלאַמירט, אָבער איך געדענק, אַז איך האָב שטאַרק אויסגענומען. מען האָט פאַר מיר באַקומען אַ פּלאַץ אויף איבערצונעכטיקן. און אויף מאָרגן האָב איך אויסגעפונען מיין קוזין, וועלכער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך און מיך אויך באַזאָרגט אין דער באַרימטער „איטאַן פעקטאָרי", וואָס האָט באַשעפטיקט טויזנטער מענטשן. איך בין געוואָרן אַ פּרעסער ביי פרויען־קליידער אין האָב אָנגעהויבן פאַרדינען גאַנצע צוועלף דאָלער אַ וואָך. זייענדיק באַשעפטיקט האָט זיך פאַר מיר גע־

עפנט אַ נייע וועלט. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קלוב אויפן זעלבן שניט ווי אין ניו־יאָרק. מיר האָבן איינע די אַנדערע געלערנט דעקלאַמירן, פאַרלייענען און האָבן אויך געשפּילט איינאַקטערס. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער קלוב האָט געציילט אַרום פופציק מיטגלידער.

צווישן די אַקטיווע מיטגלידער געדענקען זיך: די ברידער ראָזנפעלד, יוסף און שמואל; דער שרייבער נח שטיינבערג ע״ה; לואיס קאַלדאָווסקי; דער לערער י. מאַטענקאָ, אין וועמעס הויז עס פלעגט זיך טרעפן די אינטעליגענץ פון שטאָט. גערעדט האָט מען רוסיש.

אַ צווייטע אָפּענע הויז אין טאָראָנטאָ פאַר אַלע נייע אָנגעקומענע איז געווען די הויז פון ווערע גאָרדאָן, וואו מען האָט אַ גאַנצן טאָג אַלעמען סערווירט טיי און אפילו אַ טעלער באָרשט. ווערעס הויז האָט צוגעצויגן די רוסיש־שפּרעכנדע יוגנט, ווייל ביי זיי האָט געהערשט די רוסישע שפּראַך.

יונגע בחורים האָבן זיך געקליבן צו ווערעס הויז, ווייל עס זיינען אין הויז געווען צוויי שיינע שוועסטער, בתיה, און ליובאַ, מיין איצטיקע פלונית׳טע.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג ווען פון דער גאַנצער כאַפּטע באַזוכער האָט ווערעס שוועסטער מיך אויסגעקליבן פאַר איר באַשערטן. טאַקע צוליב איר האָב איך באַלד זיך דאַן אָפּגעזאָגט פון אַלץ, שיינע מיידלעך מיט וועלכע איך פלעג אַרומגיין ביז דאַן.

אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דער איטאָן קלאָוק פאַבריק. די מיינסטע אַרבעטער זיינען געווען יידישע, אָבער עס איז געווען אַ ניט־אויסגעוועכנטער סטרייק און נאָך אַ געראַנגל פון צוויי חדשים סטרייקן און פּיקעטן איז דער סטרייק פאַרלוירן געגאַנגען. דער עיקר, די אַלע סטרייקער האָבן אין טאָראָנטאָ מער קיין אַרבעט ניט געקענט קריגן, האָב איך, ווי אַ סך אַנדערע, זיך געלאָזט צוריק קיין ניו־יאָרק.

די צוציאונגס־קראַפט צוריק קיין ניו־יאָרק איז געווען דאָס וואָס ליובאַס שוועסטער, ווערע, האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען אין מאַי, 1909, ווען די גאַנצע קלאָוק אינדוסטריע האָט זיך געגרייט צו דעם היסטאָרישן גענעראַל־סטרייק פון 1910. איך האָב דאַן באַקומען אַרבעט אין אַ שאַפּ אַלס „פינישער״, און בין געוואָרן אַ

מיטגליד אין לאָקאַל 9 אינטערנעישאנאַל לײדיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן. איך האָב אָנגעהויבן גיין צו די מיטינגען, װײַל פאַרלירנדיק דעם סטרײַק אין טאָראָנטאָ האָב איך אײַנגעזען װי נויטיק עס איז אַ שטאַרקע יוניאָן פאַר מענטשן װאָס דאַרפן מאַכן אַ לעבן פון זײער האָרעװאַניע.

אַ פּאָר חדשים נאָכדעם װי מיר זײַנען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, אין צײַט פון גענעראַל־סטרײַק, האָבן מיר חתונה געהאַט, און בשותפות מיט אַ פרײַנט האָבן מיר געדונגען אין בראָנזוויל אַ 5־צימערן אַפּאַרט־מענט. געצאָלט האָבן מיר 11 דאָלער אַ חודש. אין דעם אַפּאַרטמענט האָבן מיר אָפּגעװאױנט אַ פּאָר יאָר.

נאָך דעם געװאונענעם סטרײַק איז די לאַגע געװאָרן אַביסל בעסער. זײַענדיק אַ טאַטע פון אַ קינד האָב איך דערפילט, אַז עס איז מײַן חוב צו פאַרדינען אַביסל מער, און זײַענדיק אַ שטיק־אַרבעטער, האָב איך אָפּט צוגעאַרבעט „אָװערטאַימס".

איך בין אויך געװאָרן דער טשערמאַן פון אַ גרויסן שאַפּ און פלעג אָפּט דאַרפן קומען אין אָפיס פון דער יוניאָן צו דערלײדיקן פאַרשײדענע ענינים פאַר מײַן שאַפּ. די באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבן דערזען מײַנע פעאיקײטן בײַ דעם אויסגלײַכן שאַפּ סכסוכים. איך האָב אויך אָנגעהויבן באַזוכן די סעקשאַן מיטינגען פון לאָקאַל 9, און אויך בין איך אויסגע־קליבן געװאָרן פון האַרלעמער ברענטש צו דער עקזעקוטיװע פון לאָקאַל 9. איך בין אַ שטיקל צײַט אויך געװען סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיװע.

פון לאָקאַל 9 בין איך געשיקט געװאָרן אַלס דעלעגאַט צו דעם „דזשאָינט באָרד", דאָס איז די העכסטע מדרגה װאָס אַ שאַפּ־אַרבעטער קען דערגרײכן אין זײַן לאָקאַל. דאָס איז געװען אין דער צײַט װען עס איז אָנגעגאַנגען דער פאַרביטערטער קאַמף צװישן דר. יצחק אײַזיק הורװיטש און די אַנדערע באַאַמטע. איך בין גראַד געװען אויף הור־װיטשעס צד און איך האָב אָפּט געלאָזט הערן מײַן שטימע, מײַן אָראַטאָ־רישן כוח, אַז איך בין באַטראַכט געװאָרן װי אַ פירנדיקער כוח אין לאָקאַל 9. איך בין געװײלט געװאָרן אין אַ סך װיכטיקע קאָמיטעס, געװאָרן אַ באַצאָלטער פרײַז־„אַדזשאַסטער" און אויך אַ דעלעגאַט צו אַלע קאָנװענשאָנס.

איך בין געװען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „מאַסקיטאָ", אַן הומאָריסטישער זשורנאַל בײַ דער אינטערנעשאַנאַל קאָנװענשאָן. שפּעטער איז די „מאַסקיטאָ" איבערגענומען געװאָרן פון העלערן.

אויף אַנאַנדער פּלאַץ אין דעם בוך װעלן די לײענער געפינען אַ

מוסטער פון דעם הומאָריסטישן זשורנאַל און אויך אַן אָפּשאַצונג פון דעם באַקאַנטן זשורנאַליסט, הערי לאַנג, וועגן דעם קלוגן איינפאַל פון דרוקן אַזאַ זשורנאַל.

ביי אַ קאַנווענשאַן אין באָסטאָן האָט אונדז צוגעהאָלפן טעכניש מ. באַקסט, אין יענער צייט דער דאַרטיקער מענעדזשער פון „פאָר־ווערטס". אין שפּעטערע יאָרן האָט מיט דעם זשורנאַל אָנגעפירט י. העלער. די „מאָסקיטאָ" איז געוואָרן אַ שטענדיקע „פיטשור" ביי אַלע קאַנווענשאַנס.

אין יאָר 1914, ווען איך בין געווען אַ אָנגעזעענער טוער אין לאָקאַל 9, און אין דער „דזשאָינט באָרד," בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס „ביזנעס־אַגענט", און האָב געאַרבעט מיט לעווקאָוויטש און וואַנדערן אַ פּאָר יאָר. עס ווייזט אויס, אַז איך בין געווען דערפאָלגרייך אַלס ביזנעס־אַגענט, און מ'האָט מיר אָנפאַרטרויעט וויכטיקע מיסיעס אין מיין אַרבעט, און אין סטרייק פון 1916 האָב איך פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס. אין יענער צייט בין איך געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער „גערעכטיקייט."

נאָכן סטרייק פון 1916, ווען נייע באַאַמטע האָבן געדאַרפט אויס־געוויילט ווערן צו באַשטימטע פּאָסטנס, האָט דער גענעראַל מענעדזשער, מאָריס זיגמאַן, מיך רעקאָמענדירט אַלס מענעדזשער פון דעם בראָנז־ווילער אָפיס, באַקאַנט אַלס לאָקאַל 11.

די דאָזיקע „אַפּאָינטמענט" איז פאַר מיר אַליין געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, מחמת זיגמאַן האָט צו מיר קיינמאָל ניט גערעדט וועגן ווערן מענעדזשער פון אַ דיסטריקט. דאָס האָט געמיינט אַ גרויסע דערהייבונג.

אָבער דער בראָנזווילער אָפיס האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון זיין אַרומגערינגלט מיט גענגסטערס, און עס איז געווען אַ לעבנס־געפאַר אַריינצוגיין אין יענעם אָפיס. אָבער זיגמאַן האָט מיר אויפגעקלערט זיך ניט צו שרעקן, ווייל ער וועט שטיין הינטער מיר צו יעדער צייט.

זיגמאַנס געדאַנק אָנצושטעלן דאָרט אַ מענטשן וואָס האָט ניט קיין מגע־ומשא מיט די שלעכטע עלעמענטן אַרום יענעם אָפיס, כאָטש דעם ערשטן יאָר זיינען געווען היפּשע שוועריקייטן, האָט זיך מיין אַרבעט דאָך אַרויסגעוויזן דערפאָלגרייך און איך בין אָפּגעשטאַנען אויף דעם פּאָסטן אַכט יאָר, פון 1916 ביז 1924. איך האָב דורכגעמאַכט דריי סטרייקס און אַלץ דערפאָלגרייך. בראָנזוויל איז בכלל געווען אַ מלוכה פאַר זיך. הער לייבאָר לייסעאום איז געווען אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציע אין שטאָט. עס איז געווען אַן אמתער קולטור־צענטער, וואָס

האט אָנגעפירט מיט אינטערעסאַנטע קולטור־רעלע אונטערנעמונגען, לעק־ציעס, קאָנצערטן און בעלער און אַלע סאָציאַליסטישע קאַמפּיינס. דאָרטן האָבן זיך געפונען אַלע אָפיסעס פון אַלע יוניאָנס, אויך מיין אָפיס האָט זיך געפונען אין לייבאָר לייסעאום.

די פאַרוואַלטונג און פירערשאַפט פון דער אינסטיטוציע איז געלעגן אין די הענט פון אַ באַרד און דירעקטאָרן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן איינמאָל אַ יאָר ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אינדיווידועלע מיט־גלידער און פאַרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס. געוויסע צייטן בין איך געווען פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר פון דער באַארד, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט דער געביידע. סיי די געביידע און סיי די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט זיך אַלעמאָל געניצט אין פאָנדן, איבערהויפּט אין צייטן פון די פּאָליטישע קאַמפּיינס, אין אַן „עלעקשאַן״־יאָר.

אין מיין צייט איז אַ געוויסע צייט דער מענעדזשער געווען אַב. שיפּ־ליאַקאָוו ע״ה, אין פאַר שיפּליאַקאָוון איז אַ שטיקל צייט דער מענעדזשער געווען סאָל יוראָק. עס איז געווען יוראָקס אידייע צו מאַכן גרעסערע אונטערנעמונגען אין גרעסערע האָלס אין ניו־יאָרק, ניט אין בראָנזוויל. עס איז געווען סאָל יוראָק, וועלכער האָט געקראָגן צימבאַליסטן און אַלמאַ גלוק און מישאַ עלמאַן פאַר די לייבאָר לייסעאום קאָנצערטן.

אָט־די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן אַרויסגעפירט יוראָקן אין דער מוזיקאַלישער וועלט און ער איז זינט דאַן געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער אימפּרעסאַריאָ.

אַרום דעם לייבאָר לייסעאום האָט זיך אויך אויסגעלעבט טשאַרלס סאָלאָמאָן, לואי גאָלדבערג און שיפּליאַקאָוו, וועלכע האָבן אין יענער צייט פאַרטראָטן בראָנזוויל אין דער אַסעמבלי.

אַ שטיק צייט איז עס געווען זייער אַ לעבעדיקע צייט אין מיין לעבן, וואָס מען קען אַזוי שנעל ניט פאַרגעסן און וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן.

אַז מען וויל איז פופציק יאָר אַ גרויסער שפּאַן געשיכטע. איבער־הויפּט רעכענענדיק פון די אויפטואונגען און דערגרייכונגען וואָס קען פאַרשריבן ווערן פאַר אָט־דער באַוועגונג. אָבער צוריקגעשמועסט, וואָס איז 50 יאָר? אָט־דאָס אַלץ איז דאָך פאַרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן; איז דאָך דער שרייבער פון די שורות געווען אַן עדות און אַן אנטייל־נעמער אין דאָס אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען. אָט דרייען זיי זיך נאָך אַרום צווישן אונדז לעבעדיקע, די דאָזיקע געשיכטע־מאַכער: די צוקערמאַנס,

העמלינס, בראַונס, סיגאַלס, באַנטשיקס, און אַנדערע דאָ אין אַמעריקע. און די בן־גוריונ׳ס, בן־צבי׳ס, גאָלדע מאיר, שזר און אַנעדרע אין ישראל.

זיי האַלטן דאָך נאָך אין מיטן דער אַרבעט. זיי האָבן דאָך נאָך ניט פאַרענדיקט זייער גרויס ווערק — מדינת ישראל.

דער אָנהויב פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג איז געווען די פועלי־ציון פּאַרטיי. אויפגעקומען איז די פּאַרטיי אין ניו־יאָרק אינם יאָר 1905 פון אַ גרופּע אַריבערגעקומענע פועלי־ציון פון אייראָפּע.

שפּעטער זיינען אויך אויפגעקומען ענלעכע גרופּן אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, וואו פריער, וואו שפּעטער. אַזוי אַז אין 1906 איז שוין אין פילאַדעלפיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר.

די קליינע צאָל פועלי־ציון, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַמע־ריקע, איז ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און זיי האָבן דאָ אָרגאַניזירט זייער פּאַרטיי מיט דעם אָפּטימיזם, וואָס פלאַמט אַרויס פון דעם גרויסן גלויבן אין דעם אמת פון דער אידייע. זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג מיט דעם ענטוזיאַזם פון זיגער. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן זייער פּאַרטיי מיט דער עקשנות פון שטאַרקע גלייבער אין זייער זאַך, און עס איז געווען וואונדערלעך וואָס זיי האָבן ניט פאַרצווייפלט אין דער אַרומיקער אייזיקער קעלט.

אַמעריקע איז אָבער אַ לאַנד פון „פראַטוירנאַל אָרדנס.״ ביז אַמע־ריקע האָבן יידן ניט געוואוסט פון זיי. דער ערשטער אָרדן „בני ברית״ און אין 1887 האָט זיך געגרינדעט דער צווייטער יידישער אָרדן, דער אינדעפּענדענט אָרדן ברית אַברהם, אַן אָרדן פון יידישע מיטלקלאַס מענטשן. אין 1902, פופצן יאָר נאָך דעם אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, איז געגרינדעט געוואָרן דער אַרבעטער רינג, אַ ברידערלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער אָדער מיטגייער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

צען יאָר נאָך דער גרינדונג פון דעם אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד פון אַ גרופּע פועלי ציון חברים. דער פאַרבאַנד האָט זיך געווענדעט צום זעלביקן קלאַס יידן ווי דער עלטערער אָרדן, צום יידישן אַרבעטער און צום יידישן פאָלקס־מענטש. ער האָט זיי אָנגעבאָטן אַ מער מאָדערנע פאַרזיכערונגס סיסטעם ווי די וועלכע דער אַרבעטער רינג האָט געהאַט; געפּריידיקט צו זיי דעם זעלבן סאָציאַליזם, וואָס דאַרף באַפרייען די מענטשהייט און קודם־כל באַפעסטיקן זיך דאָ אין אַמעריקע.

זלמן זילבערצווייג

אַדער גאַר אַדער גאַרנישט

(פון באַביטש'עס 60 יאָריקן יובל־בוך)
(אַנשטאָט אַ ביאָגראַפיע)

איך האָב געבעטן חבר באַביטש ער זאָל מיר געבן אַ קורצע ביאָ־גראַפיע וועגן זיך, האָט ער מיר געענטפערט, אַז וועגן אַזאַ גרויסן מענטשן ווי ער איז, קען מען קיין קורצע ביאָגראַפיע ניט שרייבן. אַדער אַ גרויסע אַדער גאָרניט. ווען מיר האָבן אַביסל מער אינטים געשמועסט וועגן דעם, האָט ער מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער האָפט אַמאָל, ווען ער וועט ווערן אַביסעלע פריי פון אַ דזשאָב, אָנצושרייבן אַ גרעסערע אויטאָביאָגרפיע, וואָס זאָל אַריינעמען אַ היפשע גאַלעריי פון מענטשן מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, סיי אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, סיי אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, אין ניו־יאָרק און אויך אין לאָס אַנגעלעס. ער דענקט אַז דאָס קען זיין אַ וויכטיקער געשיכט־לעכער בייטראָג צ ודי 50־60 געשיכטע פון דעם פאַרטשריטלעכן טייל פון יידנטום אין אַמעריקע. ער האָט מיר אויך פאַרטרויט, אַז ער האָט צו פאַרשיידענע צייטן געשריבן אַרטיקלען, פעליטאָנען און שפּריצלעך אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען, וועלכע זיינען צעוואָרפן אין פאַר־שיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, און ער האָפט זיי אַמאָל צונויפזאַמלען. (דאָס טוט באַביטש איצט).

— דאַרף מען דאָך שוין אָנהייבן טראַכטן פון אַ נייער קאָמיטע? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין, פאַר דעם צוועק האָב איך שוין אַ קאָמיטע — איך אַליין. עס וועט זיין אַ „איך אַליין פאַרלאַג" איבערצולאָזן אַ ירושה מיינע קינדער.

— איז וואָס־זשע וועט פאַרט זיין מיט אַ קאַפּיטשקע ביאָגראַפיע? וואָס פאַר אַ רעדאַקטאָר בין איך פון אַ יובל־בוך, אָן אַ קאַפּיטשקע ביאָגראַפיע?

— טאָ נעמט אַרויס — זאָגט ער — אייער באַרימטע פאָונטן פען און פאַרשרייבט געוויסע דאַטעס און פאַסירונגען, וואָס איך האָב פאַר זיך פאַרצייכנט פאַר יענעם „גרויסן ווערק":

* * *

איך בין געבוירן געוואָרן אינם שטעטל טשעטשערסק, אַרום האָמעל, מאָהילעווער גובערניע, ווייס־רוסלאַנד. מיין טאַטע האָט געפירט אַ שניי־דעריי מיט בעלי־מלאכות און איז געווען אַ גאַנצער קאָכלעפל אין שטעטל, האָט באַלאַנגט אין אַ סך חברות און זיך געקריגט מיט די גבירים. ער האָט געקענט לערנען, און האָט גאַרניט שלעכט געדאַוונט ביים עמוד. (אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ פּאַלנער חזן און אָנגעהאַלטן אַן אייגן שולכל).

קיין אַמעריקע ניו־יאָרק) זיינען מיר געקומען אינם יאָר 1904 — מיין פאָטער, איך, און מיין עלטערער ברודער. די איבעריקע זעקס פאַר־שוין פון דער פאַמיליע זיינען געקומען אַ יאָר שפּעטער.

קיין משפחה האָבן מיר דאָ ניט געהאַט, חוץ אַ פּאָר ווייטע קוזינס און אייניקע לאַנדסלייט. האָבן מיר דורכגעמאַכט די באַקאַנטע „גוטע יאָרן" ווי אַלע „גרינע": פון זיין באָרדערס און זוכן דזשאָבס אין די שניי־דער־שעפּער, און זיינען שנעל געוואָרן כמעט אַמעריקאַנער.

איך בין נאָך דעמאָלט קיין 16 יאָר ניט אַלט געווען. דאָס אַמערי־קאַנער לעבן האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. קומענדיק פון אַ קליין שטעטל, וואו מען האָט זעלטן געזען אַ צייטונג, האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט אויף דער אַמעריקאַנער יידי־שער פּרעסע; מיין איינגעשלעפערטע ענערגיע און ווילן צו וויסן האָט זיך אין מיר גוואַלדיק צעפלאַקערט און איך בין געוואָרן אַ שטאַרקער לייע־נער. חוץ פּרעסע האָב איך ממש געשלונגען ביכער אָן אַ סיסטעם, אָן טאַלק: ראָמאַנען, דראַמעס, דערציילונגען, אין יידיש און רוסיש. דאָ אין אַמעריקע האָב איך זיך באַקענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור. מיין באַגער צו וויסן, צו לייענען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך פלעג אַפּט גאַנצע און האַלבע טעג פעלן פון שאַפּ, ווייל איך האָב געוואָלט איבער־לייענען אַ געוויסן בוך. די דאַמאָלסטדיקע אַסטאָר לייברערי, ניט ווייט פון מיין היים און מיין שאַפּ, איז געוואָרן מיין אמתע היים. טעג און נעכט האָב איך דאָרט פאַרבראַכט. נאַטירלעך האָב איך ניט פאַרפעלט די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. אַ בין איך געווען אַ הייסער אַנאַרכיסט, אַ יאָר שפּעטער — אַ פייערדיקער סאָציאַליסט. איך האָב אפילו דורכגעלייענט די גאַנצע יידישע פּרעסע פון אייראָפּע: דעם „יוד", דעם „פריינד" און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן. איך האָב אין זיך אַלץ איינגעזאַפּט ווי אַ שוואָם.

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דאָס יידישע טעאַ־

טער, וועגן וואָס איך האָב פריער בלויז געהערט. כ'בין געלאָפן פון איין טעאַטער אין צווייטן און צווישן די אַקטן פאַרענדיקט לייענען אַ בוך, ווי איך וואָלט אַ סך יאָרן פאַרלוירן און איך האָב עס געזוכט אומבאַ־וואוסטזיניק גוטצומאַכן, אָנצויאָגן. אין דער זעלבער צייט האָט מען איך געדאַרפט גיין אין נאַכט־שולע, שפּעטער אין איראַנס פּריפּערעטאַרי סקול, אַזוי אַז איך בין כסדר געלאָפן, כסדר געווען פאַרנומען.

אין יענער יוגנטלעכער באַגייסטערטער פּעריאָדע האָב איך אַמאָל באַזוכט דעם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", אויף מעדיסאָן סטריט, וואו יואל ענטין איז געווען דער גייסטיקער פירער און וואו אליהו טענענהאָלץ און אַ סך אַנדערע יונגע טאַלאַנטן פלעגן אויפטרעטן מיט פאַרלייענונגען, דעקלאַמאַציעס, און גע̇שפּילט איינאַקטערס. פאַרשטייט איר דאָך אַליין אַז איך בין געוואָרן גוואַלדיק באַגייסטערט פאַר דעם דאָזיקן קלוב. עס איז באמת געווען אַ וואונדערבאַרע גרופּע מענטשן און איר פאַרשטייט דאָך אויך אַז איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט אַ פּאָר פאַרלעזונגען און האָב זיך אַרויסגעלאָזט (געשיקט פון קלוב) פאַרשפּרייטן די בעסערע ליטעראַטור אויף דער איסטסייד צו פאַרשיידענע קאָנצערטן ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס, וואו ס'האָט דעמאָלסט געשווועבלט אויף דער איסט־סייד. די עטלעכע יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קלוב זיינען באמת געווען זייער אינטערעסאַנטע און ליכטיקע, און ביז אויף היינטיקן טאָג איז נאָך דאָ אַ שטאַרקער בונד פון פריינדשאַפט צווישן די מיטגלידער פון יענעם קלוב.

אין רעכטן מיטן פון מיין סמאַליען אַ וועלט, איז אַריינגעטראָטן אַן איבעררייס. עס איז אָנגעקומען דער קריזיס פון 1907-8. עס איז ניט געווען וואָס צו עסן. דער דאַמאָלסטדיקער „רעמואוואַל אָפיס" (אַ יאַהודימשע אָרגאַניזאַציע) האָט איבערגעשיקט עטלעכע פון אונדזערע בחורים קיין טאָראָנטאָ, קענעדע. — — —

איצטער דאַרף קומען אַ קאַפּיטל „טאָראָנטאָ, קענעדע", ווי אַזוי מיר האָבן דאָרטן געסמאַליעט אַ וועלט; אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קלוב אויפן שטייגער פון ניו־יאָרק און געשפּילט טעאַטער, דעקלאַמירט און געלייענט און אויסגעצאַנגען מיט די שיינע מיידלעך פון טאָראָנטאָ; ווי אַזוי איך האָב געוואונען דאָס האַרץ פון מיין באַשערטער; ווי אַזוי מיר האָבן אין 1910, אין צייט פונם קלאָוקמאַכער סטרייק, ווען מיר האָבן סייווי ניט געהאַט וואָס צו טאָן, ביידע חתונה געהאַט; ווי אַזוי מיר האָבן בשותפות מיט נאָך אַ חבר געדונגען אין ברוקלין אַ 5־רום אַפּאַרטמענט

פאַר ‎$11.00‎ אַ חודש, און מיר האָבן זיך „געסעטלט״; ווי אַזוי איך בין צוליבן קלאָוקמאַכער סטרייק אַריינגעצויגן געוואָרן אין יוניאָן אַקטיווי־טעט און בין מיט דערזעלבער באַגייסטערונג געוואָרן אַן אַקטיווער יוניאָן טוער, און בין אין צייט פונם הורוויץ־לאַנדאַן קאַמף געווען שטאַרק מיטבאַטייליקט אויפן הורוויץ צד און האָב שפּעטער איבערגענומען וויכטיקע באַצאָלטע פּאָסטנס אין דער יוניאָן, פריער אַלס ביזנעס־אַגענט און שפּעטער אַלס מענעדזשער פונם בראַנזווילער אָפיס. — — —

און דאָ דאַרף קומען אַ באַזונדער קאַפּיטל: „מיין אַנטייל אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.״ שוין אין מיינע ערשטע פּייערדיקע טעג פון אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם זיינען געקומען קיין אַמעריקע דר. נחמן סירקין, דר. חיים זשיטלאָווסקי און אַ צאָל אַנדערע, און איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידייע פון טעריטאָריאַליזם, און האָב אין טאָראָנטאָ און שפּעטער אין ניו־יאָרק באַלאַנגט צו טעריטאָריאַליסטישע גרופּן. בעת דער פאַראייניקונג פון די טעריטאָריאַליסטן מיט די פּועלי־ציון, בין איך דאַמאָלסט געווען אין רעכטן קאַך פון מיין יוניאָן־אַרבעט און האָב זיך אין דעם ניט באַטייליקט. שפּעטער, ווען דער פאַר־באַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1913, בין איך געווען אינסטרומענ־טאַל אַריינצוברענגען אין פאַרבאַנד מיין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי, דעם איצטיקן בראַנטש 80 אין ניו־יאָרק. זינט דעמאָלט בין איך פאַר־בונדן מיטן פאַרבאַנד. כ׳בין יאָרן געווען אַ מיטגליד פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע — כאָטש מיר, די עטלעכע נאַציאָנאַליסטן אין דער יוניאָן, האָבן אַריינגעכאַפּט דערפאַר גענוג צרות. אין ‎1925-26‎ בין איך געווען סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער שטאַט־קאָמיטעט, און אין יאָר 1927 בין איך אַנגעקומען אין לאָס אַנגעלעס. — — —

דאָ דאַרף קומען אַ קאַפּיטל „פאַלקשול און פאַלקסהויז אין ל. א.״ דאַן אַ וויכטיק קאַפּיטל: „זעקס יאָר קאַליפאָרניער אידישע שטימע״ און צום סוף: „צען יאָר פאַרבאַנד״— איז פאַר די אַלטע חברים מיין לעבן אין לאָס אַנגעלעס אַן אָפן בוך, זיי ווייסן עס בעסער פון מיר; פאַר די נייע וועל איך אי״ה, ווי איך האָב געזאָגט אין אָנהויב, די מעשה אַמאָל אָנשרייבן.

(די טעטיקייטן אין לאָס אַנגעלעס און „אַביסעלע״ פּרטים וועגן באַבּיטשעס אַקטיוויטעטן ביז ל. א., זע אין בוך וואָס דו, לייענער, האָסט איצט פאַר זיך).

זכרונות

ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט...

(אַ בריוול אַזאַ, צו מיין פריינט א. באַביטש, לכבוד דינע „אימענינעס")

פון אליהו טענענהאָלץ

סוף תמוז, תשכ"א — יוני, 1961

ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט... איך גלויב נישט, באַביטש, אַז מיר זיינען שוין אין די זיבעציקער... אַט זיינען מיר דאָך אַט־ערשט־אַ אינאיינעם געווען אין „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב", אינאיינעם מיט אונדזער רבין, יואל ענטין, געוואָלט בויען „אַ ריינע, איידעלע יידישע בינע"; אַט זע איך זיי דאָך, יענע יונגע יאָרן אונדזערע — פול מיט יום־טיב, פול מיט האָפענונג!

וואָס־זשע, זיי זיינען שוין אַוועק?

ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט...

נו, אַט־איצטערט־אַ, טאַקע דיר צוליב, באַביטש, נעם איך און כאַפּ אַ קוק פון דאַנען ביז אַהין, אין אונדזערע קלוב־צימערן אויף מעדיסאַן סטריט, איסט־סאַיד ניו־יאָרק; ס'איז אַ בייטאָג אין אַ ווינטער, אַ מיטנ־דערוואָך, עטלעכע חברים אונדזערע זיינען שטאַרק פאַרטאָן, פאַדען אַרוםביים טשוהונעם אויוון אין וועלכן עס בראָטן זיך קאַרטאָפּליעס (אין די „העמדלעך") און באַלד וועט זיין אַ סעודה... און אַט איז שוין אויך אָנגעבראַכט ברויט מיט אַ פּאָר שמאַלץ־הערינג און, אַ סעודה איז עס — אויף אונדזערע קומענדיקע דורות געזאָגט! מען זינגט פאָלקס־לידער, מען פאַרבייסט מיט פּרץ, מיט שלום עליכם, מיט אַברהם רייזין. איז ווילסטו מיר זאָגן, מיין ליבער באַביטש (אָדער, דערמאָן זיך, ווי דובינסקי און ווייסבערג פלעגן דיך פאַרציען: „באַב־יעץ"), ווילסטו מיר זאָגן לאמר, אַט אַזעלכענע שטיקער לעבעדיק לעבן זיינען נישט צום געדענקען, נישט אַ דערקוויקעניש?

ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט!

שאַ, אפשר האָסטו בדעה מיר איינשמועסן אַז דו האָסט „געמעמ־בערט" אין דראַמאַטיק קלוב מחמת אַ חשק צו גיין אויף דער בינע — ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט. וואָס איך ווייס יאָ און גלויב יאָ איז, אַז

דו האָסט מיט דיין יונגן ענטוזיאַזם געאַרבעט צו העלפן שאַפן אַ ריינערע יידישע בינע, האָסט צוגעטראָגן דיין חלק פון ראַפינירטקייט און גוטן געשמאַק ; האָסט עס געטאָן, ווייל דו האָסט עס ליב געהאַט צו טאָן, אָבער אַליין ווערן אַן אַקטיאָר— ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט !

אויך בעט איך דיך, פּרואוו נישט מיר איינריידן אַז אַלע דיינע קהל־שע אַרבעטן, ווי פאַר די פאָלק־שולן, פאַרבאַנד־גרופּן און דיין רעדאַק־טירן אַ יידישע צייטונג דאָ, ריין און ציכטיק און יידיש — אַז דאָס אַלץ האָסטו געטאָן מיט אַ חשבון, מחמת אַ דערשטופּעניש צו עפּעס אַן איבנ־אָן — ווייסעכוואָס, איך גלויב נישט !

דו ווייסט דאָך, באַביטש, אַז איך פּיל מיך תמיד נאָענט מיט דיר. דאַרף איך דאָך דאָ, אינם קורצן בריוול, נישט גרימירן זיך מיט פּראַזנ־שמינק, מיט ווערטערפאַרב, ווי די מאָדנע מאָדע איז... וואָס איך וויל דיר זאָגן, בקיצור, איז: כאָטש דו ביזט דיין וועג געגאַנגען און גייסט (אויף לאַנגע יאָר נאָך!) מיט ש ט י ל ע ט ר י ט — און אפשר טאָקע דערפאַר וואָס ווייל מיט שטילע טריט — האָסט פאַרזעצט און פאַרזייט שפּורן שיינע, שפּורן יידישע פון אונדזער דור, שפּורן ליכטיקע, וועלכע ווערן נישט אָפּגעמעקט !

איז ווינטש איך דיר געזונט און אַלדאָס גוטס.

תמיד דיין עליע

מיינע יאָרן מיט דער „קאַליפ. אידישע שטימע"

נאָכדעם ווי די „שטימע" האָט זיך צוגעמאַכט אַלס אַ טעגליכע צייטונג (ענדע צוואַנציקער יאָרן) האָט זי י. גאַרין נאָך אַנגעהאַלטן עפּעס ווייניקער ווי אַ יאָר אַלס אַ וועכנטלעכע צייטונג. די פינאַנציעלע לאַגע פון דער צייטונג איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. עס האָט געהאַלטן ביי אַ באַנקראָט. דאַן האָט מיר גאַרין פאָרגעשלאָגן איך זאָל איבער־נעמען זיין חלק און ווערן אַ שותף צו דעם זעצער זעלענקאָ, וועלכער האָט געהאַט 50 פּראָצענט פון די שערס אין דער צייטונג און איך האָב איבערגענומען גאַרינס 50 פּראָצענט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אויסגעגליכן מיט די קרעדיטאָרן האָב איך איבערגענומען די געזעלשאַפטלעכע זייט פון דער צייטונג; בין

געוואָרן דער מענעדזשינג עדיטאָר — אַביסל צופיל פליכטן פאַר איין מענטשן. איך האָב געזוכט צוציען נייע כוחות.

אַ געוויסע צייט האָבן מיר אַריינגענומען אָסקאַר קאַרטאָזשינסקי צו העלפן אין שרייבן און איך קריגן אַדווערטייזמענטס, אָבער ער איז לאַנג ניט געשטאַנען מיט אונדז.

די צייטונג האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן פנים; איז געווען נאַציאָנאַל ראַדיקאַל אין כאַראַקטער און האָט צוגעצויגן אַ סך שרייבער פון שטאָט, פון לאַנד און פון ישראל.

מיין קאָלום: „ביי אונדז און ביי לייטן", פון אַלף־בית, האָט רעי־אַגירט אויף אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שטאָט. כדי אויסצופילן די זייטן אין יידיש האָבן מיר געמוזט שניידן פון אַנדערע צייטונגען, אָבער אַלע אויסגעשניטענע מאַטעריאַלן זיינען געווען אין גייסט און כאַראַקטער פון דער צייטונג.

די צוויי שותפים פון דער צייטונג האָבן ניט געקראָגן יעדע וואָך קיין געהאַלט. כדי צו פאַרבעסערן אונדזער פינאַנציעלע לאַגע האָבן מיר דורכגעפירט אַ גרויסן קאָנצערט אין טריניטי אוידיטאָריום, וואָס האָט אינדז אַריינגעבראַכט אַרום 2000 דאָלער. אָט־די אונטערנעמונג האָט אונדז איבערצייגט אַז מיר שטייען ניט אַליין, אַז מיר האָבן אַ באַכפאַלגער־שאַפט. יעדער פּלאַץ אין זאַל איז געווען פאַרנומען. די קאָמעדיע: „אין אַ יידישער רעדאַקציע", געשריבן פון באַביטש און טענענהאָלץ, האָט גוואַלדיק אויסגענומען און די שטימונג אַרום דער צייטונג איז געוואָרן פריילעכער.

עס דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער טומל וואָס אינדזער צייטונג האָט געמאַכט מען זאָל איינפירן אין סידערס און לעבאַנאָן האָספּיטאַל מער פרייע בעטן פאַר נויטבאַדערפטיקע פאַציענטן. מיר האָבן געדרוקט אַ סך בריוו פון לייענער וועגן דעם סקאַנדאַל וואָס מען האָט אַרויס־געשיקט דעם אַלטן דיכטער מנחם מענדל דאַליצקי פון האָספּיטאַל. אונדזער מיטאַרבעטער, ב. באַטשעליס ע"ה האָט געשריבן אייניקע אַר־טיקלען וועגן דעם סקאַנדאַל. די פאַרוואַלטונג פון האָספּיטאַל האָט אונדז גערופן צו אַ קאָנפערענץ און באַשטימט אַ גרעסערע צאָל בעטן פאַר אָרעמע מענטשן.

אין יענער צייט האָט לואי הדס געבראַכט סעם גאַכן צו אַרבעטן פאַר דער צייטונג אַלס אַדווערטייזינג סיילסמאַן. מיט גאַכ'ס אַריינקומען אין דער צייטונג איז אַריינגעטראָטן אַ נײַ לעבן מיט זיינע פעאיקייטן

אַלס סיילסמאַן. ער האָט אויך אַריינגעבראַכט פּאָליטישע אַדוועֶרטייז־מענטס, וואָס מיר האָבן פריער ניט געהאַט.

גאָך איז געוואָרן אַ שותּף אין דער צייטונג און איינגעפירט זיבן זייטן ענגליש און איין זייט יידיש. דאָ האָט דער שרייבער פון די שורות זיך דערפילט צו ענג און ער איז אויף אַן ערנהאַפטן אופן אַרויס פון דער צייטונג.

זינט מיין אַרויסגיין איז די צייטונג אַן אָפענער בוך. זי האָט גע־מאַכט גרויס פּאַרטשריט; איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שטאָט.

עס דאַרפן דערמאַנט ווערן אייניקע מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער צייטונג אין אַלע צייטן, סיי מיט זייער שרייבן, סיי מיט זייער גרייטקייט צו העלפן דער צייטונג. דאָס זיינען געווען: דר. לעאָ בלעס, ה. רויזענבלאַט, פּיטער מ. כהן, מאַקס שערמאַן, י. ש. נאַאומאַוו, הירשל גאָלד, ברכה קודלי, משה וויסמאַן, י. אַלקאַן, פּינטשע בערמאַן, דוד גיסנעט, י. סאַכער, משה גלאַזער, פיליפּ ריסקין, נחום כיניטש, אליהו טענענהאָלץ, דער בראָנזווילער סטאָליער, און אַ פּאָר מיטאַרבעטער פון ארץ ישראל.

אַ גרוס פון ניו־יאָרק

וואָס הערט זיך עפּעס אין ניו־יאָרק? איז די ערשטע פראַגע פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע צו אַן ערשט אָנגעקומענעם פון ניו־יאָרק. וואָס הערט זיך עפּעס אין ניו־יאָרק? — פרעגט מיך דער רעדאַקטאָר פון דער „קאַליפ. אידישע שטימע."

איך בין זיכער, אַז די פרעגער דערוואַרטן ניט, אַז דער ניי־אָנגע־קומענער זאָל זיי באמת אָפּגעבן אַ גרוס פון ניו־יאָרק. געוויינלעך איז יעדער פרעגער פאַראינטערעסירט אין זיין ניו־יאָרק. איינעמס ניו־יאָרק מיינט בראָנזוויל, וואו זיין שוועסטער וואוינט. וואָלט ער טאַקי באמת געוואָלט וויסן וואָס די שוועסטער טוט, צי האָט איר מאַן פּרנסה, צי גייט ניט די קאַרפּענטער יוניאָן אַרויס אין סטרייק און צי הונגערט זי ניט דאָרט. אַ צווייטער איז פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט „ביזנעס" אין ניו־יאָרק, דיעל עסטייט, סטאָק עקסטשיינדזש א.אז.וו. איך בין זיכער אַז איר, פאַני רעדאַקטאָר, מיינט דאָך אַנאַנדער ניו־יאָרק. איר מיינט דאָך די ניו־יאָרק פון צווייטער עוועניו און איסט בראָדוויי,

דאָס ראַדיקאַלע וועלטל, די באַוועגונג, די פּרעסע, דאָס טעאַטער. איז וואָס פּאַר אַ גרוס, אַ שטייגער, קען איך אייך אָפּגעבן?

איר געדענקט דאָך אַוודאי דעם גרוס וואָס שלום עליכמס שניידער האָט געשריבן פון רוסלאַנד נאָך די פּאָגראָמען: ס'איז שטיל ביי אונדז, גאָט צו דאַנקען. אין ניו־יאָרק, פּאַני רעדאַקטאָר, איז איצט אייך שטיל. ס'איז שטיל אין דער יידיש־ראַדיקאַלער וועלטל. ס'איז שטיל אין די יידישע שעפּער. ס'איז שטיל און פּוסט אין פילע יידישע הייזער, חוץ וואָס ס'מאַכט זיך דאָרט אַ מאָל שטיקל טומל אַרום אַ שאַפּ, און מ'צע־שטעכט אַ פּאָר „לינקע" אָדער מען צוממיתט אַ פּאָר „רעכטע". מען אַרעסטירט עטלעכע צענדליק „פּיקעטס" פון דעם צד אָדער יענעם, אָדער מען טראָגט אַרויס פון אַ מיטינג אַ פּאָר צעקאַליעטשעטע „ברי־דער," וועמען סאיז שווער צו דערקענען, צי זיי זיינען לינקע אָדער רעכטע, אָבער ווייטער איז דאָרט שטיל אין רואיק אַזוי ווי גאָר ניט...

אין די שעפּער — די יידישע יוניאָן שעפּער, וואו יידישע שניידער האָבן געמאַכט אַ לעבן און עס האָט געשטורעמט מיט לעבן און קאַמף — איז איצט, גאָט צו דאַנקען, שטיל. קיין אַרבעט איז ניטאָ. שיקסעס, זאָגן זיי, מאַכן די אַרבעט אין די אַרומיקע דערפער, און קיין יוניאָן־שעפּער זיינען טאַקע אויך ניטאָ. די לינקע ווילן דאָך ניט באַלאַנגען צו דער רעכטער יוניאָן, און, פאַרקערט, ווילן דאָך די רעכטע ניט באַלאַנגען צו דער לינקער יוניאָן. און באַסעלעך מיט אַ היבשער צאָל „קלאָסן־באַ־וואוסטע" אַרבעטער באַנוצן זיך מיט דער סומאַטאָכע און האָבןביידע יוניאָנס ערגעץ אַנדערש. זיינען טאַקע יוניאָן־שעפּער דאָ ביי די גויים און ביי אונדז — שאַ, שטיל, אַ מחיה!

ענלעכעס איז אייך אין די אַנדערע ווינקעלעך פון יידישן ניו־יאָרק, פּאַני רעדאַקטאָר! אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז, גאָט צו דאַנקען שטיל. ניטאָ קיין מיינונגס־פאַרשידנהייט. די אַמאָליקע אַסעמבלי דיסט־ריקט ברענטשעס זיינען פאַרשריבן אויף די רעקאָרדס. מיטינגען האַלטן די רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטן, צעוואַרעמט זיך דאָס בלוט ביי עטלעכע אונדזערע און מען מאַכט אַ קאַמפּיין, ווערט מען אָפּגעקילט פון גרויסן דורכפאַל און עס ווערט קאַלט אויף דער נשמה. איז ווייטער שטיל, שאַ . . .

אינם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן לאַגער איז דאַכט זיך אייך נישט קיין צו גרויסער רעש. האָבן זיך די חברה פאַרקליבן אויצ אַ צענטן שטאָק און עס איז שווער צו כאַפּן אַ וואָרט פון דאָרט. מען הערט אפילו אָפּט פון

דאָרט די פּושקעס קלאַפּן, אָבער פּושקעס קלאַפּט מען דאָך ביי יידן — איר ווייסט דאָך ווען...

דערפאַר, זעט איר, אויפן געביט פון דערציאונג, פּאַני רעדאַקטאָר, איז ביי אונדז אַ שפע. אַזוי פיל שולן, קיין עין־הרע, און ניט אַלע די זעלבע. פאַראַן פון וואָס אויסצוקלייבן: פאַרבאַנד פאָלקס־שולן, אַרבעטער רינג רעכטע שולן, אַרב. רינג לינקע שולן, אומפּאַרטייאישע שולן, שלום עליכם שולן און סתם שולן. און אין אַלע שולן פייפט דער דלות. פּוסטע ווענט, צעבראָכענע בענקלעך, אָרעמע דירות, קאַלטע באַהייצונג, הונגע־ריקע לערער, און אַרום יעדער שולע עוסקן זיך אַ פּאָר יידן; ווילן נעבעך ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק. און דאָס אידישע פאָלק קימערט זיך ווייניק וועגן אָט־די נאַרישקייטן. עס שלאָפט זיך רואיק און לאָזט זיך ניט שטערן. און עס איז — שאַ, שטיל, אַ מחיה!

אפילו אין אונדזער יידישן טעאַטער, וואו עס דאַרף דאָך זיין דאָס לעבן אַליין, איז איצט אויך שאַ, שטיל. איר געדענקט דאָך, אַז די נביאים האָבן אַמאָל פאָראויסגעזאָגט, אַז אונדזער יידיש טעאַטער וועט איבער־וואַקסן די טעאַטערס פון אַלע אַנדערע פעלקער. האָט דאָס טעאַטער רחמנות געהאַט אויף די אַנדערע פעלקער און איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ניט געגאַנגען ווייטער אַ טראָט. אדרבא, נאָך געמאַכט אַ פּאָר טריט צוריק. די „כינקע פּינקע" אָפּערעטע און די „פאַרפירטע" מעלאָ־דראַמע זיינען נאָך אַלץ דער הערשנדער כוח אין יידישן טעאַטער. און די צוויי ליטעראַרישע טעאַטערס מאַטערן זיך; איינער איז געוואָרן אַ מעלאָדראַמע טעאַטער און האָט זיך סוף כל סוף פאַרמאַכט, און דער אַנדערער, אונדזער שטאָלץ, דער קונסט־טעאַטער — זאָגט מען — גייט דאַכט זיך איבער אין רשות פון מאַקס געביל, דעם קעניג פון מעלאָ־דראַמע. ווייטער איז אין דעם טעאַטער־וועלטל אויך פיין. קאַפע ראָיאַל איז באַזעצט, מען חנפעט איינע די אַנדערע, ווי אַלע מאָל, מען קושט זיך און מען פאַרגינט ניט איינער דעם אַנדערן דאָס לעבן. און אַרום דער קאַסע איז — שאַ, שטיל, אַ מחיה!

ווייטער האָבן, דאַכט זיך, קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן ניט פּאַסירט לעצטנס ביי אונדז אין ניו־יאָרק. אַלץ גייט מיטן געוויינלעכן גאַנג. אין דער ליטעראַרישער קאַפע טרעפט איר די זעלבע שרייבער זיצן אויף די זעלבע פלעצער, חוץ וואָס אַברהם רייזען האָט זיך געקויפט אַ נייעם הוט און משה נאַדיר האָט זיך געקויפט אַ נייעם שניפּס — אַ רויטן, אַ גרויסן. סעקאַנד עוועניו איז חלילה ניט געענדערט. חנא שפּאַנט איבער דער עוועניו מיט אַ ציגאַר אין מויל און באַגריסט מיטן „העלאָ,

באַי!"— ווי אַלע מאָל און דער אַקטיאָר, וואָס האָט קיין דזשאַב ניט, מיט דער בלום אין לאַץ, שטייט אויפן וועלבן אָרט. ווייטער איז אַלץ שאַ, שטיל, שאַ, ביי אונדז אין ניו־יאָרק.

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, ווען עס וועט זיין פריילעכער אויפן האַרצן, וועל איך פּרובירן אָפּגעבן אַ גרוס פון די ליכטיקערע ווינקלעך פון אונדזער ניו־יאָרק, אַמעריקע. — וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאָס אַנדזשעלעס?

אַ גרוס פון לאָס אַנדזשעלעס

מיין ליבער שלמון!

ערשטנס, זאָלסטו מיר מוחל זיין, פאַרוואָס איך האָב דיר די גאַנצע צייט ניט געשריבן. דאָ, אין אונדזער מדינה איז דאָ זייער ווייניק צייט אויף צו שרייבן; ערשטנס, צוליב דעם גייעג נאָך פּרנסה, און אין לאָס אַנדזשעלעס האָט די פּרנסה אַזאַ טבע, אַז וואָס מער איר יאָגט זיך נאָך איר, אַלץ שטאַרקער אַנטלויפט זי פון אייך, און עס גייט אָן אַ שטענדיקער געיעג... און צווייטנס, זיינען מיר אַביסל פאַרנומען מיט גיין אויף „פּאַדיס" אין כאַפּן „ראַידס", דאָס הייסט, מען פאָרט זיך דורך אַ קאַפּיטשקע און אַזוי ווי די שטאָט איז קיין אין־הרע גענוג גרויס, און דער אָרום־שטאָט איז נאָך גרעסער, און קיין אויטאָמאָבילן פעלן ביי אונדז, גאָט צו דאַנקען, ניט אויס, כאַפּט מען אַ „ראַיד". און פאַרנדיק — פאַרשטייסט דאָך אַליין — קען מען קיין בריוולעך ניט שרייבן. און דערפאַר טאַקע, מיין ליבער זלמן, האָב איך דיר נישט געשריבן.

אַלזאָ, בעטסטו מיך, הייסט עס, מיין ליבער זלמן, איך זאָל דיר אַביסל באַשרייבן אינדזער מדינה לאָס אַנדזשעלעס: וועל איך דיר זאָגן, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי גוואַלדיק אינטערעסאַנט. עס איז ניט שטאַרק אַנדערש ווי ביי אייך דאָרט אין דער גרויסער שטאָט — מיט דער אייג־ציקער אויסנאַם, וואָס ביי אונדז איז עס אַביסעלע קליינשטעטלדיקער. דאָס הייסט, קלענער, מיניאַטורער, אַזוי צו זאָגן. לינקע און רעכטע זיינען ביי אונדז אויך דאָ. פיינט האָט מען זיך איינע די אַנדערע פּונקט ווי ביי אייך. און אפשר נאָך אַ קאַפּעטשקע שטאַרקער. זידלען זידלט מען זיך דאָ אויך. נאָר איין מעלה האָט לאָס אַנדזשעלעס: מען שלאָגט זיך ניט. אַפּנים, עס איז ניטאָ איבער וואָס צו שלאָגן זיך. די יוניאָנס זיינען נעבעך זייער שוואַך, די אינדוסטריען נאָך זייער ווייניק אַנטוויקלט, און אַזוי ווי מען האָט נאָך ניט אויסגעבויט און עס איז נאָך ניטאָ וואָס אָפּצונעמען

איינע פון די אַנדערע, שלאָגט מען זיך ניט. נו, דאַנקען גאָט דערפאַר.

די קינדער דערציט מען דאָ פּונקט ווי ביי אייך: אַרבעטער רינג'יש, קאָמוניסטיש און פאָלק־שול'יסטיש... בסך הכל אַ פּאָר הונדערט קינדער אַרום און אַרום. וויטער וואַקסט זיך אַ דור פון אַ פּאָר צענדליק טויזנט גויים, פּונקט אַזוי ווי ביי אייך, מיט דער איינציקער אויסנאַם, וואָס אינ־דזערע גויים זיינען, דאַכט זיך, גרעסערע...

אַלע אַנדערע ווינקעלעך פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען, ווי איך האָב דיר גזאָגט, אַן אָפּשפּיגלונג פון אייך. וואָס עס איז דאָ ביי אייך, איז ביי אונדז אויך דאָ. דיזעלבע לאַדזשן, דיזעלבע חברה'ס, די־זעלבע תלמוד־תורה'ס — מיט דער איינציקער אויסנאַם, וואָס ביי אונדז איז אַלץ קלענער. ביי אייך, אַ שטייגער, קומען צו אַ מיטינג 13 מיט־גלידער, קומען ביי אונדז 3. מיר זיינען דאָך קלענער, דאַרף דאָך אַזוי זיין.

א מעלה, זעסטו, איז דערפאַר ביי אונדז דאָ, וואָס מען קען זיך איינע די אַנדערע; מען איז זיך ניט אַזוי פרעמד ווי ביי אייך דאָרט. און דער־פאַר טאַקע לייכטער איינע די אַנדערע צו באַריידן, צו טרייבן רכילות, ווייל פּונקט ווי דער געיעג נאָך פּרנסה איז דאָ ביי אונדז שטאַרקער אַנטוויקלט, אַזוי איז ביי אונדז שטאַרקער אַנטוויקלט אויך דער געיעג נאָך דאָס קאָפּעטשקע כבוד. עפּעס אַ מין מגפה איז דאָ פאַרשפּרייט פון כבוד־היבעריי. און אַזוי ווי די שטאָט איז קליין און דער כבוד מאַטעריאַל איז זייער באַשרענקט און מען קען זיך מיט דעם ניטצוואַרפן, איז טאַקע גרויסע צרות, איז טאַקע זייער שווער זיך איינצוטיילן. פאַרשטייסט דאָך אַז עס זיינען אַלע מאָל דאָ אַ סך געקריוודעטע, דאָס הייסט, כבוד־לאָזע, אָדער בעסער געזאָגט, אַזעלכע וועלכע האָבן געקראָגן אַ גאַנצע שיסל כבוד, און אַנדערע, וואָס האָבן געקראָגן אַ לעק אויפן שפּיץ גאָפּל. פאַר־שטייסטו דאָך, אַז פון דעם וואַקסן אַרויס קריגערייען, באַריידערייען און די באַרימטע אינסטיטוציע פון רכילות.

און דער ריכטיקער מקור פון רכילות זיינען אונדזערע היימישע „פּאַדיס". דאָס, זעסטו, איז שוין אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, אָדער אַ לאָס אַנדזשעלעסער פּראָדוקט. איר, דאָרט, ווייסט ניט פון דעם. ביי אייך, ווייס איך, אַז גוטע פריינט אַזן באַקאַנטע קומען זיך צונויף אין טעאַ־טער, צו אַ קאָנצערט, אַ באַנקעט. אין דער היים טרינקט מען אויף שנעל אָפּ אַ גלאָז טיי און מען לויפט ערגעץ. ביי אונדז דאָ גייט מען איינע צו די אַנדערע אויף כיבוד. מען קומט זיך צונויף היינט אין דעם הויז, מאָרגן אין אַנאַנדער הויז; מען נעמט טאַקע אין מויל אַריין אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי דאָרפישע מענטשן קענען, און מען באַרעדט איינע די אַנדערע

אויף וואָס די וועלט שטייט. און וואָס מער חשוב איר זייט אין שטאָט, אַלץ אַ גרעסערע צאָל מענטשן קענט איר, אַלץ אַ גרעסערן באַגאַזש פֿון באַריידונג־מאַטעריאַל האָט איר.

און שלעכט איז טקע אונדזערן אַ ניי־אַנגעקומענעם, וואָס קען ניט נעמען קיין אַנטייל אין דער רכילות־צערעמאָניע, וואָס קומט געוויינלעך נאָכן עסן. אַז קענען די קרבנות וואָס ווערן געצימבלט, קען ער ניט, מוז ער נעבעך זיצן און שווייגן. אָבער איינער, וואָס איז ניט קיין פֿאַר־שלאָפֿענער און וויל זיך שנעל אויסגרינען, כאַפּט ער דעם שניט אין אַ קורצער צייט און ער גייט אין שפּאַן.

און איך מוז דיר זאָגן, אַז אויב לאָס אַנדזשעלעס האָט מיך ניט געוואונען פֿאַר קיין גרויסן אַנהענגער פֿון דער „פֿאַדי״־אינסטיטוציע, דערפֿאַר בין איך אָבער דער גרעסטער פּאַטריאָט פֿון נעמען אַ „ראַיד״. דאָס, ברודער זלמן, קענט איר ביי אייך ניט קריגן! אַזאַ דרויסן ווי לאָס אַנדזשעלעס האָט, האָט דאַכט זיך ניט קיין ווינקל אויף גאָטס ערד. פֿאַרסט, ברודער, אַרויס אַביסעלע פֿון שטאָט — און אַפֿילו אין שטאָט — באַגעגנט דיך אַ זון — איינע אין דער וועלט, וואָס שיינט און לייכט און וואַרעמט, אַז עס צענעמט דיך. און עס באַגעגענען דיך אויפֿן וועג ביימער און ביימער. פּאַלמען־ביימער און פּראָסטע ביימער, און בלומען, אַ ים פֿון בלומען. און ווען איר ציטערט דאָרט איצט אין די רויטע סוועטערס און וואַרעמט זיך ביים אויוועלע, פֿאָרן מיר אַרויס זומערדיק אין די אויטאָמאָבילן און באָדן זיך אין דער היגער זון.

נו, זאָג אַליין, לוינט זיך ניט איבערצולאָזן טאָמאַשעווסקיס טעאַטער, געבילס טעאַטער און דילענסי סטריט, צוליב דעם אַליין?

בריוו פֿון ארץ ישראל

(געווען געדרוקט אין דער „קאַליפֿ. איד. שטימע״ אין 1949)

אין דער איינלאַדונג וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון דער „יונייטעד איזראַעל טורס אינק״, אַ טוריסטן געזעלשאַפֿט, אָרגאַניזירט פֿון אונדזער באַוועגונג, איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַ טור פֿון אַמעריקאַנער חברים זיך צו באַטייליקן אין דער פֿייערונג פֿונם ערשטן יאָרטאָג פֿון דער דערקלערונג פֿון ישראל אַלס אַ מלוכה. איך האָב זיך משער געווען אַז הונדערטער חברים און פֿריינד פֿון אַמעריקע זאָלן זיך ווענדן אין דעם יום־טוב באַטייליקן, אָבער צוליב דעם וואָס די

פייערינג אין ישראל קומט אויס אַ סך שפּעטער ווי ביי אונדז אין אַמע־ריקע (לויטן יידישן לוח) איז פון דער אַניווערסאַרי טור געוואָרן אַ פּראָס־טע רייזע קיין ישראל. נו? און אַ פּראָסטע רייזע קיין ישראל גייט עפּעס צופוס? עס איז דאָ געניג וואָס צו פייערן...

* * *

ביים שיף אין ניו־יאָרק באַקאָנען מיר זיך מיט אונדזערע 14 מיט־פאָרער, וועלכע פאָרן מיט אונדז אויף דעם טור. די אַנדערע מיטפּאָרער קומען מארבע פּינות אַמעריקע. מיר שטייען אַלע אויפן דעק פון דער ריזיקער „קאַראַניע"—אַ נייע שיף וועלכע מאַכט ערשט איר צווייטע רייזע קיין איראָפּע. מען פּאַכעט מיט די היטלען, פאַטשיילקעס, און עס ווייען אויך אַ פּאָר יידישע פאָנען. די שיף דערוויטערט זיך. עס ווערט אומעטיק אויפן האַרצן... דאָ וואָלט געדאַרפט קומען אַ פּאָר סענטימענ־טאַלע שורות—אָבער ניט ביי מאַטיען...

פאָר איינעם וועלכער האָט מיט 44 יאָר צוריק דורכגעמאַכט די איינציקע שיפס־רייזע אויף „פרידריך דער גראָסע", דריטע קלאַס, און זיך געשלעפּט 21 טעג און עס האָט אויסגעקערט די גרינע גאַל און מ'האָט אייך כסדר געהאָדעוועט מיט הערינג און טיי, איז ניט געבליבן קיין גוואַלדיקע בענקשאַפט נאָך אַ שיף־רייזע. אָבער אונדזער וועלטל האָט זיך דאָך עפּעס געביטן אין אָט די 45 יאָר, און זי האָט זיך גאָר היבשלעך געביטן וואָס אַנבאַלאַנגט טראַנספּאָרטאַציע. הלוואי וואָלט זי זיך אַזוי געביטן אויף אַלע אַנדערע געביטן.

די שיף „קאַראַניאַ" אויף וועלכע מיר פאָרן, איז אַ נייע און האָט די סאַמע לעצטע און מאָדערנסטע איינריכטונגען. עס פאָרן עפּעס איבער אַ טוזינט מענטשן און גאָר אָפט פאַרגעסט איר אַז איר פאָרט אויף אַ שיף, נאָר איר האָט דאָס געפיל אַז איר געפינט זיך אויף אַ באַנקעט אין אַמבאַ־סאַדאָר האָטעל, אַזוי זעען דאָ אויס די זאַלן און עס־צימערן. עס איז דאָ אַ שיף־צייטונג און די ראַדיאָ האַלט אייך אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אויף יענער זייט ים. פון צייט צו צייט כאַפּט איר אַ קוק אויפן „בוזים פון ים" און איר טראַכט פילאָזאָפישע מחשבות. עס איז דאָך פאָרט אַזאַ שיינע, אַזאַ וואונדערבאַרע וועלט, וואָס מען קאָן פון איר אַזוי הנאה האָבן. פאַרוואָס צעפּאַטשקעט מען איר אַזוי?!

* * *

אויף שיף לעבט איר זיך אַ גאַנץ באַזונדער אייגנאַרטיק לעבן. ניט אומזיסט זייבען דאָ אין אַמעריקע שיף־ברידער פונקט ווי ס'איז אַ „שי־קאַגאָ פרענדשיפּ קלוב" אין לאָס אַנגעלעס. מען עסט זיבן טעג כסדר

מיט דיזעלבע מענטשן ביי איין טיש, ווערט מען כמעט ווי איין פאַמיליע אָדער באַרדערס פון זעלבן באָרדינג הויז, און ווער שמועסט די גרופּע וואָס פאַרט צוזאַמען אויפן זעלבן טור קיין ישראל. צווישן זיי זעט עס אויס ווי אַ מיטינג פון אַ פאַרבאַנד ברענטש. מען שפּאַסט, מען קריגט זיך. עס איז אַ מחיה. די מיטפאָרער קומען גראָדע פון פאַרשידענע שטעט פון אַמעריקע און ניט אַלע זיינען מיטגלידער פון אונדזער באַוועגונג. עס וואָלט געווען אַ שכל צו מאַכן אַ פאַרבאַנד ברענטש פון שיף־ברידער.

אונדזער טור שליסט אין זיך איין אַ פיר טעג אָפּשטעל אין פאַריז. כאָטש אין פיר טעג קען מען קיין סך ניט זען אין פאַריז, אָבער איך בין הויפּטזעכלעך פאַראינטערעסירט צו זען די יידישע פאַריז און איבער־הויפּט זען די קינדער־היימען און אינסטיטוציעס וואָס אונדזער באַוועגונג האָט דאָ געשאַפן און האַלט דאָ אויס מיטן געלט וואָס ווערט געשאַפן אין אַמעריקע פונם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. חברים פון דער באַ־וועגונג ווייסן וויפיל קלעפּ אין צרות מיר האָבן אַריינגעכאַפּט פאַרן ווערן אַריינקווועטשן דעם דאָזיקן קאַמפּיין צווישן אַלע אַנדערע אונדזערע קאַמ־פּיינס וואָס מיר האָבן דורכן יאָר. איז מיר געגאַנגען אין לעבן מיט מיינע אייגענע אויגן צו זען די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

די פּירער פון שיף גיבן זיי איבער אַ באַזונדער קיך, כדי זיי זאָלן קאָנען קאָכן פאַר זיך כשר. מען דאַוונט בציבור. פרייטאָג־צו־נאַכטס איז ביי זיי אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין: מען דאַוונט צוזאַמען, מען עסט צו־זאַמען און מען זינגט זמירות צוזאַמען. און ווען איר הערט זיי זינגען זמירות, קאָנט איר מיינען אַז עס פעלט זיי גאָרנישט — און וואָס פעלט זיי איצט? ווי זאָגט איינער פון זיי: מיר זיינען געווען אַביסל אונטערוועגנס און איצט פאָרן מיר אַהיים. זינגען זיי מיט אַזאַ התלהבות און אין זייער זמירות זינגען הערט איר דעם יידישן גלויבן, דעם יידישן כוח, וואָס האָט די מענטשן געגעבן קראַפט אַריבערצוטראָגן דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן.

איך ווער אַ שטענדיקער באַזוכער אין דריטן קלאַס; באַקאָן זיך מיט די מערסטע פּליטים און פאַרברענג דאָרט גאַנצע טעג. מען וואָלט גע־דאַרפט זיין אַ גרויסער מייסטער צו קאָנען איבערגעבן אַ צענט־חלק פון דעם וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט און אָנגעזען צווישן אָט־די 80 פּליטים פאַמיליעס. די מערסטע פון זיי האָבן צייטווייליק געלעבט אין פאַרשידענע לענדער, רעדן זייערע קינדער די לשונות פון די לענדער וואו זיי האָבן געלעבט. איז עס אַן אמתער דור הפלגה. אָבער אַלע קאָנען — ווער מער, ווער ווייניקער — העברעאיש. אַזוי זעען זיי אויס ווי אַלע

מענטשן, כאָטש זיי טראָגן די קליידער צוגעשיקט פון אַמעריקע. אַנאַנדער רעקל אין אַנדערע הויזן, און עפּעס אַזעלכע מאָדנע העמדער.

יעדער איינער פון די מענטשן איז אַ לעבעדיקע טראַגעדיע, שוי־דערלעכע טראַגעדיעס, מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט. האָט איר דאָך שוין אַזויפיל געהערט און געלייענט וועגן דעם גרויסן יידישן אומגליק, קאָנט איר זיך ניט העלפן אין עפּעס אַזוי ווי זיך איבערצייגן אין דעם אמת פון דער זאַך, הערט איר אויס נאָך אַ טראַגעדיע און נאָך אַ טראַגעדיע. און די מענטשן ריידן, דערציילן זייער גערן, דערציילן און דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

צווישן די 80 פאַמיליעס זיינען דאָ יידן פון אונגאַרן, דייטשלאַנד, פּוילן און רוסלאַנד. עס זיינען דאָ צווישן זיי יידן וואָס האָבן געלעבט די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד און זיינען קאָמוניסטיש געזאָנגען, אָבער וויסן זייער גוט אַז אַלס יידן דערוואַרטעט זיי גאָרניט אין סאָוועטן פאַר־באַנד אָדער פּוילן, און אַז זייער איינציקע האָפענונג איז ישראל.

און די מעשיות וואָס מען הערט שוידערן אויף, פאַרקילן דאָס בלוט. אָבער מען הערט עס אויס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. אויב עס מאַכט די מענטשן פּילן אַביסל גרינגער ווען זיי ריידן זיך אַראָפּ מעגט איר דאָך כאָטש צום טויזנטסטן מאָל אויסהערן די דאָזיקע גרויל־געשיכטן. שטייט פאַר אייך אַ ייד וועלכער האָט פאַרלוירן 9 קינדער; אַ ייד וועלכער האָט פאַרלוירן 6 קינדער. איז עס אַ חידוש אַז די מענטשן זיינען צערודערט, נערוויאיש; זיינען בייז אויף דער גאַנצער וועלט. זיי טענהן נאָכאַמאָל אַז מ'האָט זיי בעתן גרויסן אומגליק איבערגעלאָזט אַליין; אַז מ'האָט זיי געקאָנט העלפן און מ'האָט זיי ניט געהאָלפן, און אַז די איצטיקע הילף איז פון זייער קליינער באַדייטונג. פילע פון זיי זיינען פאַרביטערט קעגן דזשאָינט, קעגן אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס ווילן מיט דאָלאַרן זיך אויסקויפן קעגן דער גרויסער יידישער טראַגעדיע. און עס העלפט ניט קיין אַרגומענטאַציע און קיין קעגן־טענות. עס פאָרט אַ פאַרביטערטע, צעבראָכענע מאַסע, און איר פאַרטראַכט זיך וועגן דער גרויסער פּראָ־בלעם וואָס דער ישוב אין ארץ ישראל האָט פאַר זיך צו באַגעגענען און אויפנעמען און איינאָרדענען אָט־די מאַסע צעריסענע נשמות.

אויפן שיף מיט אונדז פאָרט אויך אַ חבר פון דער הסתדרות, א. מאַנטיק, אַ פאָרשטייער פון סולל־בונה — די בוי־אָרגאַניזאַציע פון דער הסתדרות — וועלכער איז געפאָרן אין איראָפּע איינקויפן סחורה. ער איז אַ שוואָגער פון חבר אבא חושי, וועלכער איז געווען אין דער הסתדרות דעלעגאַציע אין אַמעריקע, און וועלכער האָט אַזוי אויפגערודערט לאָס

אַנדזשעלעס מיט זיין אויפריכטיקן, האַרציקן ריידן. חבר מאַנטיק איז וועגן די ענינים מער אינפאָרמירט פון אינדזז אַמעריקאַנער, גיבן מיר אַלע קלאַגן און פעקלעך פון די פּליטים איבער צו אים.

אויף דער שיף געפינט זיך אויך דער אַמעריקאַנער האָטעל־אייגנ־טימער פון לייקוואוד און מיאַמי, לייבוש גאָלדבערג, אַ חבר פון מאיר אָסטראָווסקי (ע״ה) פון ל. א. אָט־דער גאָלדבערג איז אַ חנ׳ץ אַ האָטעל־אייגנטימער, אויך אַן אַקטיאָר, אַ שרייבער, אַ מעשה דערציילער, און גלאָט אַ לץ. פאַרטרייבט ער דאָס שווערע געמיט וואָס די פּליטים האָבן מיט זיך געבראַכט. גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה.

אויף דער שיף אויפן וועג קיין ישראל

(נאָך אַ בריוו פון וועג)

ווע איך וואָלט געווען אַ רעגעלער שרייבער און געשריבן רעגולערע קאָרעספּאָנדענצן, וואָלט איך באַדאַרפט שרייבן אַ גאַנץ באַזונדער אַרטיקל וועגן דעם יידישן לעבן אין פּאַריז. פּאַריז שפּילט איצט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן און איז דער פאַרבינדונגס פּונקט צווישן אייראָפּע און ישראל. עס איז אַ גאַנץ שפּרודלדיק יידיש לעבן, און אונדזער ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג שפּילט דאָ גאָר אַ באַדייטענדע ראָלע. איך האָב שוין דערמאָנט אין מיין לעצטן בריוו זייער טעגלעכע צייטונג „אונדזער וואָרט״ אין יידיש, און אַ צוויי־וועכנטלעכע שריפט אין פראַנצייזיש.

דאָ פּייערט מען נאָך דעם ערשטן מאַי אויפן אַלטן שטייגער. דאָ פירט מען דורך פיינע פאַרזאַמלונגען מיט דיסקוסיעס וועגן יידישע פּראָבלעמען. דאָ פירט מען אַן אָפענעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן. דער סאָציאַליזם דאָ איז נאָך ניט אויסגעוועפּט געוואָרן ווי ביי אונדז. דאָ קאָנט איר זען אַנאָנסן אין די צייטונגען פון אַ גאַנצע רייע קולטורעלע אונטערנעמונגען פון זעלבן כאַראַקטער, אָבער דורכגעפירט פון באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

חוץ „אונדזער וואָרט״ גייען דאָ אויך אַרויס צייטונגען פון די פאַרשיידענע ריכטונגען און אויך פּעריאָדישע ליטעראַרישע שריפטן. היבש געוויכט האָבן צוגעגעבן צו די אַלע אַקטיוויטעטן די פּליטים אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט דאָ דורך ספּעציעלע שבת־צו־נאַכטסן, וואו פּליטים־שרייבער טרעטן אויף מיט זייער ליטעראַרישע שאַפונגען, כאָטש אַ סך פון די דאָזיקע שרייבער גייען שוין אָרום מיט וויזעס אין די קעשענעס, קומען אָבער אַלעמאָל אָן אַנדערע און טראָגן צו זייער חלק צום פּאַריזער

יידישן לעבן, אַזוי אַז ביז די אימיגראַציע וועט אַריבער רוקערט זיך דערוויל אין דער יידישער פּאַריז.

אויף דער שיף „קאַמפּידאַליאַ"

אַ צוואַנציק שעה רייזע מיט דער באַן פון פּאַריז געפינט זיך די באַרימטע איטאַליענישע שטאָט ווענעציע, אָדער ווענעדיג, אונדזער „ברודער שיילאָקס" היים — אַ שטאָט פון קרוב אַ האַלבן מיליאָן מענטשן וואָס לעבן אויפן וואַסער. אַ וואַסערדיקער טעקסי־דרייווער באַגעגנט אונדז ביים באַן, נעמט אונדז מיט די פּעקלעך אין זיין „גאָנדאָלאַ" און מען שיפלט זיך צום האָטעל. דער טעקסי־דרייווער האָט ניט קיין מורא ניט פאַר קיין „פלעט טייער" און ניט פאַר קיין „קאָליזשאַן". פאָרנדיק ווייזט ער אונדז אָן אויף דעם דיקטער דע־אַנונציאָ'ס הויז; די היימען פון פאַרשיידענע איטאַליענישע קאָמפּאָזיטאָרן און פאָלקס־העלדן, אָבער אַז איר גייט אַוועק פונם פּראַקטיקן בילד פון ים מיט די גאָנדאָלעס און גייט דורך די גאַסן און געדרייטע געסלעך פון ווענעציע, זעט איר אַ בילד פון דער שרעקלעכער אָרעמקייט, ווי אָרעם דאָס פאָלק לעבט; ווי אָט־די פּראַכטפולע רעזאָרט־שטאָט איז אָנגעוויזן הויפּטזעכלעך אויף דעם אַמעריקאַנעם דאָלער. קינד און קייט ווילן אייך אויסבייטן דאָלאַרן און אַלע, אַלע זיצן און קוקן אויס די אויגן אויף אַ קונה, הויפּטזעכלעך אַן אַמעריקאַנער קונה.

דעמזעלבן טאָג אין אָוונט זעצן מיר זיך אויף דער איטאַליענישער שיף „קאַמפּאַדאָליאַ" — דאָס איז אַ שיף אַ זקנה, פון אַ יאָר 40, און אין פאַרגלייך מיט דער „קאַראַניאַ" וואָס מיר זיינען געפאָרן ביז פּאַריז, איז עס אַן אונטערשייד ווי פון טאָג ביז נאַכט. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זיינען יידן. אין עס איז אַ האַרצווייטאָג פאַרוואָס די שיף איז ניט קיין יידישע; פאַרוואָס אַזויפיל יידיש געלט גייט אין פרעמדע קעשענעס.

אויפן וועג שטעלט זיך די שיף אָפּ אין באַרי און בראַנדיזאַ, איטאַליענישע פּאָרט־שטעט, און נעמט אַרויף אַ 70־80 יידישע פּליטים פּאַמיליעס. עס פאַרשטייט זיך, דריטע קלאַס פּאַסאַזשירן. די הוצאות פון די פּליטים ווערט געדעקט פון „דזשאָינט" און פון „אירא". איין גרופּע פון די פּליטים איז די לעצטע פון אַ קיבוץ וואָס איז געשלאָסן געוואָרן, פירן זיי מיט אַ ספר און אַלע זייערע מכשירים. די מערסטע פון זיי זיינען פרומע יידן מיט בערד, און אַ צאָל קינדער טראָגן פּאות.

עס איז געווען אַ מערקווירדיק בילד אָנצוקוקן אָט־די היבשע גרופּע יידן אַרויפשטייגן די הויכע טרעפּ פון דער שיף. אַן עלטערער ייד איז

געגאַנגען פאַראויס מיט דער ספר תורה, הינטער אים — אַ צאָל יינגלעך מיט מיידלעך, און דאַן גרעסערע קינדער; יונגע פאַרלעך מיט קינדערלעך ביי דער זייט, און אויף די הענט. גוואַלד! וואו נעמט מען איציק מאַרגאַלין מיט זיין מוֹאוֹוי קאַמעראַ. אַזאַ בילד מ׳ז מען באַהאַלטן און טייער האַלטן. אָט־דאָס איז עס דאָך „יציאת אייראָפּא.״ דאָס זיינען דאָך די יידן וועלכע גייען אויף קידוש השם פאַר זייער גלויבן. עס קימערט זיי זייער ווייניק ווען אַ גוי לאַכט פון זייערע פּאות — וואָס ווייסט דער גוי און וואָס פאַרשטייט ער?

פּ אַ ר י ז

מיר האָבן אין פּאַריז אַ גאַנץ באַדייטענדע ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג; אייניקע פּועלי־ציון פאַראייגען און דעם פאָלקס־פאַרבאַנד, ענלעך צום פאַרבאַנד אין אַמעריקע. די חברים דאָ האָבן אַן אייגענע טעגלעכע צייטונג — טאַקע אַן אייגענע, וואָס גייט אַרויס באַזונדער אויף יידיש און פראַנצויזיש. איר נעמט דאָס צייטונגל אין האַנד זעט איר אַז עס ווערט געפירט פון געניטע הענט און עס איז אין אַרבעטער ציוניס־טישן גייסט.

בעת מיין זיין דאָ איז אויך געווען חבר י. טעלער, דער סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער שטאָט קאָמיטעט פון פאַרבאַנד. האָבן דאָ די היגע חברים אונדז אויפגענ׳מען צוזאַמען און אונדז געפירט ווייזן די קינדער־היימען.

איין פאַרוואַלטער פון אַ היים האָט מיר דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק זיינען ביי זיי געווען יוסף און פייגעלע פּאַניטץ, פון ל. א., און זיי פרעגן מיך אויב איך קען זיי? האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך האָב געהערט פון זיי. האָבן זיי מיר דערציילט אַז די פּאַניטצעס זיינען געוואָרן אויסערגעוויינלעך באַגייסטערט פאַר דער אַרבעט וואָס דער קאָמיטעט האָט אויפגעטאָן. די פּאַניטצעס האָבן גענ׳מען מוֹאוֹוי בילדער פון די קינדער אין איין היים און האָבן פאַרשפּראָכן דאָס צו ווייזן אין אַמעריקע, און זיך פאַרענטפערט אַז זיי זיינען ניט געווען גענוג אינפאָרמירט וועגן דער אַרבעט פונם קאָמיטעט.

מיך האָט עס געפרייט צו הערן. איך האָב אַ שוואַכקייט צו קינדער, ניט נאָר צו מיינע אייניקלעך, נאָר צו אַלע יידישע אייניקלעך. איז ווען איך זע 62 יידישע אייניקלעך מיט צעשראָקענע אויגעלעך, צוזיפּגענומען פון דער גאַנצער וועלט אין אַלטער אָפּגעלאָזענער, געדונגענער הויז, און 4 פון אונדזערע חברים און חברות—2 פון ישראל און 2 פון פוילן— פירן אָן מיט דעם פריוויליק, פיל איך זיך זייער שולדיק קעגן די קינדער

און קעגן די חברים וואָס טוען דאָ די אַרבעט, און זע וואָס פאַר אַן אומ־רעכט מיר באַגייען קעגן די קינדער און קעגן די אידעאַליסטישע טוער דאָ אין אייראָפּע.

מיט מיר צוזאַמען באַזוכט די קינדער האָט חבר פליישמאַן, פון גערי אינדיאַנאַ, אַ ייד וואָס האָט אַ גרויסן מעבל־געשעפט. ווען איך וויז אים אַן אויף די מאַטראַצן וואָס די קינדער שלאָפן און פרעג אים, צי ער וואָלט געלאָזט זיינע קינדער אויף דעם שלאָפן? דערפילט ער זיך שולדיק און זאָגט דער פאַרוואַלטערין אַז ער וועט איר געבן אַנדערע מאַטראַצן. און אַ צווייטער ייד, מר. רידמאַן, פון פענסילוועניא, טוט נאָך דעם יידן אין זאָגט צו צו געבן אַנדערע בעסערע בעטן, און די אויגן ביי די קינדער און פאַרוואַלטער לויכטן אויף פון פרייד, און מען גרייט דעם טיש און מען סערווירט טיי אין גלעזער אָן „סאָסערס" און מען האַלט ווארעמע רעדעס און מען דערציילט וועגן די 19 אַנדערע קינדער־היימען און וועגן די 50 קינדערלעך וועלכע זיינען לעצטן חודש אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישראל, מיט די בעטן און מאַטראַצן, און דערפאַר זיינען נאָך ניטאָ קיין ריכטיקע מאַטראַצן פאַר די נייע קינדער. די היגע טוער אַפּעלירן צו אונדז אַמעריקאַנער חברים, אַז מיר זאָלן זיי ניט לאָזן אין מיטן וועג; אַז מען זאָל פאָרזעצן די אַרבעט ביז אַלע אונדזערע געראַטעוועטע קינד־דערלעך וועלן זיין באַזאָרגט אין ישראל.

איך און חבר טעלער זאָגן זיי צו פון אונדזער זייט צו טאָן וואָס מיר קאָנען, זיי צו העלפן. וועלן מיר קאָנען האַלטן וואָרט ?

דריטער בריוו פון ישראל

איך שרייב אַט־דעם בריוול אויפן שיף פון ישראל קיין פּאַריז.

ארץ־ישראל איז איצט געוואָרן אַזוי נאָענט צו אַמעריקע און עס קומען איצט אַזוי אָפט געסט פון ישראל קיין אַמעריקע און גיבן אונדז כסדר איבער לעבעדיקע גרוסן; אויך איז די אַמעריקאַנער פּרעסע פול מיט באַריכטן און אַרטיקלען וועגן ישראל, אַז ווען איר ווילט עפּעס שרייבן ווייסט איר ניט פון וואַנען אָנצוהייבן; וואָס פאַר אַ נייעס קאָנט איר זאָגן? דערצו אויך איז יעדער ווינקל וואָס איר ווילט באַרירן פאַר־דערט אַ באַזונדערן היבשן אַרטיקל.

1) איך וואָלט געוואָלט איבערגעבן דעם איינדרוק וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט די שטעט וואָס איך האָב באַזוכט: תל־אביב, ירושלים,

טבריה, חיפה. עס איז דאָ אַזאַ גוואַלדיקע איבערלעבונג פאַר אַ מענטשן וועלכער האָט אַ לעבן־לאַנג געלייענט און געהערט וועגן די ערטער — דאָס צו זעען מיט די אייגענע אויגן.

2) היינט דער איינדרוק וואָס מאַכט אויף אייך אַ באַזוך אין די קבוצות אין קיבוצים; 3) אַ באַזוך אין די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן פון דער הסתדרות.

4) אַ באַזוך אין די אינסטיטוציעס פאַר קינדער, פון געבורט ביז עס ווערט אַ סאָלדאַט; מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט מען באַציט זיך דאָ צו די קינדער; וואָס פאַר אַ דערציאונג זיי קריגן דאָ.

5) היינט אונדזער רעגירונגס אַפּאַראַט און די אַרמיי אין ניוווי! איר גלויבט ניט אייערע אייגענע אויגן, ווי איז דאָס מעגלעך געווען אין אַזאַ קורצער צייט איינצושטעלן אַזאַ פונקציאָנירנדיקן אַפּאַראַט? פונם אימי־גראַציע אָפּיס ביזן אַראָפּגיין פון שיף, ביז דער כנסת (פּאַרלאַמענט) קלאַפּט אַלץ פּונקט ווי עס וואָלט שוין עקזיסטירט פון יאָרן. אומעטום נעמט מען אייך אויף חבריש, היימיש. מען רעדט צו אייך העברייאיש, יידיש אָדער ענגליש, ניט נאָר אין די אָפיציעלע דעפּאַרטמענטס — אומעטום איז אַזאַ ברידערלעכע באַציאונג, אין גאַס, אין געשעפט, אין באָס, און דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן לאַנד איז, וואָס מען איז באַרעַ־דעוודיק. אַלע ווילן רעדן, זיך אַראָפּרעדן פון הארצן. מען וויל איר זאָלט אויך רעדן, דערציילן פון וואַנען איר קומט? וואָס איר טוט דאָ? צי איר גייט דאָ בלייבן? און פאַרוואָס ניט? און וואָס איר דענקט וועגן לאַנד? און טאָמער זאָגט איר חלילה אַ וואָרט פון קריטיק, איז מען גרייט מיט אַלערליי תירוצים און אַרגומענטן אייך צו איבערצייגן, אַז איר זייט ניט גערעכט.

צו אַמעריקע אין אַמעריקאַנער יידן איז דאָ אַ גוואַלדיקער ארך־ארץ. די מער באַוואוסטזיניקע ווייסן וואָס אַמעריקע האָט צוגעטראָגן צום אויפבוי פאַרן לאַנד; אָן אַמעריקע וואָלטן מיר עס קיינמאָל ניט געקאָנט מאַכן; „אונדזער בלוט און אייער געלט האָט עס געמאַכט" — רעדט צו מיר מיט הארץ דער שניידער אַרום האָטעל און וויל ביי מיר בשום אופן ניט נעמען קיין געלט פאַרן צופּרעסן מיין אנצוג: — עס איז אַ מתנה, אַ מתנה פאַר אַן אַמעריקאַנעם ברודער...

איר ווערט גערירט פון אַזעלכע רייד, און דער ייד איז אַליין געווען 13 חדשים אויפן ירושלימער פראָנט, אין רעכטן פייער, און דאָרט פאַר־לאָרן אַ זון. ער קומט פון פוילן, וואו זיין גאַנצע משפחה האָט געהאָט

דעם סוף וואָס די מיליאָנען אַנדערע יידן אין פּוילן. און ער ציטערט ווען ער רעדט וועגן דער צוקונפט פון אונדזער מדינה. מיר אַמעריקאַנער קאָנען אַזוי ניט רעדן און קאָנען אפשר אַזוי ניט פילן ווי די מענטשן דאָ.

איך האָב דאָ געטראָפן אַ סך אַמעריקאַנער יידן, אויך יידן פון לאָס אַנגעלעס, וועלכע גייען אַרום מיט טענות צום לאַנד. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך אַז יידן פאַרשטייען זיך אויף אַלץ און זיינען אימער גרייט צו קריטיקירן און געבן עצות. איר ווייסט דאָך אַז יעדער ייד האָט אַן עצה פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע; יעדער ייד וועט אייך זאָגן ווי אַזוי מען דאַרף פירן אַ צייטונג — און יעדער ייד ווייסט דאָך ווי מען דאַרף פירן אַ מדינה. איר באַגעגנט אַמעריקאַנער יידן וועלכע גיבן עצות ווי אַזוי מען דאַרף פירן די מדינה. אַלע זיינען גוטע ציוניסטן און אַלע מיינען דאָס בעסטע. אַלע קריטיקירן און אַלע גיבן עצות, און ווער שמועסט וועגן יידן וועלכע האָבן געמאַכט אַביסל געלט — די פילן אַז ווען מ׳גיט די זאַך איבער אין זייערע הענט, וואָלטן זיי איינס־צוויי־דריי אָפּגעשאַפט דעם יקרות און דעם מאַנגל אין געוויסע שפּייז־אַרטיקלען; וואָלטן תיכף אויסגעבויט די טעלעכע הונדערט טויזנט הייזער וואָס פעלן; זיי וואָלטן געמאַכט לייטישע ראַדיאָס, און נאָך אַ צאָל „אימפּרוואוומענטס."

ווען איר פרעגט די דאָזיקע אַמעריקאַנער „אַלץ־ווייסער", ווי אַזוי עס קומט וואָס אַזאַ רייכע לאַנד ווי אַמעריקע, מיט אַזעלכע אומגעהויערע רעזורסן און רייכטום, האָט נאָך ביז איצט — שוין פיר יאָר נאָך דער מלחמה — ניט באַוויזן צו געבן אַ דאַך איבער קאָפּ אפילו אירע מלחמה וועטעראַנען און קאָן נאָך ביז איצט ניט פאַרטיק ווערן מיטן יקרות ? האָבן זיי אַ פאַרטיקן תירוץ: אַז אַמעריקע ליגט אויך ניט אין די ריכטיקע הענט. דאָס איז רייד פון אַמעריקאַנער אַלץ־ווייסער. איז אַז איר ווילט, מאַכט איר עס אַוועק מיט דער האַנט.

עס איז אָבער דאָ אין לאַנד אַנאַנדער עלעמענט, די ניי־אַריבערגעקומענע, די נאָך־ניט־איינגעאָרדנטע, וועלכע האָבן געמיינט אַז באַלד ביי זייער אָנקומען וועט די יידישע מלוכה זיי באַזאָרגן מיט אַ היים און מיט פּרנסה. אַ היבשער פּראָצענט ווערט טאַקע באַזאָרגט און נאָך אַ היבשער טייל איז נאָך אַלץ ניט באַזאָרגט. עס איז אַ פּראָצעס פון וואַרטן און זיך צופּאַסן און ניט אַלע זיינען אַזוי פעאיק זיך צוצופּאַסן, און ניט אַלע זיינען וויליק און גרייט אַנצונעמען וואָס מען לייגט זיי פאָר. און עס איז דאָ אַ סך אומצופרידנקייט, און די לינקע עלעמענטן, וועלכע זוכן אימער צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון אַ שווערער עקאָנאָמישער אָדער

פּאָליטישער לאַגע, נוצן אויס די סיטואַציע און גיבן „קלוגע עצות" וויאַזוי צו לייזן די פּראָבלעמען, און וואַרפן די שולד אויף דער פירער־שאַפט. זיי גייען שוין ווייטער פון קריטיקירן. זיי העצן דעם אומצופרי־דענעם עולם, און דעמאָנסטראַציעס און ברעכן שויבן.

עס איז קיין סוד ניט אַז אין לאַנד געפינט זיך אַ היבשע צאָל קאָמו־ניסטישע אַגענטן און זיי פּרובירן צו טאָן אַלץ אַז זיי זאָלן אין די קומענדע וואַלן ניט כאַפּן אַזאַ מיאוסע מפּלה ווי זיי האָבן געכאַפּט אין די לעצטע וואַלן. און זיי טוען אַלץ אויפצורודערן דאָס לאַנד. ווייסן מיר ניט וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, ווען די באַפעלקערונג זאָל זיך ענדערן. ביי דער איצטיקער ארץ־ישראלדיקער יוגנט קאָנען זיי מיט זייער אַגי־טאַציע קיין דערפאָלג ניט האָבן.

איך ווערט איבערראַשט און ממש פאַרשיכורט פון דער היגער יוגנט. נאָך וואָס פאַר אַ יוגנט! געזונט, נאַרמאַל פיזיש און גייסטיק; ניט קיין קאַנדידאַטן פאַר פּסיכאָ־אַנאַליסט דאָקטוירים. אַזאַ באַוואוסטזיין פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, אַזאַ קרבנות גרייטקייט צו יעדער מינוט. דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט איז אָנגעטאָן אין מיליטערישע מונדירן — חלילה ניט ענלעך צו די דייטשישע אָדער רוסישע יוניפאָרמס, נאָר איינפאַכע כאַקי הויזן און העמדער, מיט אַזעלכע עפּילעטן וואָס באַצייכענען אַ געוויסן ראַנג. קיינער פון זיי וועט אייך אַליין ניט זאָגן וואָס זיין ראַנג איז. קיינער מאַכט פון דעם ניט קיין ווען. אפילו משה דיין, אַ העלדישער בחור מיט אַ פאַרקלעפּט אויג, וועגן וועמען עס ווערן דערציילט לעגענדעס, וועלכער איז דער הויפּט־פירער פון דער אַרמיי־אָפּטיילונג אין ירושלים, זאָגט מיר, אַז איצט איז ער אַ סאָלדאַט, און האָפט אַז ער וועט לאַנג ניט דאַרפן זיין אין דינסט, און ער זאָל קאָנען צוריקגיין אין זיין קבוצה. אָן ענלעכע באַציאונג פון דער גאַנצער אַרמיי, וועלכע מאַכט איצט איבער די אומצייליקע גרעניצן פון לאַנד.

אין דעם האָטעל „עדן" אין ירושלים, וואו אונדזער גרופּע איז איינ־געשטאַנען עטלעכע טעג, זיינען אויך איינגעשטאַנען פּרעמיער בן־גוריון און זיין סעקרעטאַר, אלקנה גלי. דאָ איז אויך געשטאַנען די חברים חיים גרינבערג און יוסף שפּרינצאַק (עה"ש). אויך אַנדערע פירער זיינען געקומען באַזוכן בן־גוריונען. איך האָב זיך באַנוצט מיט מיין צייטונגס־קאַרטל און האָב געהאַט געשפּרעכן מיט די אַלע גדולים וועגן די פּראָב־לעמען. פון די געשפּרעכן האָב איך אַרויסגענומען, אַז אָט־די אָנגע־

ווייטאָגטע פּראָבלעמען איז זיי, די פירער, מער באַקאַנט ווי דעם אַלגע־מיינעם עולם, און אַז זיי נעמען אָן זייער ענערגישע מיטלען צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען.

בעת מיין זיין דאָרט איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס געזעץ פון אַ 20% שניט אין פרייזן און אַ באַדייטנדע פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע און שטיק־אַרבעט. בן־גוריון'ס „צנע" פּלאַן מיינט שפּאָרזאַמקייט און שטאַרקער רעגירונגס קאָנטראָל איבער פרייזן און אַרבעט.

הלל ראָגאָף פון „פאָרווערטס", מיט וועמען איך בין געפאָרן אויף איין שיף אַהיים, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פאַר זיין פאַרלאָזן ישראל האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט עקס־גאָווערנאָר לעהמאַן, וועלכער אונטערזוכט איצט די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד. לעהמאַן האָט אים געזאָגט, אַז דיסקוטירנדיק די פּראָבלעמען מיט די פירער פון לאַנד, איז ער געוואָרן איבערראַשט פון אַ זייער קלאָרע פאַרשטענדעניש פון דער סיטואַציע, און אַז זיי נעמען אָן די ריכטיקע מיטלען און מעטאָדן אָוועקצושטעלן דאָס לאַנד אויף אַ געזונטן באַזיס. די מענטשן, זאָגט ער, ווייסן וואָס זיי טוען און מיר אַמעריקאַנער דאַרפן צו זיי האָבן דעם פולסטן צוטרויען.

ניין, דאָס לאַנד פליסט נאָך ניט מיט קיין מילך און הניק, און ווער עס איז ניט גרייט אויף חלוצישע אָנשטרענגונגען וועט דאָ ניט געפינען קיין רו. דער ישוב האָט געקעמפט פאַר דער פרייער עליה, פאַר אַ פרייער מדינה; ניט פאַר זיך אַליין האָט ער געקעמפט, און דעריבער איז ער ניט מחויב אַליין אויף זיינע פּלייצעס אויסצוטראָגן דעם קאַמף. מיר מוזן אַלע גלייך, אַלע צוזאַמען ווייטער קעמפן, כדי צו דעראָבערן דאָס לאַנד אין כדי עס אויפצובויען אַלס אַ פרייע, גליקלעכע, יידישע היים.

די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל

(געשריבן צו מיין 60סטן יובל)

די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל איז אַ געשעעניש, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד פון גאַנצן יידנטום און אַלע זיינען איצט ציוניסטן. אָבער ניט אַלע ווייסן אַז אינסטרומענטאַל אין דער באַשאַפונג פון מדינת ישראל איז געווען די הסתדרות און די מפא"י, די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געקראָגן די מאַיאָריטעט שטימען אין די לעצטע וואַלן. וואָס איז געווען אַזוי צו זאָגן, אַ „וואוט און קאָנפידענץ"

פונעם גאַנצן ישוב צו דער הערשנדער פּאַרטיי אין לאַנד. ניט אַלע ווייסן אויך, אַז דער הויפּט־כוח צו דערקלערן מדינת ישראל פאַר מדינת ישראל דעם 14טן מאַי, איז געווען אונדזער חבר בן־גוריון, מיט נאָך אייניקע.

פאַר אונדז אַלטע חברים, וועלכע געדענקען ווי אַזוי די הסתדרות און מפא״י זיינען צום לעבן געקומען; ווי אַזוי בן־גוריון, בן־צבי און אַנדערע פלעגן קומען קיין אַמעריקע אַלס שליחים צו קריגן אַביסל געלט; אין יענע טעג האָט די פּאַרטיי פּועלי־ציון נעבאַך אַליין ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט און דער פאַרבאַנד איז געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פלעגט יאָ קאָנען אַביסל העלפן. אין יענע טעג בין איך געווען אַ מיטגליד אין דער גענעראַל־עקזעקוטיווע, אייניקע יאָר דער סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, און מיר זיינען דאָס געווען די גבירים צו וועמען מען פלעגט קומען מיט פאַרשיידענע פאַר־לאַנגען. נאָך אין יענע טעג האָבן מיר געבויט סאַניטאַריומס אין ארץ ישראל, געבויט „הסנה״, די גרעסטע אינשורענס געזעלשאַפט אין ישראל און געווען דער הויפּט כוח פאַרן הסתדרות קאַמפּיין.

איז ווען איר טראַכט אין ליכט פון די דאָזיקע דערינערונגען און געשעענישן, האָט איר אַ באַזונדערע באַפרידיקונג, ווען איר זעט וואָס עס קומט איצט פאַר אַרום ארץ ישראל און נאָך אַ גרעסערע סאַטיספאַק־ציע האָט איר ווען איר דערמאָנט זיך וויאַזוי איר זייט אויסגעלאַכט געוואָרן פון אַלע וועלט־באַפרייער און ניט פאַרשטאַנען געוואָרן אפילו פון אייערע נאָענטסטע. דערפאַר איז פאַר מיר פערזענלעך אַ טאָפּלטע פרייד דאָס געשעענע. איצט וועל איך האָבן די געלעגנהייט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס אויפגעטאָנענע און דאָס דערגרייכטע.

איך האַלט, אַז אַלע אונדזערע חברים טוער, וועלכעריידן אַ לעבן־לאַנג וועגן ארץ ישראל, דאַרפן דאָס לאַנד זען, כדי פשוט צו וויסן וועגן וואָס זיי ריידן. איך טראַכט שוין יאָרן־לאַנג וועגן באַזוכן ארץ ישראל און מען לייגט עס אַלץ אָפּ פאַר אַ בעסערער צייט. אָבער ווען מען דערגרייכט דעם עלטער פון 60, איז וואָס פאַר אַ בעל־בטחון איר זאָלט ניט זיין, הויבט איר אָן אַביסל צו צווייפלען אין דער מעגלעכקייט פון ווערן רייכער און געזינטער און איר זעט איין, אַז „אם לא עכשיו אימתי״? אויב ניט איצט איז ווען? און קומען אויף יענער וועלט ניט האָבנדיק געזען ארץ ישראל, וואָלט איר דאָך כשר פאַרדינט דעם גיהינום, און אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט גענוג גיהינום אויף דער וועלט, דאַרף מען עס אויסמיידן ווי ווייט מעגלעך.

פֿין דעם פֿאַרשטייט איר ווי שטאַרק אַנגעלייגט עס איז ביי מיר דאָס וואָס נאָענטע חברים האָבן גענומען אַ האַנט מעגלעך צו מאַכן דעם דאָזיקן חלום מיינעם צו פֿאַרווירקלעכן.

איך ווייס וויפֿיל אַרבעט עס האָבן אין דעם אַריינגעלייגט די קליינע גרופּע חברים וועלכע האָבן געאַרבעט פֿאַר דער אונטערנעמונג. איך וויל דאָ ניט אויסרעכענען אַלעמענס נעמען, טאָמער חלילה וועל איך פֿאַרגעסן אַ נאָמען. אַזאַ אונטערנעמונג פֿאָדערט אַ סך אָנגעשטרענגטע אַרבעט (איך בין עס ניט איינמאָל דורכגעגאַנגען) דערפֿאַר שאַץ איך אַזוי שטאַרק אָפּ אַלץ וואָס די חברים פֿון קאָמיטעט האָבן געטאָן און איך וויל פֿון טיפֿן האַרצן אין מיין נאָמען און אין נאָמען פֿון מיין בעסערער העלפֿט, וועלכע וועט זיין אַן אומדירעקטער קרבן פֿון דעם — איך אַלעמען דאַנ־קען. די אַרבעט וואָס מיר טוען טעגלעך פֿאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע איז כאָטש מיר האָבן אין דעם אַ גייסטיקע באַפֿרידיקונג, איז אויך פֿאַרבונדן מיט אַ סך עגמת־נפֿש און האַרצווייטאָג און עס וואָלט געווען זייער שווער צו שלעפּן דעם טעגלעכן יאָך פֿין אונדזערע פֿליכטן, ווען עס זאָל ניט זיין אין דער אַרבעט אָט־דער ליכטיקער שטראַל פֿונם באַוואוסטזיין אַז דאָ און דאָרט געפֿינען זיך יאָ איינצעלנע וועלכע פֿאַרשטייען און שאַצן אייער אַרבעט.

נאָך אַמאָל — אַ דאַנק און שלום!

אַביסל דעראינערונגען

איך האָב געטראָפֿן חבר ברוך ציקערמאַן אין אונדזער קעמפּ ביי דער פֿאַרבאַנד קאָנפֿערענץ, איז געקומען צו רייד וועגן געוויסע פּאַסירונגען אין די ערשטע טעג פֿין אונדזער באַוועגונג, אין שייכות מיט די אַרטיק־לען וואָס ער האָט לעצטנס געשריבן אין „קעמפּער", האָב איך דערמאָנט געוויסע זאַכן פֿון יענע טעג וועלכע ער האָט אַליין שוין פֿאַרגעסן.

איידער איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1904, אַ ייִנגל פֿון 15־16 יאָר, איז שוין ביי אונדז אין האָמעל (מאָהילעווער גובערניע) געווען אַן אָנהויב פֿון אַן אַרבעטער באַוועגונג. אויף דער הויפּט־גאַס, „רעמיאַנטאָווסקע", איז שוין געווען אַ לעבעדיקע בירזשע, וואו אויף איין זייט גאַס האָבן געהערשט די בונדיסטן, און אויף דער צווייטער זייט, די נאַציאָנאַליסטן.

איך האָב זיך געפונען אויף דער זייט פון די נאַציאָנאַליסטן.

ווי באַקאַנט האָט האָמעל דורכגעמאַכט אַן ערנסטן פּאָגראָם אין דעם יאָר 1905, און גלייך נאָכן פּאָגראָם האָט אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. די מערסטע, ווי געוויינלעך, האָבן זיך געפונען אין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק האָב איך אויסגעפונען אַז אויף 206 איסט בראָדוויי קומען זיך אַלע שבת אָוונט צוזאַמען די האָמלער טעריטאָריאַליסטן. איך פלעג באַזוכן יענע מיטינגען. ביי יענע פאַרזאַמלונגען איז געווען אַן אָפענע פּלאַטפאָרמע און מ'האָט כסדר געפירט הייסע דיסקוסיעס. די בונדיסטן האָבן אַגיטירט אַז די גרופּע זאָל זיך אָנשליסן אַן דעם נייפאָרמירטן אַרבעטער רינג ברענטש. איך געדענק ניט גענוי ווי לאַנג די גרופּע האָט עקזיסטירט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זי איז פון זיך אַליין צופאַלן געוואָרן.

ביי אונדזערע פאַרזאַמלונגען זיינען אויפגעטראָטן ברוך צוקערמאַן, אייב גאָלדבערג, און אַנדערע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז אויך אָנגעקומען דר. סירקין און דר. זשיטלאָווסקי. זייערע לעקציעס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

ביי די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָט די אינטעליגענטערע יידישע יוגנט, די נישט לאַנג אַריבערגעקומענע אידעאַליסטן, אָפן און שטאַרק אַטאַקירט דעם „פאָרווערטס" און זיינע מעטאָדן פון באַהאַנדלען זיינע אידייאישע קעגנער. אין דער „פאָרווערטס" האָט קיינמאָל ניט דערלויבט צו דרוקן אַ מעלדונג פון אַ פאַרזאַמלונג פון אָט־די אַלע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן שוין דאַן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויף דער יידישער גאַס. דער קאַמף קעגן „פאָרווערטס" און זיין הערשאַפט איז געווען אַן און פאַר זיך אַ וויכטיקער ציל אין דעם קאַמף צו געווינען אַ געוויסע פּאָזיציע אויף דער יידישער גאַס און ברענגען דאָס וואָרט פון דער מער קולטורעלער יוגנט צום אויסדריק צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

קבלת־פּנים פאַר שלום אַש

אויף מיר האָט געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק, אַ פּאַסירונג פון יענער צייט, אין וועלכער איך האָב זיך אַליין באַטייליקט, וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.

בעת שלום אַש האָט געדאַרפט קומען צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע האָט די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאַן — וואו ער איז געווען אַ מיטאַרבע־

טער — פֿאַררופֿן אַ פֿאָלקס־קאָנפֿערענץ איינצוואָרדענען פֿאַר אים אַ פֿאָלקס קבלת־פּנים. עס זיינען געקומען צו דער קאָנפֿערענץ, חוץ די געשוואָ־רענע „פֿאָרווערטס" אָרגאַניזאַציעס, אַ צאָל אויך אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן געהאַט אַן אינטערעס פֿאַר שלום אַשן ווי אַ שרייבער, און וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צום „פֿאָרווערטס". עס איז דאָרט אויך געווען ברוך צוקערמאַן מיט אַ דעלעגאַציע פֿון די טעריטאָריאַליסטן, אייניקע פֿאָרטרעטער פֿון די פּועלי־ציון, איך און מ. שיינבאַום ע"ה, פֿאָר־טרעטער פֿון דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב, און אייניקע ליטעראַ־רישע קלובן אין לאַנדסמאַנשאַפֿטן. אַזוי אַז עס איז געווען אַ גאַנץ אַנגע־זעענע גרופּע פֿאָרטרעטער, ניט „פֿאָרווערטס" מענטשן.

די פֿאַרזאַמלונג האָט געפֿירט מ. גיליס פֿון דער „פֿאָרווערטס אַסאָ־סיאיישאַן". אַלץ איז צוגעגאַנגען אין פֿיינער אָרדענונג. עס זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן אַלע פּלענער פֿאַרן קבלת־פּנים, ביז עס איז געקומען צו דער פֿראַגע פֿין באַגריסן דעם גאַסט. גיליס איז געקומען מיט אַ פּאַרטיקן צעטל פֿון „פֿאָרווערטס מענטשן", וועלכע זאָלן דעם גאַסט באַגריסן. ברוך צוקערמאַן האָט דאַן גענומען אַ וואָרט און פֿאָרגעשלאָגן אַז חוץ דעם פֿאָרגעלייגטן צעטל זאָל אויך זיין אַ רעדנער פֿון דער ציוניס־טישער אַרבעטער באַוועגונג. גיליסן האָט דער פֿאָרשלאָג געטראָפֿן ווי אַ דונער. ניט ביי זיין לעבן וועט ער אַזאַ פֿאָרשלאָג אויפֿנעמען.

גיליסעס האַנדלונג האָט אויפֿגעבראַכט אַ גרויסע צאָל פֿון די אָנ־וועזנדע דעלעגאַטן. זיי האָבן געזען אין צוקערמאַנס פֿאָרשלאָג אַ גע־רעכטן פֿאַרלאַנג, און זיינען איינע נאָך די אַנדערע אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפֿע רעדעס קעגן גיליסעס האַנדלונג. איך און שיינבאַום פֿון פּראָ־גרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב, האָבן אויך געשטיצט צוקערמאַנס פֿאָרשלאָג. (אינטערעסאַנט איז, אַז שיינבאַום איז געווען אויך אַ מיטגליד פֿון דער פֿאָרווערטס אַסאָסיאיישאַן).

דאָס איז אפֿשר געווען דעם ערשטן מאָל וואָס די פֿאַרבאָרגענע כּוחות וואָס האָבן געלויערט קעגן דער דאָמאָלסטדיקער הערשאַפֿט זיינען געקומען צו אַן עפֿנטלעכן אויסדרוק, און די אָפּאָזיציע ביי דער קאָנפֿע־רענץ איז געוואָרן זייער פֿאַרשאַרפֿט און פֿאַרעקשנט.

גיליס האָט געזוכט אָפּצושטעלן די דיסקוסיע, קאָנענדיק זיין עולם האָט ער גענומען צוקערמאַנס פֿאָרשלאָג צו אַן אָפּשטימונג און דער פֿאָרשלאָג איז דורכגעפֿאַלן מיט עטלעכע שטימען. עס איז געווען עפּעס איבער צוואַנציק שטימען קעגן צוקערמאַנס פֿאָרשלאָג און עטוואָס וויני־קער פֿון צוואַנציק פֿאַר זיין פֿאָרשלאָג. ברוך צוקערמאַן האָט דאַן אַליין

גענומען דאָס וואָרט און אויף זיין אופן געזאָגט גיליסן וואָס ער דענקט פון אים און פון זיין דעספּאָטישער האַנדלונג. ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן ווי ער האָט דאָן געפילט. ער האָט געהאַלטן איינע פון זיינע כעס'דיקע רעדעס. איך געדענק זיינעם אַן אויסדרוק אין דער רעדע: „אייער צען אַטאַזשנע געביידע ליגט ווי אַ שווערער לאַסט אויפן היגן יידישן לעבן און איר דערדריקט יעדן פרייען געדאַנק און ווילט באַהערשן מיט כוח די יידישע גאַס." ער האָט זיך דאַן געווענדעט צו דעם טייל דעלעגאַטן וועלכע האָבן געשטימט פאַר זיין פאָרשלאָג: „חברים, איר זעט דאָך אַז מיר האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן, סיידן איר זייט מסכים צו אַלץ וואָס גיליס לייגט פאָר. איך שלאָג פאָר אַז די מינאָריטעט זאָל זיך צוריקציען פון דער קאָנפערענץ און האָבן אַ באַזונדערע קאָנפערענץ און שאַפן אַן אייגענעם קאָמיטעט."

אַלע וואָס האָבן געשטימט מיט צוקערמאַנען האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט דעם זאַל. מיר האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט ערגעץ אין אַ לאָקאַל און מען האָט זיך חבריש דורכגערעדט. כאָטש אַלעמענס געמיטער זיינען געווען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, איז אָבער פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז אָט־די גרופּע קען אַליין די זאַך ניט דורכפירן. אָבער אַלע האָבן איינגעשטימט און אונטערשטראָכן די וויכטיקייט פון דער האַנד־לונג פון אָפּברעכן די קאָנפערענץ און געבן אויסדרוק צום שאַרפן פּראָ־טעסט, און ברענגען צו דער עפנטלעכקייט די דאָזיקע פּאַסירונג.

עס שיינט מיר, אַז יענע געשעעניש, יענער עפנטלכער אַרויסטריט האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקינג אויף געוויסע פירער אין די „פּאָרוועטס" קרייזן, אַז אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען ביי געוויסע אַלגעמיינע ענינים זיך אויך געווענדעט צו די נאַציאָנאַליסטישע גרופּן אנטייל צו נעמען ווי גלייכע שותפים.

מיר אַ יאָר 33 צוריק איז דאָס געווען: דער פאַרשטאָרבענער ציוניסטישער פירער, ד"ר שמריהו לעווין ע"ה, איז צוגעשטאַנען צום באַקאַנטן מיליאָנער, יוליוס ראָזענוואַלד, ער זאָל זיך אַקטיוויזירן לטובת ארץ ישראל און ער האָט קיין חשק ניט געהאַט.

— זעט — האָט ער אויסגערופן בעתן הייסן וויכוח צו לעווינען — מיין ווילע אין אַ פאַרשטאָט פון שיקאַגאָ האָב איך אַ נאָמען געגעבן „תל־אביב". וואָס־זשע נאָך פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— אַז איר זאָלט אויפבויען אַ ווילע אין תל־אביב און אָנריפן זי „שיקאַגאָ" — האָט ד"ר לעווין געלאַסן געענטפערט.

באַלד פופציק יאָר אויף די זעלבע וועגן

אַן אַרטיקל וועגן אליהו טענענהאָלץ (אַ חבר פון די גוטע אַלטע צייטן אין „פראָגרעסיווע דראַמאַטיק קלוב", ניו־יאָרק) וואָס איך האָב געשריבן אין זיין יובל־בוך מיט אַ צייט צוריק.

אַלס איינער וואָס דאַרף העלפן צונויפשטעלן דעם יובל־בוך, האָב איך אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז דער בעסטער וועג ווי אַזוי דאָס בוך קאָן געבן כאָטש אַ קליינע אָפּשפּיגלונג פון טענענהאָלצעס אַלזייטיקע טעטיקייט אויפן טעאַטער און קולטור־געביט, איז אַז מען זאָל איינלאַדן אַ צאָל חברים שוישפּילער פונם בעסערן יידישן טעאַטער, און אייניקע שריפטשטעלער מיט וועמען טענענהאָלצן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די אַלע יאָרן. אָט־די אַרטיקלען וועלן שוין במילא געבן אַ בילד פון זיין פאַרשידנאַרטיקער טעטיקייט.

אָט, אַ שטייגער, וויל איך דאָ אין די ווייטערע שורות איבערגעבן וועגן עטלעכע קולטורעלע אונטערנעמונגען, וועלכע טענענהאָלץ האָט דאָ אין שטאָט דורכגעפירט, אין וועלכע איך האָב אויך געהאַט אַ האַנט און איך ווייס ניט, אויב עמיצער אַנדערש האָט אָט־די אינפאָרמאַציע, און צי עמיצער אַנדערש וואָלט עס גאָר דערמאָנט.

ווען איך בין געקומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1927, איז טענענהאָלץ דעמאָלט געווען, ווי מען זאָגט, אין די פעדערן (ניט די איצטיקע טשיקן־פעדערן), נאָר טאָקע אַ „ביג־שאָט" מיט אַ קאָנטראַקט ביי „עם־דזשי־עם", איז אויפגעטראָטן אין אַ צאָל וויכטיקע ראָלן און ער איז געווען אַ „האָליוואָאָד סטאַר." פאַר אונדז, זיינע אַלטע באַקאַנטע, איז ער געבליבן דער זעלבער עליע. אָט אין יענער צייט, אין זיינע דערפאָלגרייכע טעג אין האָליוואָוד, האָט ער פאַרטראַכט און זיך שטאַרק מתעסק געווען מיטן אָרגאַניזירן אַן עכט יידישן קולטור־קלוב, וואו דער יידישער מענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן קולטורעל יידיש. דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער. אין אַנאַנדער פּלאַץ איז דאָ אַ באַזונדער אַרטיקל וועגן טענענהאָלצ'ס ביישטייער צום יידישן קולטור קלוב. וויל איך זיך דאָ מער ניט פאַרנעמען מיט דעם. איך וויל אָבער דערמאָנען עטלעכע אַנדערע וויכטיקע אויפטואונגען זיינע.

ביי מיין אָנקומען אין לאָס אַנדזשעלעס, בין איך אַ פּאָר יאָר געווען דער סעקרעטאַר פון דער היגער פאָלק־שול אויף סאָטאָ סטריט. אין יענע טעג האָבן אַ גרופּע חברים פאַרטראַכט איבערצובויען דאָס אַלטע שטיבל אויף אַ לייטישן צענטער, מיט גאָר ווייניק געלט, אָבער מיט יוגנטלעכן גלויבן אין דער אונטערנעמונג. ביים לייגן דעם ווינקלשטיין האָבן מיר געהאָפט צו שאַפן אַביסל געלט, און מיר האָבן דאַן טאַקע געשאַפן אַ פיר־פינף טויזנט דאָלער. טענענהאָלץ האָט אונדז אַ סך געהאָלפן אין יענער אונטערנעמונג. חוץ זיין אייגענעם אנטייל, האָט ער אונדז געהאָלפן קריגן אַ צאָל גרויסע אַרטיסטן צום יום־טוב. איך געדענק שוין ניט די נעמען, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די שלידקרויטס, מאָריס מאָקאָוויץ, ווערא גאָרדאָן, פּאָול מוני, דזשאָרדזש סידני א. אַ. זיינען דורך זיין הילף געקומען צום יום־טוב און זיינען אויך געווען אָפּטע אונטערהאַלטער אויף אַנדזערע אונטערנעמונגען.

אַ צאָל אַרטיקלען אינם בוך שפּיגלען אָפּ טענענהאָלצס טעאַטער־קאַריערע. איך וויל בלויז דערמאָנען און צוגעבן עטלעכע געזעלשאַפט־לעכע טעאַטער־אויפטואונגען מיט וועלכע מיר פּערזענלעך איז אויסגעקומען מיטצואַרבעטן.

אין די יאָרן 1930־36, ווען איך בין געווען פאַרבונדן מיט דער „קאַליפ. אידישע שטימע“ — אין וועלכע ער האָט אָפט געדרוקט זיינע פיינע הומאָרעסקן — האָב איך אים אַמאָל דערציילט וועגן דער פינאַנ־ציעלער לאַגע פון דער צייטונג, אַז עס פעלט פשוט אויף שבת, און אַז מיר פּלאַנירן דורכפירן אַ יובילײ פון דער צייטונג אין טריניטי אודי־טאָריום, און אַז דער איינציקער אויסוועג איז, צו מאַכן דעם יובילײ פאַר אַ דערפאָלג, וואָס זאָל אונדז ברענגען אַביסל געלט אָפּצוצאָלן נויטיקע חובות און אַביסל דערהייבן דעם פּרעסטיזש און אינטערעס פאַר דער צייטונג. טענענהאָלץ האָט אַן וועלכע תנאים אָנגענומען זיך צו באַטייליקן אינם אָוונט. אַז ער האָט אָנגענומען זיך צו באַטייליקן אינם אָוונט, האָבן מיר זיך דערדערדט צו דעם, אַז ער זאָל ניט נאָר קומען עפּעס לייענען, נאָר מיר זאָלן דורכפירן אַ פאַרשטעלונג, אויפפירן עפּעס אַ הומאָריסטישע מאַכערייקע, אָפּלאַכן אַביסל פון זיך אַליין.

אויף דער עצה פון טענענהאָלצן האָב איך זיך אָוועקגעזעצט שרייבן דעם קרומען שפּיגל פון דער רעדאַקציע, וואָס איז אויך דאַן געווען דער קרומער שפּיגל פון אונדזער דאַמאָלסדיקער יידישער לאָס אַנדזשעלעס. כאָטש איך בין דאַן ניט געווען אין קיין שטאַרק הומאָריסטישער שטימונג, אָבער נויט ברעכט אייזן, איך האָב עס אָנגעשריבן. אָבער ווי ניט קיין

דערפֿאַרענער דראַמאַטורג, איז עס געווען צוזאַמענגעסטריגעוועט מיט ליִיזע שטעך. עליע האָט זיך ניט געפֿוילט, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, און מיר האָבן צוזאַמען געמעקט און געשריבן, און נאָכאַמאָל געמעקט און געשריבן, און עס איז אַרויסגעקומען אַן אויסגעצייכנטע שאַרזש־קאָמעדיע פֿון אַ יידישער רעדאַקציע. אויפֿגעפֿירט האָט מען עס מיט אַמאַטאָרן, און אויך דאָ האָט עליע אַרויסגעוויזן מערקווירדיקן געדולד און אויסדויער, און עס איז אַרויסגעקומען אַ פּראַכטפֿולע פֿאַרשטעלונג. מענטשן געדענקען נאָך היינט יענע פֿאַרשטעלונג, און פֿרעגן פֿאַרוואָס מען פֿירט עס ניט דורך נאָכאַמאָל. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. עס איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעכער אָוונט. די צייטונג האָט געמאַכט אַרום 1500 דאָלער און טענענהאָלץ האָט געהאַט אַ מאָראַלישן דערפֿאָלג...

אַן ענלעכן מאָראַלישן דערפֿאָלג האָט ער געהאַט, ווען ער האָט אויסגעבעסערט מיינע אַ מאַכערייקע וועגן פּיטער מ. כהן ע״ה, און האָט עס געלייענט ביי כּהנס יובילייִ פֿאַר אַן עולם פֿון אפשר טויזנט מענטשן, אין סאַניטאַריום זאַל אין דוואַרטע. דער זאַל, אָנגעפּילט מיט אַ פֿאַרשידנ־אַרטיקן עולם, האָט ממש געקראַכט פֿון געלעכטער ביי יעדן זאַץ.

איך שטעל זיך דאָ אָפּ אויף די פּאָר פּערזענלעכע עפּיזאָדן, ווייל, ווי געזאָגט, ווייס איך, אַז עמיצער אַנדערש וועט עס אין בוך ניט דער־מאָנען, און עס וואָלט ניט געגעבן קיין פֿיל בילד פֿון טענענהאָלצן ווען די מאָמענטן ווערן אויסגעלאָזט.

מיין גאָר לעצטע דערפֿאַרונג מיט טענענהאָלצן, איז געווען אַרום דער אַרבעט פֿון אַרויסגעבן פּרץ הירשביינס ע״ה ווערק. עס איז געווען אַן אונטערנעמונג צו שאַפֿן $10,000 — פֿינף טויזנט האָט גדאַרפֿט שאַפֿן ניו־יאָרק און פֿינף טויזנט לאָס אַנדזשעלעס. לאָקאַלע טיער ווייסן וויפֿיל מי עס פֿאָדערט זיך אַרויסצוגעבן אַן איינציק בוך, וואָס קאָסט אַ טויזנט אָדער פֿופֿצן הונדערט דאָלער. טענענהאָלץ איז געווען דער פֿאַרזיצער פֿונם קאָמיטעט, און ער האָט אויך דורכגעפֿירט די פֿיינע פֿאַרשטעלונג פֿון הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע.‟ אויב איך האָב אַליין ניט אַריינ־געבראַכט גענוג געלט, האָב איך אָבער געפֿילט פֿאַר מיין חוב צו קומען צו די געזעלשאַפֿטלעכע זיצונגען. דאָ האָב איך געזען עליען דעם איינ־געהאַלטענעם געזעלשאַפֿטלעכן טוער מיט הונדערט פּראָצענט ערנסט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

עס זיינען געווען מאָמענטן ווען מיטגלידער פֿון קאָמיטעט זיינען געוואָרן מיד, האָבן געטענהט, אַז עס איז אַ צו שווערע אונטערנעמונג פֿאַר לאָס אַנדזשעלעס צו שאַפֿן אַזאַ סומע, אָבער עליע האָט אויף קיין

איין מאָמענט ניט אויפגעגעבן זיין גלייבן אין די מעגלעכקייטן צו דער־גרייכן דעם ציל, און האָט מיט זיין גלויבן אָנגעשטעקט אַנדערע. מיר מעגן איצט עפנטלעך אָנערקענען, אַז ווען ניט ער, וואָלט די זאַך קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען מיט אַט־דעם דערפאָלג, וואָס האָט באמת פאַרשאַפט אַ סך כבוד אונדזער יידישער לאַס אַנדזשעלעס. איך פלעג זיצן ביי די מיטינגען און באַוואונדערן זיין פיזישן און מאָראַלישן כוח צו קאָנען, נאָך אַ טאָג אַרבעט אַרום די הינער, דורכפירן אַזאַ שווערע, פאַראַנטוואָרט־לעכע אַקציע, ווי דאָס אַרויסגעבן הירשביינס ביכער, און זיך שלעפּן אַזוי פיל מאָל ביינאַכט אַהין און צוריק פון מאָנראָוויאַ. דאָס דאַרף מען קאָנען...

קענענדיק דעם חתן־היובל באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט, נאָך פון די טעג פונם „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", און דרייענדיק זיך אַלעמאָל אין די זעלבע קרייזן, איז נאַטירלעך אַז מען זאָל אַמאָל האָבן אַן איבער־רייד, זיך אַביסל צעקריגן. און עס זיינען ביי אונדז געווען פּעריאָדן פון שלום און פּעריאָדן פון קריג (אָן אַ קריגס־דערקלערונג), און אָפט פרעג איך: עליע, ווי האַלטן מיר איצט, שלום צי קריג?

אָבער אויך פאַר דעם האָב איך אים דן געווען לכף זכות. ווען אַ יידישער אַרטיסט פון זיין פאַרנעם דאַרף אויפגעבן די בינע און זיך אָפּ־געבן מיט הינער און אייער, קאָן מען פאַרשטיין איז וואָס פאַר אַ שטימונג ער געפינט זיך אָפט, ווען מען הערט ביי אונדז די אויסגעדראָשענע רייד וועגן קולטור אין טעאַטער, וואָס האָבן ניט קיין געוויכט און קיין באַ־דייטונג.

צי אין ברוגז, צי אין שלום, ווינטש איך עליען אָנצושפּאַרן עד מאה ועשרים שנה און פאָרזעצן זיין אַרבעט מיט אַלע זיינע קאַפּריזן.

מאַלע וואָס מען זאָגט

אַ ייד וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון ארץ ישראל דערציילט די פאָלגנדע מעשהלעך וואָס כאַראַקטעריזירן אַביסל די לאַגע דאָרט.

אַן אַמעריקאַנער ייד וויל דינגען אַ טעקסי צו פאָרן פון תל־אביב קיין ירושלים. דאָס איז אַ טאָג־רייזע הין־און־צוריק און דער טעקסי־מאַן מאַן הייסט זיך געבן אַ פאַר צענדליק פונט, וואָס אויף אַמעריקאַנער דאָ־לערן איז עס אַ פאַרמעגן. שטייט דער אַמעריקאַנער ייד, קוקט אויף דער אַלטער טעקסי און מיינט אַז דער שאָפער פאַרשטייט אים ניט. פּרוּווט ער אים דערקלערן אויף ענגליש און אויף יידיש און דערמאַכט מיט די הענט, אַז ער וויל ניט אָפּקויפן ביי אים די טעקסי, ער וויל עס נאָר דינגען אויף צו פאָרן קיין ירושלים.

אַרטיקלען

באַצאָלטע און ניט־באַצאָלטע באַאַמטע מיט וועמען איך האָב מיטגעאַרבעט

דער פאַרבאַנד, ווי אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, האָט אַ גרויסן אַפּאַראַט פון באַצאָלטע באַאַמטע.

עס זיינען זיכער דאָ אַ 10-12 אָרגאַניזאַטאָרן וואָס אַרבעטן אין ניו־יאָרקער אָפיס. עס זיינען דאָ אָרגאַניזאַטאָרן וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד און עס זיינען דאָ לאָקאַלע באַאַמטע אין יעדער שטאָט, וואָס טוען די אַרבעט פאַר די שטאָט־קאָמיטעטן.

מיר איז אויסגעקומען איייניקע יאָר צו זיין אַ באַצאָלטער באַאַמטער אָדער אין דער קאַפּאַציטעט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, אָדער עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פונם לאָס אַנדזשעלעסער שטאָט־קאָמיטעט.

און עס איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט די חברים לואיס סיגאַל אַלס דער גענעראַל סעקרעטאַר און די חברים מאיר בראַון אַלס פּרעזידענט און ש. באָנטשיק, אַלס וויס־פּרעזידענט. ווי עס פּאַסירט אָפט אין אַן אָרגאַניזאַציע קומען אַמאָל אַרויס סיכסוכים און מען איז ניט אין אַלץ מסכים אַ הונדערט פּראָצענט. איך האָב אין דעם זין קיינמאָל ניט געפונען קיין שוועריקייטן. איך האָב אַלעמאָל געפינען אַ הונדערט פּראָצענט קאָאָפּעראַציע מצד די באַאַמטע אין אַלע פּראָבלעמען וואָס זיינען אויפגעקומען אין מיין צייט. ל. סיגאַל מיט זיין קלאָרן קאָפּ האָט אַלעמאָל געפונען אַן אויסוועג צו לייזן די שווערסטע פּראָבלעמען.

אונדזער באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס איז אויסגעוואַקסן צו אַזאַ אָנגעזעענער פּאָזיציע אין שטאָט אַ דאַנק דעם וואָס יעדן יאָר צו די יערלעכע קאָנפערענצן פון פאַרבאַנד האָבן מיר געהאַט אַלס גאַסט איינעם פון די באַאַמטע: אָדער סיגאַלען אָדער באָנטשיקן, אָדער בראַונען, וואו מען האָט פאַרהאַנדלט אונדזערע שטאָטישע פּראָבלעמען, און די פירערשאַפט אין ניו־יאָרק איז אַלע מאָל געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן אונדזערע היגע פּראָבלעמען. איך ווייס אַז איך האָב אַלע מאָל געפונען אַן אָפענעם אויער און אַן אָפן האַרץ פאַר אונדזערע היגע פּראָבלעמען ביי די באַאַמט אין ניו־יאָרק.

איך בין אין דעם הינזיכט איבערהויפּט געווען מזלדיק, אַז יעדעס מאָל וואָס איך פלעג קומען אין ניו־יאָרק האָב איך געמוזט עסן וועטשערע מיט חבר סיגאַל אָדער אין הויז פון חבר באָנטשיק, און עס האָט אַלעמאָל צווישן אונדז געהערשט אַ וואַרעמע אויפריכטיקע פריינדשאַפט, וואָס דאָס האָט געגעבן כוח אָנצוגיין מיט דער שווערער אַרבעט אַ גאַנץ יאָר.

נאָך אָט־דער חברשאַפט וועל איך בענקען מיין גאַנץ לעבן.

איך מוז דאָ אויך דערמאָנען אַ צאָל פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען אין לויף פון יאָרן זיי אויפנעמען ווי דער פאָרשטייער פון היגן פאַרבאַנד. איך מיין קאָר האָט אַלעמאָל געדינט ערלעך די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע און די חשובע געסט. מיין קאָרעלע האָט ניט איינמאָל געמאַכט די רייזע פון לאָס אַנגעלעס קיין סאַן פראַנציסקאָ, פּעטאַלומאַ און אָוקלאַנד מיט אַזעלכע חשובע געסט ווי פּרץ הירשביין, לייב גלאַנץ; אויך קיין סאַן דיעגאָ און טיאַוואַנאַ איז געווען אַ מצווה צו פירן דוד פּינסקין און אַנדערע געסט. אויך די אַר־טיסטן וואָס פלעגן קומען יעדן יאָר מיט אַל העריס אַלס פירער, האָט מען געדאַרפט וויזן די שטאָט.

אויך אַזעלכע חשובע געסט ווי יואל ענטין און פּינחס גינגאָלד עליהם השלום, האָט מען זיך דאָך אַוודאי געדאַרפט אָפּגעבן. און ווער שמועסט געסט פון ישראל, קאָן מען דאָך אַוודאי ניט איבערלאָזן אויף הפקר.

דאָ איז נאָך ניטאָ דאָס גאַנצע צעטל אָרגאַניזאַטאָרן וואָס פלעגן קומען יעדן יאָר פירן אָן אָרגאַניזאַציאָנעלן קאַמפּיין, אָנהייבנדיק פון אומדערמידלעכן יעליסן, וועלכער איז צו אונדז געקומען דריי יאָר כסדר, און ענדיגנדיק מיט אוירוויגג מאַן, וועלכער האָט דאָ אויך דורכגעפירט דריי קאַמפּיינס אין די לעצטע צוויי יאָר.

בלעטערנדיק אין מיין זכרון דערמאָן איך זיך אין אברהם שניידער, וועלכער האָט דורכגעפירט אַ פּאָר יאָר קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. און דאַן ש. בירשטיין, וועלכער האָט דאָ געאַרבעט אַ צוויי יאָר; דער חבר דובין ע״ה, צוויי יאָר; אויך לייב נאַטאַנזאָן, צוויי יאָר. אויך די קאַמפּיינס וואָס חבר מ. חמק האָט דאָ דורכגעפירט, און דעם קאַמפּיין וואָס חבר ווינשטיין פירט איצט.

די לעצטע עטלעכע יאָר זינט חבר האָכבערג איז געוואָרן עקזעקו־טיוו סעקרעטאַר, זיינען מיינע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אַלס אָרגאַניזאַטאָר גאָר שטאַרק רעדוצירט געוואָרן און די אַרבעט ווערט געטאָן פון אַנדערע. איך קום נאָך אַריין אין אָפיס צייטנווייז ניט מער אַלס אַקטיווער טוער.

אויסרעכענענדיק פאַרשידענע מענטשן מיט וועלכע מיר איז אויס־געקומען צו אַרבעטן, מוז מען צורעכענען אַלע מענטשן צווישן וועלכע איך וויל דערמאָנען זיינען געווען אָט־די וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן הסתדרות קאַמפּיין, ווען מיר האָבן אַלעמאָל געדאַרפט העלפן. דער ערשטער איז געווען חבר משה כהן, מיט וועמען דער פאַרבאַנד האָט געאַרבעט האַנט אין האַנט. צו משה כהן פלעגט אַלעמאָל קומען אימיצער פונם הויפּט־אָפיס. דער ערשטער איז געווען דוד רעבעלסקי ע״ה, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט אַ שיינע פּאָר יאָר פאַרן קאַמפּיין. שפּעטער איז צוגעקומען משה בערמאַן, אַן ענערגישער שווערער אַרבע־טער; ברוך צוקערמאַן איז געקומען אַ פּאָר מאָל. איצט איז דאָ דר. בלימנפעלד און חיים גאָטליב.

אויך אין אָפיס פון די פּועלי־ציון האָבן מיר אַלעמאָל געאַרבעט צוזאַמען, אַנהייבנדיק פון ח׳ באַרמאַק ע״ה איז געווען אַ גאַנצער צעטל מיט מענטשן, מיט וועמען מיר פלעגן דאַרפן אַלע מאָל קאָאָפּערירן און צוזאַ־מען אַרבעטן. רבי יוסף מילער איז געווען אַ מענטש וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען אונדזער באַוועגונג. אויך דער איצטיקער סעקרעטאַר, דר. מעי, קאָאָפּערירט זייער פיין מיט חבר האָכבערג. אויך האָט דער פאַרבאַנד אַלעמאָל אויפגענומען די געסט־רעדנער, וועלכע פלעגן קומען צו דער פּאַרטיי. אַזוי אַז קיין מאַנגל אין געסט איז ביי אונדז קיינמאָל ניט געווען.

* * *

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ צאָל וויכטיקע טוער, וועלכע זיינען שוין ניט צווישן די לעבעדיקע, וועלכע פעלן אונדז זייער שטאַרק אויס; מענטשן וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונדזער לעבן און אין אונדזער באַוועגונג.

אַלע געדענקען דעם נאָמען געצל וויינער, איינער פון די גרינדער און אויפהאַלטער פונם פּועלי ציון פאַראיין, דעם פאַרבאַנד ברענטש און פאָלק־שול. פאַר אים און זיין ציפּען איז די פאָלקס־הויז געווען זייער צווייטע היים.

אַ צווייטער בויער און אויפהאַלטער פון אונדזער באַוועגונג אין באָיל הייטס איז געווען נייטן ריידער, אַן אַלטער בחור, וואָס די באַוועגונג איז געוואָרן זיין לעבן און איז געשטאָרבן עלנט אין קאַונטי האָספּיטאַל.

מאיר אָרסטראָווסקי ע״ה האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט צוגעגעבן אַ סך גלאַנץ אונדזער באַוועגונג. ער איז געשטאָרבן פאַר דער צייט אַן אויס־געקרענקטער. ער פעלט אונדז כסדר.

מען דאַרף דערמאָנען ח' נ. פעסין ז"ל פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן.

די עלטערע חברים קענען ניט פאַרגעסן דעם נאָמען פיטער מ. כהן ע"ה. ער איז געווען אַן אַנגעזעענער פירער און ביישטייערער פאַר אַלע צוועקן. ער פעלט אונדז בסדר.

עלטערע חברים וועלן אויך ניט פאַרגעסן אַ קאָזין פון פיט כהן: דר. לעאָ בלעס, אַ פיינער מעדיקער און קולטור־מענטש, צו וועמעס וואָרט מען האָט זיך צוגעהערט. אין דערזעלבער קאַטעגאָריע גייט אויך אַריין דער נאָמען ל'איס הדס, אַן אינטעליגענטער אַרבעטזאַמער טוער, וועמען אַלע געדענקען.

אין דער זעלבער קאַטעגאָריע גייען אויך אַריין די נעמען פון אונ־דזערע לערער, מ. דובין און מינא יאַראָסלאַווסקי. ביידע געווען פּראָפּע־סיאָנעלע לערער, וועלכע האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן סיי מיט זייער לערנען און סיי מיט זייער אידעאַליזם פאַר אונדזער באַוועגונג.

אויך חיים שויס איז אַרויסגעריסן געוואָרן אין רעכטן מיטן פון זיין הייליקער אַרבעט. אין דערזעלבער קאַטעגאָריע קאָנען פאַררעכנט ווערן פיניע און שרה גאַנז.

חברים וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די נעמען פון ה. רויזענבלאַט און פרץ הירשביין, וועלכע זיינען געווען איינגעבאַקן אין די הערצער פון אַלע חברים.

חבר דוד רעבעלסקי, וועלכער האָט געלעבט מיט אונדז עטלעכע יאָר, קאָן ניט פאַרגעסן ווערן ווי איינער פון אונדזערע אמתע פירער.

דאָ דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: מאָריס טר־בין, ב. סאָלאָמאָן, מ. פליק. אויך דער פאַרשטאָרבענער שרייבער, י. ש. נאַא־מאָוו, און דער שריפטשטעלער, דער שאַפער פון קליין מענדעלע, חבר און חברה קייץ, ביידע געשטאָרבן אין איין יאָר.

ברוך וויינבערג, אויף וועמעס נאָמען מיר האָבן אַ ברענטש אין דער וואַלי. חיים מאַרגאָלין האָט אַ סך צוגעטראָגן צו אונדזער באַוועגונג. מען מוז דערמאָנען דר. אָסטראָווסקי און לינאַ ראָסום. מ. בראָדי, געווען דער גרינדער און אויסהאַלטער פונם בראָנקסער ברענטש; מענדל ליפּ־שיץ און דוד באָיאַרסקי.

זינט מיין קומען אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1927 זיינען יעדן יאָר אַוועקגעריסן געוואָרן חברים פון אונדזערע רייען. דאָ אָבער וויל איך פאַרצייכענען לזכרון חברים האַרציקע, געטרייע, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן אונדזער באַוועגונג. עס וועלן פעלן צענדליקער נעמען אינם צעטל, אָבער איך האָב עס געטאָן פון זכרון, וועלן מיר מוחל זיין די וואָס פעלן.

מיינע באַגעגענישן מיט דוד פינסקין

מען קאָן וועגן דוד פּינסקין אָנשרייבן גאַנצע ביכער, סיי אַלס שריפטשטעלער און סיי ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און פירער אין ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. מיר זיינען געווען נאָענט באַפריינדעט און ווען ער פלעגט קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס האָב איך אים אַרומ־געפירט מיט מיין קאַר און ער פלעגט אַ פּאָר מאָל דורך דער צייט עסן וועטשערע ביי אונדז. איך פלעג אים פירן זייער אָפט צו די הירשביינס. דערפאַר אַז איך און מיין פרוי פלעגן קומען אין ניו־יאָרק גאַנץ אָפט וועגן פאַרבאַנד ענינים, פלעגן מיר מוזן עסן וועטשערע ביי זיי פרייטיק אָוונט.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט פּינסקין האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די טעג פונם „אַרבעטער", אַן אָרגאַן וועלכן ער האָט רעדאַקטירט צוזאַמען מיט יוסף שלאָסבערגן. נאָך אין יענע צייט האָבן מיר אים אַראָפּגעבראַכט קיין טאָראָנטאָ, קאַנעדע.

ווען „די צייט" איז אַרויס אין 1921, האָט מיך פּינסקי שטאַרק צוגערעדט איך זאָל ווערן דער „לייבאָר עדיטאָר" פון דער „צייט". מיין נאָמען און בילד איז געווען אַנאָנסירט אויפן פּאָסטער צווישן אַלע מיט־אַרבעטער. אָבער די לעצטע מינוט האָב איך זיך אָפּגעזאָגט און האָב בלויז געשריבן אייניקע אַרטיקלען פאַר דער „צייט" אונטער געוויסע פסעוודאָנימען.

איך וועל ניט פאַרגעסן איינעם פון די סאַמע לעצטע וועטשערעס אין פּינסקיס הויז. איך און מיין פרוי און נאָך אַ דריי געסט זיינען געזעסן און דיסקוטירט די סאַמע לעצטע געשעעניש. יוסף שלאָסבערג איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט וועגן אַ באַשלוס וואָס די גענעראַל עקזע־קוטיווע פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אויף איר לעצטער זיצונג. פּינסקי איז באַשטאַנען אויף דעם אַז דער באַשלוס איז געווען אַ גערעכטער און האָט ניט איינגעשטימט מיט שלאָסבערג טענות. די דיסקוסיע איז גע־וואָרן אַזוי הייס, אַז שלאָסבערג האָט געכאַפּט זיין היטל און איז אַנטלאָפן פון הויז. עס האָט גענומען אַ היבשע שטיקל צייט ביז עס איז געלונגען מרס. שלאָסבערג צוריקברענגען איר ברוגזן מאַן צוריק אין פּינסקיס הויז צו וועטשערע.

דאָס איז אַ ביישפּיל ווי אַזוי אַט־די צוויי מענטשן האָבן זייער גאַנצן לעבן געקעמפּט פאַר זייערע פּרינציפּן און פאַר זייערע איבער־צייגונגען. עס איז מיר געבליבן אין זכרון דער לעצטער באַזוך וואָס פּינסקי האָט געמאַכט אין לאָס אַנגעלעס. עס איז געווען אַ פּראַקטישער. אַ גרופּע קולטור־טוער דאָ אין שטאָט האָבן זיך דערוואוסט אַז פּינסקי גרייט זיך צו באַזעצן אין ישראל. האָבן זיי געטראַכט אַז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן צו פאַראינטערעסירן פּינסקין ארויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אין לאָס אַנגעלעס. זיי זיינען געווען זיכער אַז מיט פּינסקיס נאָמען וואָלט מען געקענט די זאַך רעאַליזירן.

ביי פּינסקין איז דאַן געווען אַ פראַגע צו אַנטשיידן צווישן ארץ ישראל און לאָס אַנגעלעס. ביידע פאָרשלאָגן זיינען אים געווען נאָענט צום האַרצן. איך בין געווען אין דער קאָמיטע צונויפצושטעלן דעם צעטל פון מענטשן אויף דורכפירן דעם פּלאַן פון אַ צייטונג אין לאָס אַנגעלעס. די פאַרזאַמלונג איז געווען אין הויז פונם חשובן פּיטער כהן ע״ה. גלייך אויפן אָרט איז צוגעזאָגט געוואָרן אַ סומע פון $25,000 פאַר אַ צייטונג. דער עולם ביי דעם מיטינג האָט געוואָלט אַנהייבן מיט אַ וואָכן־צייטונג, אָבער פּינסקי איז באַשטאַנען אויף דעם אַז עס מוז נאָר זיין אַ טאָג־צייטונג. זיין טענה איז געווען אַז עס לוינט זיך ניט זיין אָנשטרענגונג פאַר אַ וואָכן־צייטונג. און פון אַלע פאָרשלאָגן און דיס־קוסיעס איז גאָרניט געוואָרן.

עס קאָן זיין אַז דער געדאַנק זיך צו באַזעצן אין ישראל האָט אים אַזוי באַהערשט, אַז קיין אַנדער פאָרשלאָג פון עפּעס טאָן אין אַמעריקע האָט ניט געקענט אַפּעלירן צו אים. און דערפאַר איז אַזאַ שיינער חלום פון האָבן אַ יידישע צייטונג אין לאָס אַנגעלעס אונטער פּינסקיס רעדאַק־ציע צערונען געוואָרן...

ביי דוד פּינסקין ע״ה אין ישראל

מיר האָבן בייגעוואוינט אַ קבלת פּנים וואָס די הסתדרות האָט איינ־געאָרדענט פאַר ח׳ ד״ר פּינסקי אין „אוהל״ זאַל, שבת אינדערפרי. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע אויפנאַמע פון דער הסתדרות. עס האָט גערעדט דער רעדאַקטאָר פון „דבר״ וועגן פּינסקין. און פּינסקי האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער פאָרטראַג איז געווען שאַרף און געוואַגט. ער האָט אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ ראָלע און ווירקונג די יידישע ליטעראַטור און פרעסע האָט געהאַט אויפן גאַנג פון

יידישן לעבן אין אַמעריקע, אונטערשטרייכנדיק, אַז אַ דאַנק דער דאָזי־קער ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער, האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אינטעליגענטע יידישע מאַסע, צו וועמען מען האָט געקענט ריידן וועגן ציוניזם און אַנדערע יידישע אידייען. פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל איז וויכטיק אַז די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע זאָל גע־דייען און דינען ווי אַן אינסטרומענט אַריינצובריינגען וויסן און יידיש באַ־וואוסטזיין, כדי איינס זאָל קאָנען העלפן דאָס צווייטע.

ביי דער פאַרזאַמלונג האָב איך געטראָפן דר. אַפּעלבוים און דעם רויטן גאָלדמאַן פון ניו־יאָרק, און נאָך אַ צאָל חברים, וואָס זיינען אוועק־געפאָרן נאָך דער ערשטער מלחמה.

חבר מאָריס דייטש — דער טוער

וויבאַלד מען פייערט שוין יאָ חבר דייטש׳ס 60 יאָריקן יובל, וויל איך אויך צולייגן אַ שטיקל האָלץ צום פייער און אויך אַ זינג טאָן אים אַביסל שבחים. ווער, ווער, איך בין דאָך יאָ אַ שטיקל שותף אין אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעקאָכט אין אונדזער געמיינדע אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר. איך בין אויך אַ „סיילענט פּאַרטנער״ צו זיין קאָר.

ער האָט ווי אַ פּאָלנער בר־דעת, פּונקט אין צייט זיך אַריינגעקליבן אין די זעכציקער, דאָס הייסט, געוואָרן אַ בעל־יובל און כאָטש מען ווערטלט זיך, אַז יעדער בר־נש קען אין אונדזערע מאָדערנע צייטן ווערן אַ זעכציקער, איז דאָס אָבער ניט זיכער, אַז יעדער בשר־ודם קען און האָט אַ רעכט זיך צו באַרימען מיטן אויפטו... פּשוט — נישטאָ וואָס צו וויזן. ניט יעדערער איז זוכה צו דעם רעכט, אַז אַנדערע און אויך ער אַליין זאָלן האָבן דעם נחת צו שאַצן זיינע מעשים. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טוען קלוגער און מיידן אויס צו שאַצן און אָפּשאַצן זייערע טואונגען... בעסער אַז מען פאַרשוויגט... אַז מען ציילט ניט.

מאָריס דייטש האָט יאָ די פריידו צו ציילן זיינע פּוס־טריט, ווייל ער האָט יאָ איבערגעלאָזט קאָנטיקע סימנים אויפן גאַנג פון דער צייט. די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אים אין דער אַרבעט קענען באמת אָפּשאַצן זיינע אויפטואונגען פאַר אונדזער באַוועגונג. זיי ווייסן אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו נעמען פאַר זיך, נאָר האָט אַלעמאָל געגעבן פון זיך צייט און געלט — צוויי זאַכן וואָס זיינען אים קיינמאָל נישט אָנ־געקומען צו גרינג. זיין געשעפט האָט אים כסדר געהאַלטן פאַרנומען מער ווי וועלכן ס׳איז אַנדער חבר און דאָך האָט ער זיך קיינמאָל ניט

געזוכט אַרויסצודרייען פון זיינע פליכטן, סיי אין אַרבעט און סיי אין געלט.

פון דעם ערשטן טאָג וואָס דייטש האָט זיך אַריבערגעקליבן אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אַרום אונדזער באַוועגונג. איך האָב זיך אַ סך מאָל געפילט שולדיק אין אַרויפֿוואַרפן אויף אים צופיל פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער ער האָט אַלץ אָנגענומען מיט ליבע און די אַרבעט פֿון דער באַוועגונג איז געוואָרן זיין טעגלעכע רוטין. חבר דייטש האָט מיט זיך אַלעמאָל סימבאָלירט דעם מאָראַלישן כוח פון אונדזערן אַ חבר, וועלכער האַלט הייליק און טייער זיין אידעאַל ווי אַ רעליגיע. אַז חבר דייטש עפנט אַ מיטינג און זאָגט אַרויס די איינפאַכע ווערטער: „חברים און חברות", גלויבט מען אים אַז ער מיינט עס. דערפאַר געווינט ער דעם צוטרוי פון אַלע חברים אַרום אים.

חבר דייטש האָט גרויס דרך־ארץ פאַר תלמידי־חכמים און באַציט זיך צו זיי מיט ליבע און כבוד. ער האָט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו אַלע אונדזערע חיים'ס אין יידישן לעבן, אָנהויבנדיק מיט חיים זשיטלאָווסקי, חיים שויס, חיים גרינבערג און חיים גראַדע. עס איז געווען זיין איניציאַטיווע צו ברענגען די מענטשן צו אונדז אין שטאָט. און דאָס האָט דערהויבן דעם מצב פון פאַרבאַנד אויף אַ גאַר הויכער ניוואָ.

פאַר די אַלע זאַכן קומט אים דער באַנקעט, מיט די זעכציק נייע מיטגלידער וואָס די חברים טראָגן אים צו אַ מתנה.

מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן זיין לעבנס־באַגלייטערין, חברה רחל דייטש, וועלכע טראָגט אויף אירע פּלייצעס אַ היבשן חלק פון אונדזער ווייבערשער באַוועגונג און וועלכע איז געוועזן אַ געטרייע שותפטע צו אַלץ וואָס דייטש האָט געטאָן און מיטגעלעבט די גוטע ווי די שווערע טעג.

דער פילם־מאַגנאַט, סעם גאָלדווין, האָט אַמאָל פאַרהאַנדלט מיטן סאַטיריקער מכּוח פאַרקויפן אים דאָס רעכט פון פילמירן אַ טייל פון זיינע פּיעסן. האָט דער שריפטשטעלער דערפאַר געפאָדערט אַ זייער גרויסע סומע.

— נייך, מר. שאָו — האָט גאָלדווין זיך מיט אים געדונגען — אַזאַ ריזיקע סומע קען איך אייך ניט באַצאָלן. איר טאָרט ניט פאַרגעסן, אַז אַ דאַנק די פילמען וועלן זיך מיט אייערע פּיעסן באַקענען מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט. שטעלט זיך פאָר וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס וועט האָבן פאַר דער קונסט ?

— די צרה איז דאָס, מר. גאָלדווין — האָט דערויף שאָו געענטפערט — וואָס איך אינטערעסירט די קונסט און מיך — דאָס געלט.

אַ רויִקן לעבן

(אַ מיניאַטור „מעלאָדראַמע" אין 1 אַקט; פון פּיטער מ. קאַהנס יובל־בוך. אויפגעפירט פון אליהו טענענהאָלץ אין סאַניטאַריום פאַר 1000 צושויער)

די סצענע שטעלט פאָר אַן אָפּיס איבערגעצאַמט מיט אַ ווענטל אויף צווייען. לינקס געפינט זיך דער בוכהאַלטער „ניק", וועלכער איז פאַרטאָן אין דער אַרבעט קלאַפּנדיק אויף דער רעכן־מאַשין; אויך דער מענעדזשער דזשים, וועלכער אונטערהאַנדלט עפּעס מיט אַ פּאָר מענטשן. די אָמפּערן זיך און פּרובירן איבערצושרייען איינע די אַנדערע. רעכטס אויפן צווייטן זייט ווענטל זיצט ביי אַ דעסק דער באָס, פּיטער מ. קאַהן, אָדער ווי קיבעצער רופן אים: „פּיאַטער וועליקי". און דער גאַנצער טומל פון צווייטן זייט גייט אים ניט אָן.

ביי פּיטן אויפן דעסק איז גאַנץ געדיכט. עס ליגט אַ היבש בעקל רעסיטס, איניקע יידישע און ענגלישע צייטונגען. אויף דער אויבער־שטער טייל פון דעסק ליגט אַ גרויסער אַלטער ספר, אַ גמרא, דעם רמב"ם'ס מורה נבוכים. אויף דעם לעצטן ספר ליגט אַ ריזיק גרויסע פּאַטייטאָ. ביים עק דעסק ליגן אַ פּאָר יידישע זשורנאַלן, אַ קאָפּיע פון „כנסת ישראל" און אַ צאָל סואווענירן זשורנאַלן פון פאַרשידענע אָרגאַני־זאַציעס. „פּיט" זיצט אָנגעטאָן אין הוט און מאַנטל, רויכערט אַ סיגאַרעט און חשבונט עפּעס פון די רעסיטס. ביים עק דעסק זיצט בראָדסקי, אַ כלל־טוער, פּיט'ס אַ חבר פון דער באַוועגונג. ער רויכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן און רעדט שטיל צו „פּיטן":

בראָדסקי: חבר קאַהן, מיר קאָנען דאָס ניט אָפּלייגן, מירן פאַרלירן אונדזער לאַט אויב מיר וועלן ניט שאַפן דאָס איבעריקע געלט ביזן ערשטן. איר מוזט אַרויסגיין היינט מיט לובינען שאַפן אַביסל געלט.

פּיט: (בעט זיך ביי אים) גזלן, ווי קאָן איך היינט אַרויסגיין, אַז איינס אַזייגער האָב איך אַן אַרביטריישאַן קיים צווישן די רבנים מיט אַ קאָמיטע פון דער קהילה און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט זיך פאַרציען, און נאָך דער אַרביטריישאַן מוז איך גיין אין דזשייל... עפּעס האָט מען דאָרט אַריינגעזעצט אַ יידן וואָס מען דאַרף אים אַרויסנעמען. מ'האָט מיך וועגן דעם אָפּגערופן פון דער פעדעריישאַן.

בראָדסקי: טאָ זאָל זיין מאָרגן. אָבער אויף מאָרגן האָט איר דאָך נאָך ניט קיין אַפּאָינטמענטס.

פּיט: מאָרגן? מאָרגן? וואַרט, איך וועל אייך באַלד זאָגן. (קוקט אויף זיין קאַלענדאַר): האָ? אָט האָט איר עס. מאָרגן האָב איך אַ מיטינג מיט די לערער, „די היברו טיטשערס‟, עפּעס איז דאָרט אַ סכסוך וועגן זייער יוניאָן. איך מוז דאָרט זיין, און נאָך מיטאָג פאָרן מיר אַ קאָמיטע קיין פּעטען באַזוכן די משוגעים. איר האָט אייך געמעגט אַהין צופאָרן, איר וואָלט דאָרט עפּעס געלערנט... אפשר געוואָרן אַביסל קלוגער...

בראָסקי: (וויל עפּעס זאָגן, אָבער דערווייל קלינגט דער טעלעפאָן).

פּיט: העלאָו, העלאָו! אַה, נאַדיע, דו? וואָס מאַכסטו? האָ? וואָס זאָגסטו, איך זאָל קומען פריער אַהיים, מיר דאַרפן גיין צו די קינדער אויף סאַפּער? ווי קען איך קומען פריער, אַז איך דאַרף גיין אין דזשייל... שאַ, משוגענע, וואָס קאָכסטו זיך. איך גיי דאָרט ניט זיצן. פאַרוואָס זאָל איך זיצן, פאַר ביגאַמי? מ'דאַרף אַרויסנעמען אַ יידן וואָס זיצט דאָרט עפּעס פאַר אַ נאַרישקייט. מ'האָט מיך אָפּגערופן פון דער פעדערײשאַן. ווערסט דאָך ניט פרלאַנגען אַ אַ ייד זאָל זיצן נאָך אַ טאָג אין תפיסה צוליב דעם ווייל דו ווילסט גיין פאַר פּלעזשור צו די קינדער? שאַ, שריי ניט! אָלרייט, מירן גיין צו זיי אַנאַנדערש מאָל. זיי פאָרן דאָך ניט אַוועק. ווייסטו גאָר וואָס: גיי היינט אַליין, אימיצער וועט דיך צופירן, אָדער נעם די רויטע קאַר. אַ מחיה צו פאָרן מיט דער רויטער קאַר, האָ? ווילסט ניט גיין אַליין? נו, וועלן מיר שוין גיין אַנאַנדערש מאָל. גוד־באַי. (רעדט צו בראָדסקין): אָט אַזוי ווי איר זעט, מען קען זיי, די ווייבער, קיינמאָל ניט צופרידנשטעלן, רק זיי האָבן טענות. (עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ אין פענצ־טער און רעדט מיט אַ וויינענדיקער שטימע דייטשמעריש): מר. קאָהן, ער האָט דאָך מיך ניט צוגענומען צו דער אַרבעט, וואָס זאָל איך איצטער טאָן?

פּיט: טאַקע? אַזאַ סוואָלאָטש! און מיר האָט ער הייליק פאַרשפּראָכן אייך אַנצושטעלן. וואַרט, איך רוף אים שוין אָפּ. (קלינגט): העלאָו, העלאָו! אַי וואָנט טו טאָק טו מר. הערי גליקמאַן. העלאָו, הערשל? הער נאָר דו פלאָקנשיסער, וואָס יאָגסטו אַרום דעם גרינעם דייטש הין און צוריק. דו האָסט דאָך אים צוגעזאָגט צו נעמען צו דער אַרבעט, וואָס מיינסטו דו דאַרפסט אים ניט? און דיך דאַרף מען? ווער דאַרף דיך, סוואָלאָטש איינער! וואָס פאַר נוצן ברענגסטו דער וועלט? הער, אויב דו ווילסט אים ניט און אַנאַנדערער אייך ניט, טאָ ווי קען ער קריגן אַ דזשאָב? עס איז אָלרייט, די כאָליערע וועט דיך ניט כאַפּן. שטעל אים אָן צו דער אַרבעט. ער האָט סיווי מער שכל פון דיר; ווערסט כאָטש האָבן איין מענ־

טשן מיט שכל אין דיין געשעפט. איך שיק אים גלייך צו. גוד באַי.
(רעדט צום יונגן מאַן אין פענצטער): ס'איז אַלרייט. גייט צו אַהין, ער וועט אייך שוין צונעמען.

(עס קומט אַריין אַ קאַמיטעמאַן מיט אַ פּעקל ביכער אונטערן אָרים. הינטער אים גייט דער דיכטער זאַלופּקין, מיט אַ שטעקן אין האַנט; אַ קליין העטקעלע זיצט אויף זיין קוטשמע האָר; אויף די אויגן דיקע ברילן מיט שוואַרצע ראַמען).

קאַמיטעמאַן: חבר קאַהן, איך האָב אייך געבראַכט זייער אַ חשובן גאַסט, דעם באַוואוסטן דיכטער זאַלופּקין. ערשט געקומען פון ניו־יאָרק. ער וויל אייך באַשענקען מיט זיין נייעם ווערק, דעם בוך סאַנעטן אין ווייסע פּערזן.

דיכטער זאַלופּקין: (גיט קאַהאַנען די האַנט) ס'פרייט מיר אייך צו קענען, קאָלעגע קאַהן. איך האָב נאָך געהערט פון אייך אין ניו־יאָרק אין קאַפּע ראַיאַל. וועגן אייער באַציאונג צום יידישן בוך און צו די שאַפער פון יידישן וואָרט אויף יעדן געביט. איך רוף אייך קאָלעגע, ווייל איך האָב געהערט אַז איר שרייבט אייך, ס'הייסט ניט קיין פּאָעזיע נאָר פּראָזע. נו זייענדיק מיר דאָך קאָלעגן און עס וועט זיכער זיין ביי אייך אָנגע־לייגט מיין לעצטער בוך מיט מיין אויטאָגראַף. (גיט אים דעם בוך)—
פּאַיוו דאָלער פּליז. (פּיט גיט אים אַ פינפערל און נעמט דאָס בוך).

פּיט: ניין, קיין שרייבער בין איך ניט. נאָך דאָס פעלט מיר! איך האַנדל מיט פּאָטייטאָס, מיט ציבעלעס. (ווייזט אים אַ גרויסע פּאַטייטאָ). זיינט איר דאָס טאַקע דער באַרימטער דיכטער זאַלופּקין? ווען איך באַ־געגן אייך אין גאַס וואָלט איך אייך אין דעם קיינמאָל ניט פאַרדעכטיקן. איר זייט פאַרהייראַט? געזעצלעך? ווי פּאַסט עס עפּעס פאַר אַ דיכטער פון סאַנעטן און נאָך אין ווייסן פּערזן? עפּעס גלויבט זיך מיר ניט אַז דאָס זייט איר טאַקע דער באַרימטער דיכטער. אפשר קאָנט איר מיר אָנשרייבן אַ רוסישן אַדרעס?

ניק: (שרייט אַריין אין טיר) מר. קאַהן, מ'האָט געבראַכט די ווייסע ציבעלעס, ס'איז אָבער ניטאָ קיין ביל אָווליידינג. זאָל איך עס צונעמען?

פּיט: ניין, מען דאַרף ניט, מען דאַרף ניט. ווער דאַרף אַ ביל אָוו ליידינג? ווער דאַרף ווייסע ציבעלעס? קאָלעגע זאַלופּקין האָט אונדז גע־בראַכט אַ לאָוד ווייסע ציבעלעס... איך מיין ווייסע סאָנעטן... ניין, איך מיין סאָנעטן אין ווייסע פּערזן, אַ מציאה פון אַ גנב, פינף טאָלער מיט אַן אויטאָגראַף...

ניק: (קוקט אים אָן) „אַי טהינק, פּיט, יו אַר גאָינג נאַטס"...

דר. נתן זאַלצמאַן ע"ה

ווען איך האָב אין 1927 באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין לאָס אַנגעלעס, האָט מען מיר אין ניו־יאָרק מיטגעגעבן צוויי אַדרעסן: איינעם פונם סעקרעטאַר פון באַראַכאָוו ברענטש, דעם איינציקן פאַרבאַנד צווייג דאָ אין ל. א., און פון חבר דר. זאַלצמאַן, דער פאַרזיצער פון דאַמאָלסדיקן „געווערקשאַפטן קאַמפּיין" (פאַר דער הסתדרות).

דר. זאַלצמאַן האָט זיך דערפרייט מיט מיין קומען, און מיך טאַקע געבעטן מאָרגן קומען צו אַ זיצונג פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין קאָמיטעט.

יענע זיצונג איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זיכרון, ווייל זי דינט ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אונדזערע וויטערדיקע טעטיקייטן אין די שפּעטערע יאָרן.

ביי דער זיצונג זיינען געווען ביי 8 אָדער 10 חברים פון וועלכע איך געדענק: זאַכאַרי פינקלשטיין, אהרן שאַפּיראָ, געצל ווײַנער, ראָזי־מאָװסקי ע"ה, און פיליפּ ריסקין, צו לאַנגע יאָר.

דער מיטינג האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ קבלת־פּנים פאַר דר. אָרלאָ־זאָראָװ, וועלכער איז דאַן געקומען דעם ערשטן מאָל קיין אַמעריקע אָנ־צופירן דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, און איז אויך געקומען קיין לאָס אַנגעלעס. דר. זאַלצמאַן האָט דאַן פאָרגעשלאָגן מען זאָל נעמען אַ זאַל ערגעץ דאַונטאַון, כדי מען זאָל קאָנען דערגרייכן אַ גרעסערן עולם. אייניקע פונם קאָמיטעט זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף די ברייטע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן וועלכע געפינען זיך אין „באָיל הייטס" געגנט. איך, אַ גרינער אין שטאָט, בין געווען אין דער פראַגע „נייטראַל", אָבער אין די שפּע־טערע יאָרן האָט אַט־דער קאַמף אין אונזערע אייגענע רייען אָנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמען. זאַלצמאַן איז געווען זייער ערנסט אין זיין באַגער אַרויסצופירן אונדזער באַוועגונג פון אירע אייגענע דלד אַמות און גרייכן ברייטערע שיכטן צווישן די ענגליש־ריינדיקע יידן. אַ צאָל אַלטע חברים האָבן אין דעם געזען אַן אָפּנייג פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אַט־דער אינערלעכער קאַמף האָט געפירט צו דעם, אַז זאַלצמאַן האָט אַ פּאָר יאָר זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון אָפיציעלן אנטייל נעמען אין „קאַמפּיין" ביז מען האָט זיך איבערגעבעטן און ווידער אָנגענומען זיין גאַנג אין דער אַרבעט.

אָבער אין לויף פון יאָרן, ווען די באַוועגונג האָט זיך צעוואַקסן און עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פּלאַן פון אַרבעט אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר קליינשטעטלדיקע פּאָליטיקער, און די גאַנצע אַרבעט איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. דאָ האָט מען שוין אויך געקענט האָבן אַביסל נחת אין פרייד פון אייגענע דערגרייכונגען. מיטן וואוקס פון הסתדרות קאַמפּיין איז אויך געוואַקסן דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין שטאָט.

דר. זאַלצמאַן איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון היגן „קאַמיוניטי קאונסיל" און איז געווען זיין וויס־פּרעזידענט. ער האָט יאָרן לאַנג געדינט אין דער היגער „ביוראָ פאַר יידישער דערציאָונג" און איז צווי טערמינען געווען דער פאָרזיצער פון דער ביוראָ.

זיין איינפלוס אין די דערמאָנטע אינסטאַנצן איז געווען פון גרויסער באַדייטונג. אין די טעג פון ערנסטער געפאַר פאַר ישראל האָט מען זיך אַלעמאָל צוגעהערט צו זיין וואָרט און זיינע מיינונגען האָבן אַלעמאָל געבראַכט אַביסל האָפענונג און זיכערקייט.

אין די פערציק יאָר פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ל.א. האָט זאַלצמאַן מיטן גרעסטן ערנסט געטראָגן יעדע אויפגאַבע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. אַזוי האָט ער זיך געפירט אין דער פאַרטיי, אין פאַרבאַנד, אין הסתדרות און אין שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס.

ער איז געווען אַ חסיד פון ציוניזם און סאָציאַליזם, ארץ ישראל און גלות, העברעאיש אין יידיש, און אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל פאָלקסטימלעך.

ער איז געווען אַ געטרייער פאַרטיי־חבר פון ערשטן טאָג אָן ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, דאָס זעלבע אויך אין פאַרבאַנד.

אין די שווערע, אומגינסטיקע אומשטענדן פון זיין אַרבעט, האָט ער געפונען אַ סך פריינט וואָס האָבן געענטפערט אויף זיין רוף בלויז אַלס ערנסטער חבר און וואַרעמער מענטש. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב אין די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג.

זיין פּיאָנערישע אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור אין דערציאונג, זיין גלויבן אין די אמתן פון פּועלי־ציוניזם, זיין בענקשאַפט פאַר יידישנאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דעם אויפבוי פון ארץ ישראל פאַרן יידישן פאָלק, זיין ליבע צו די יידישע אין העברעאישע שפּראַכן, זיין גרויסער

דרך־ארץ פאַר אונדזערע קולטור־ווערטן, האָבן פאַר אים געזיכערט אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

צו זיין לוויה זיינען געקומען אַרום טויזנט מענטשן. לאָס אַנגעלעס האָט אים צ׳געטיילט אַ פאַרדינטן כבוד.

דר. זאַלצמאַן האָט נישט זוכה געווען ביים לעבן עולה צו זיין און זיך באַזעצן פּערמאַנענט אין מדינת ישראל, האָט מען זיינע ביינער אַהין געבראַכט; און דאָס איז אַ גרויסער זכות.

ער איז געווען אונדזער צאַרטסטער פריינט, אָבער אויך דער שטרענגסטער מאַנער און קעמפער פאַרן אמת. זיין איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר אונדזער באַוועגונג בכלל, באַזונדערס פאַר מדינת ישראל, איז פאַר אונדז אַלעמען שטענדיק געווען אַן אינספּיראַציע. זאָלן זיינע אידעאַליסטישע מעשים פאַר די אַלע יאָרן זיין אַ טרייסט פאַר אַלעמען.

די באַוועגונג פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער

צו דער געלעגנהייט דענק איך איז אין פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּונקט פון אינטערעס און הילף וואָס דאָס געזעלשאַפטלעך לעבן ביי אונדז אין שטאָט, ווי אימעטום, האָט אַרויסגעוויזן צו דער אידייע פון אַ בעסער יידיש טעאַטער.

די אידייע און קאַמף פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער איז ניט ניי אין יידישן לעבן. נאָך מיט 40-50 יאָר צוריק, צוזאַמען מיטן אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך דאָ און דאָרטן באַוויזן גרופּן, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן דעם שונד־טעאַטער און פאַרשפּרייט דעם געדאַנק פאַר דער באַשאַפונג פון אַ בעסער טעאַטער. די פאָדערונג צו די עקזיסטירנדיקע טעאַטערן איז געווען — ניט צו מעסטן די ווערדע פון אַ פּיעסע לויט דעם באָקס־אָפיס און ניט אַרויפשפּילן צו דער גאַליאָר־קע, נאָר שפּילן טעאַטער וואָס זאָל האָבן אַ קולטורעלן ווערט; וואָס זאָל מיט ערנסט און קינסטלערישער קענטעניש ברענגען פאַרן עולם די ווערק פון אונדזערע בעסערע ליטעראַטור שאַפער, און אויף אַזאַ אופן דערציען און אַנטוויקלען דעם געשמאַק פון די ברייטערע מאַסן צו עטוואָס שענערס און בעסערס.

די דאָזיקע קליינע גרופּע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן דעם דאָ־זיקן קאַמף פאַר אַ בעסער טעאַטער געפירט, זיינען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז טעאַטער איז אַ וויכטיקער קולטור־צווייג ביי יעדן פאָלק

און עס האָט אַן אומגעהייער ווירקענדן איינפלוס אויפן גייסט און דער־ציאונג פון די גרויסע מאַסן, טאָר עס דערפאַר ניט איבערגעלאָזט ווערן אין די הענט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עמי הארצים, און עס דאַרף דערפאַר האָבן די אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס און מיטווירקונג פון יעדן קולטור־ליבענדן מענטשן.

די דאַזיקע קעמפער פאַר אַ בעסער טעאַטער זיינען אויך שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אויבערפלעכלעכן אַרגומענט און געשריי, אַז טעאַטער דאַרף פריער פון אַלץ אַמוזירן און ניט לערנען. די דאַזיקע טענה איז דורכאויס ניט אמת. עס זיינען דאָ פאַרשידענע וועגן פון אַמוזירן זיך. ביי אַנדערע הייסט אַמוזירן, ווען מען טרינקט זיך אָן מיט שלעכטן בראָנפן און מען האָפּעט צו די קלאַנגען פון ווילדער דזשעז מוזיק, און אַנדערע אַמוזירן זיך און האָבן אַ גרויסן גענוס ווען זיי זעען אַ שיינעם באַלעט, אַן אָפּערע, אָדער אַ סימפאָניע, אָדער ענלעכעס. קיין בר־דעת וועט דאָך ניט זאָגן אַז די מאָס פון אַמוזירן זיך זאָל זיין דער שיכורער טאַנץ און ניט דאָס צווייטע. עס איז דעריבער תמיד דאָס שטרעבן פון דעם אינטעליגענטערן טייל פון יעדן פאָלק, צו פאַרשפּרייטן די אידייע און שאַפן מעגלעכקייטן פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ בעסער קולטורעל טעאַ־טער, וואָס זאָל אויסםיינען אַנשטאָט פאַרגראָבן דעם געשמאַק פונם עולם. און דער דאַזיקער קאַמף פאַר אַ בעסער טעאַטער איז איבערגעגאַנגען פון די יחידים אין די הענט פון אָרגאַניזירטע גרופּן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען דעם געדאַנק צו רעאַליזירן.

איינער פון די ערשטע צו באַגרינדן דעם געדאַנק פון אַ בעסער יידיש טעאַטער איז געווען י. ל. פּרץ. אונטער זיין ווירקונג האָט שפּעטער פּרץ הירשביין אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרן טרופּע, וועלכע האָט דעם גע־דאַנק טיילוויז רעאַליזירט, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די „ווילנער טרופּע.״ דער זעלבער געדאַנק האָט אויך געפונען אַן אָפּ־קלאַנג אין די העברעאישע קרייזן דורך דער אַנטשטייאונג פון דער „הבימה״ אונטער דער פירערשאַפט פון די צמח ברידער.

דער דאַזיקער דראַנג האָט אויך געפונען זיין אָפּקלאַנג אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. אַלס רעזולטאַט פון דער באַוועגונג האָבן אונזערע בעסערע מאָדערנע שריפטשטעלער אָנגעהויבן שאַפן מאָדערנע דראַמען.

אין ניו־יאָרק איז דאַן אויסגעוואַקסן דער „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב״, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון יואל ענטין און וועלכער האָט אַרום זיך גרופּירט די ניו־יאָרקער אינטעליגענץ פון יענער צייט. ענ־

לעכע קלובן זיינען אויסגעוואַקסן אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער קונסט־טעאַטער, אָנגעפירט פון בן־עמי׳ן און שפּעטער אונטער דער לייטונג פון מאָריס שוואַרץ. זינט יענער צייט האָבן מיר אַ קאַפּיטל פון 25 יאָר יידיש קונסט־טעאַטער אָנגעפירט פון מאָריס שוואַרץ, וואָס איז אַ שטיק יידישע טעאַטער געשיכטע פאַר זיך אַליין, וואָס מיר נעמען זיך דאָ ניט אונטער צו באַהאַנדלען.

האָט דער שיקזאַל פאַרוואָרפן אַ טייל פון דער דאָזיקער קונסט־טרופּע צו אונדז אינם ווייטן לאָס אַנגעלעס; צו אונז, אויסגעהונגערטע נאָך אַ יידיש וואָרט, וועלכע האָבן דאָ ניט געהאַט אַפילו קיין שאָטן פון אַ יידיש טעאַטער. האָבן אַלע די, וועלכע האָבן ליב בעסער יידיש טעאַטער, זיך אַליין ניט געגלויבט אַז עס איז מעגלעך, אַז דאָ אין לאָס אַנגעלעס זאָל מען קענען דערהאַלטן אַ טעאַטער, אַ שטענדיק יידיש טעאַטער און דערצו נאָך אַ בעסער יידיש טעאַטער. אָבער דער האַלבער סעזאָן דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי אוממעגלעך ווי מאַנכע שטעלן זיך פאָר.

אַביסעלע אָנשטרענגונג מצד אונדזער היגער יידישער געזעלשאַפט, אַביסעלע קאָאָפּעראַציע מצד אונדזערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַביסעלע פאַרשטענדעניש און מיטהילף מצד אונדזערע פאַרמעגלעכערע יידישע אינטעליגענטן און פּראָפעסיאָנאַלן און די זאַך איז מעגלעך. עס איז מעגלעך אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב ביי אונדז אין ל.א. אָנצוהאַלטן אַ שטענדיק בעסער טעאַטער, וואָס זאָל דערפרייען די הערצער פון אַלע די וועלכע בענקען נאָך אַ יידיש קינסטלעריש וואָרט.

דער טויזנט דאָלאַר „נאָוט" פאַר דער געזעלשאַפט פון יידישן קונסט־טעאַטער

(עפּיזאָדן פון ניט־וויטן עבר)

איך האָב ביי זיך געפונען אַ וועקסל אויף טויזנט דאָלער אויסגעמאַכט צו אַברהם שיפּליאַקאָוו ע״ה. דאָס וועקסל איז אונטערגעשריבן פון צען אַנדערע יידישע כלל־טוער.

דאָס וועקסל איז אויסגעמאַכט געוואָרן פון דער „סטייט־בענק" צו דער יידישער טעאַטער געזעלשאַפט פאַרן יידישן קונסט טעאַטער.

דאָס וועקסל איז טיילוויז באַצאָלט געוואָרן. פון די אונטערשרייבער האָט יעדער איינער געדאַרפט באַצאָלן זיין חלק גוטצומאַכן דעם אונטערשייד אין דער פולער סומע.

זייענדיק שיפּליאַקאָוס אַרויסהעלפער צו קריגן די הלוואה, איז דאָס וועקסל געבליבן ביי מיר.

הינטער דעם וועקסל שטעקט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ניו־יאָרק, וואָס דאַרף ערגעץ פאַר־שריבן ווערן.

דאָס איז פאָרגעקומען, דאַכט זיך, אַרום יאָר 1924. דער באַרימטער שוישפּילער מאָריס שוואַרץ ע״ה האָט פאַררופן פאָרשטייער פון פאַר־שיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און האָט זיי פאָרטרויעט, אַז דאָס קונסט־טעאַטער האַלט ביים באַנקראָטירן, און אַז עס מוז עפּעס געטאָן ווערן כדי דאָס קונסט־טעאַטער זאָל אָפּגעראַטעוועט ווערן.

דאָס קונסט־טעאַטער איז דווקא געווען אין זיין גלאַנץ פּעריאָדע, קינסטלעריש.

מען האָט יענעם יאָר געשפּילט די פיינסטע פּיעסן, איבערזעצטע, ווי אויך אָריגינעלע און מיט גרויס דערפאָלג.

נאָך די רעפעראַטן פון דר. א. מוקדוני, הירש ערנרייך און מאָריס שוואַרץ, איז ביי דער קאָנפערענץ באַשלאָסן געוואָרן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ פאָלקס־טעאַטער געזעלשאַפט, און עס זאָל געשאַפן ווערן אַ גע־זעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו שאַפן יערלעכע אַבאָנימענטן וואָס זאָלן באַקומען טעאַטער איינטריט־קאַרטן פאַר רעדוצירטע פרייזן, כדי די גרויסע יידישע מאַסן זאָלן אָנהייבן באַזוכן דעם קונסט־טעאַטער.

צו דעם פּלאַן האָט מען באַדאַרפט איינשטעלן אַן אַפּאַראַט מיט אַן אָפיס, אַ סעקרעטאַר און קאָמיטעט פון וואָלונטירן אין אַלע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס.

הירש ערנרייך איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער עקזעקוטיווער סעקרעטאַר, אָבער, כדי דער אַפּאַראַט זאָל ריכטיק פונקציאָנירן דאַרף מען דאָך האָבן אַן „אַקאַונט״ אין אַ באַנק, וואָס זאָל פאַרמאָגן כאָטש אַ טויזנט דאָלער.

איך געדענק ניט ווי לאַנג דער אָפיס האָט פונקציאָנירט, אָבער עס איז געווען דער אָפיס מיט דעם דאָזיקן אַפּאַראַט וואָס האָט דאַן אָפּ־געראַטעוועט דאָס יידישע קונסט־טעאַטער.

מען האָט אויפגערודערט די שטאָט מיט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

כדי צו עפענען דעם אָפיס און צו קאָנען צאָלן ערנרייכן דעם „גרויסן געהאַלט״, האָט מען געמוזט ערגעץ באָרגן אַ טויזנט דאָלער.

פון אַלע מאַכערס אין דעם קאָמיטעט איז דער גורל געפאַלן אויף

דעם אַלטן אב. שיפּליאַקאָוו, וועלכער האָט געפירט קהלשע געשעפטן מיט דער בראַנזווילער „סטייט באַנק".

די גרעסטע איבעררעשונג איז פאַר אונדז אַלעמען געווען, אַז שיפּליאַקאָוו האָט דווקא באַקומען פאַרן טעאַטער די הלוואה פון טויזנט דאלער אַן שוועריקייטן.

ער האָט אונדז דאַן דערציילט, אַז דער באַנקיר, אַ מר. ראָט, האָט אים געזאָגט, אַז דער טעאַטער געזעלשאַפט וואָלט ער ניט אַנטליען קיין צווי סענט, אָבער אים, שיפּליאַקאָוון, ווייל ער איז זיינער אַ פּאָליטישער געגנער — יאָ. אויב ער וועט אים דעם חוב ניט באַצאָלן, וועט ער דאָך זיך מוזן אַרויסקלייבן פון בראַנזוויל, איז ביי אים, ביי מר. ראָטן, ווערט טויזנט דאלער, כדי ער זאָל פּטור ווערן פון שיפּליאַקאָוון, וועלכער איז איצט זיינער אַ בראַנזווילער שכן און אַ פּאָליטישער געגנער...

אַ פּאָר ווערטער וועגן מאיר בראַונס בוך „מיט יידישע אויגן" — פאַרבאַנד ביכער פאַרלאַג

איך וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מאיר בראונס בוך, און זאָגן וויל איך וועגן בוך ניט חלילה ווי אַ קריטיקער, נאָר ווי אַ חבר, אַ לייענער.

זאָגט חבר בראַון אין בוך:

„נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין אַ בן־שבעים, פאַרמאָג איך נאָך געניג ענערגיע און גלויבן. איך שלעפּ נישט אויף זיך אַרויף די עלטער. איך האָב נאָך אַ יוגנטלעכן גייסט און אַ טיפע אמונה. איך דענק אַז איך האָב באַטראַכט דעם ריכטיקן דעם וועג וואָס פירט צום האַרצן און צו דער נשמה פון מיין פאָלק."

מיט די ווערטער פאַרענדיקט מ.ל. בראַון זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן.

וויל איך מיט פרייד באַשטעטיקן די דאָזיקע דערקלערונג. ווי באַקאַנט האָט בראַון באַזוכט לאָס אַנדזשעלעס אין די אינטערעסן פון באַנד קאַמפּיין. בין איך געווען באמת איבערראַשט פון זיין יוגנטלעכן אויסזען. ווי זאָגט ערגעץ ה. רויזענבלאַט: „ער איז בלויז געוואָרן אַביסל גרוי." ווייטער האָט ער געשפּרודלט מיט ענערגיע סיי צווישן זיינע חברים, סיי ביי זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן. די זעלבע פיינע קולטור־רעלע האַלטונג, די זעלבע שאַרפקייט פון געדאַנק.

דעריבער האָט איך מיט נייגעריקייט דערוואַרטעט זיין בוך. און דער בוך האָט מיך באמת איבערראַשט. אַזאַ ים מיט אינפאָרמאַציע און

אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל, אַז איך האָב זיך ממש פון בוך נישט געקאָנט אָפּרייסן. עס איז נישט פון דעם סאָרט געשיכטע־ביכער, וואָס געוויסע חברים גיבן אַרויס און מען לייענט זיי ווי אַ חוב. עס איז עכט אינטערעסאַנטער לייען־שטאָף. אַ שטייגער די אָפּטיילונג „פּערזענלעכ־קייטן אויף מיין וועג." דאָ זעט איר אויף אַזאַ פיינעם בעלעטריסטישן אופן געמאָלן די אַלע מענטשן וועלכע זיינען אונדז אַלעמען באַקאַנט. איך האָב עס געלייענט צוויי מאָל און איך שעם זיך נישט אויסזאָגן, איך וועל עס לייענען אַ דריטן מאָל.

די אַנדערע געלעגנהייט אַרטיקלען פון בוך זיינען געווען געדרוקט צו פאַרשידענע צייטן.

מאיר בראָון איז זייער אָפּט געווען דער שליח פון אונדזער באַוועג־גונג, צו פאַרשידענע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן אין איראָפּע, ישראל און אַמעריקע. זייענדיק אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער ציוניסט און אַ העכסט קולטורעלער מענטש, האָט ער אויף זיין אייגענעם אופן רעאַגירט איבערגעבנדיק זיינע איינדרוקן.

מאיר בראָון האָט אַ סך נאָכפאָלגער אין אונדזער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט. ער האָט אומעטום מיט זיין פערזענלעכקייט געווירקט פאַר דעם קיום אין המשך פון אונדזער פאָלק. פון דעם בוך זעט מען אויך וואָס פאַר אַן אופן ער איז געווען אַ פּיאָנער אויף יעדן געביט אין אונדזער לעבן; סיי אין דעם באַשאַפן פונם שול־וועזן, סיי דעם סעמינאַר און אַלע אַנדערע קולטור אינסטיטוציעס.

דאָס בוך איז פּראַכטיק אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם פאַרבאַנד פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, און ענטהאַלט 320 זייטן.

אין די „לעצטע נייעס," אַ טעגלעכע צייטונג אין ישראל, שרייבט דער מיטאַרבעטער, י. שבישוב, אַ זייער באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דניאל פערסקי. ער זאָגט צווישן אַנדערעס: „דער באַקאַנטער העברעאי־שער שרייבער־פּעליטאָניסט פון ניו־יאָרק, דער „טשודאַק" דניאל פערסקי, האָט אין זיין 72 לעבנס־יאָר זוכה געווען צו אַ שפּאָר ביסל פּערזענלעכן נחת. דער באַרימטער וואָכן־זשורנאַל „ניו־יאָרקער" האָט געווידמעט איבער דרייסיק שפּאַלטן צו זיין פּערזאָן. דער גרויסער „פּאָרטרעט" וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דוויט מעקדאָנאַלד, איז געקרוינט מיטן קעפּל: „דער שקלאַף פון העברעאיש."

פאַר די וועלכע געדענקען פערסקין („עבד לעברית אנכי עד נצח") פון זיינע ערשטע טעג אין ניו־יאָרק איז אָט־די געשעעניש אַן אומגע־הייערע פרייד.

ה. רוזענבלאַט, דער מכניס אורח

אין אַפּיס פון פאַרבאַנד איז איבערגעבליבן אַ קעסטל מיט בריוו פון דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס רויזענבלאַט האָט געפירט דורך דער צייט וואָס ער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין לאָס אַנגעלעס אַלס קולטור דירעקטאָר פון פאַרבאַנד. דאָס איז געווען מיט אַ 15-18 יאָר יאָר צוריק. איך ווייס ניט פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע בריוו קיינמאָל ניט גענומען צו זיך אַהיים. איך האָב זיי איצט געפונען און איבערגעגעבן צו חברה מלכה רויזענבלאַט. אַ חוץ אַט־דעם קליינעם פּעקל בריוו, בין איך זיכער אַז אין זיין אַרכיוו איז דאָ אַ גרויסע צאָל בריוו, צו אים און פון אים, פון אַ גרויסער צאָל וויכטיקע שרייבער און פּערזענלעכקייטן.

ס'וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז די דאָזיקע בריוו זאָלן ניט פאַרלוירן גיין; אַז זיינע פּריינט און יורשים זאָלן געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיי צו פאַרעפנטלעכן. בריוו פון אַזאַ כאַראַקטער וואָלט געווען אַ שיינער ביי־טראָג צו דער יידישער ליטעראַטור און זיי וואָלטן אַרויסגעבראַכט די רויזענבלאַט פּערזענלעכקייט פּונקט ווי עס איז געטאָן געוואָרן נאָכן טויט פון פילע אַנדערע פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע גרויסע דיכטער.

ווען מען לייענט איצט די בריוו, זיינען אַלע בריוו זייער אינטערע־סאַנט, זיי שפּרודלען מיט חכמה, גוטסקייט און לייכטן הומאָר. די גרעסטע צאָל בריוו זיינען ענטפערס צו שרייבער, וועלכע ווילן באַזוכן לאָס אַנ־געלעס. אַזעלכע בריוו האָט ער געקראָגן פון דער גאַנצער וועלט. פילע שרייבער זיינען געווען אי־נטערן איינדרוק, אַז ווען ער זאָל נאָר וועלן, קען ער זיי ברענגען אין „זיין לאָס אַנגעלעס." אָבער ברענגען אַ שרייבער קיין לאָס אַנגעלעס איז אַ גרויסע פינאַנציעלע אַחריות, און דאָ אין שטאָט האָט ער ניט אַלע מאָל געקראָגן די געהעריקע קאָאָפּעראַציע מצד אונ־דזערע קולטור־טוער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַריבערברענגען אַהער אַ שרייבער. אין די דאָזיקע בריוו קען מען זען וויפיל האַרץ־ווייטאָג און עגמת־נפש מען האָט אים פאַרשאַפט ווען ער האָט געפילט אַז מען דאַרף ברענגען אַהער אַ געוויסן שרייבער און דער אָפּרוף איז געווען אַ קאַלטער. וויפיל מאָל האָט ער מיך און אַנדערע גערופן שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ זיצונג, וועגן אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון אַ דיכ־טער, איבערהייפּט די לעצטן יאָרן, ווען אַ סך פון די פּליטים שרייבער זיינען געקומען אַהער און ער האָט געפילט אַ געוויסע אַחריות צו זיי.

עס האָט אים פאַרשאַפט ניט ווייניקער עגמת־נפש, ווען אַ שרייבער איז שוין דאָ געקומען און ער האָט געפילט אַז מען האָט אים ניט אויפ־

געגומען ווי געהעריק. ער האָט עס פיל מאָל אָנגענומען ווי אַ פּערזענ־לעכע באַליידיקונג. אייניקע פון די פּליטים דיכטער האָט ער ניט בלויז געהאָלפן קומען אַהער, נאָר זיי האָבן זיך אויך באַנוצט מיט זיין היים.

ה. רויזענבלאַט פלעגט ביים פאַרשטעלן אַ גאַסט אָפּט דערציילן, אויף זיין הומאָרפולן שטייגער וועגן אורחים, וואָס זיין טאַטע אָדער זיידע פלעגן ברענגען אַהיים אויף שבת. צווישן די דאָזיקע אורחים זיינען גע־ווען טשיקאַווע פאַרשיינען. אַט־די אורחים זיינען ביי זיי אין הויז אויפ־גענומען געוואָרן מיט כבוד און דרך־ארץ. אַט־די דאָזיקע ליבע און אַכטונג צו אורחים, ווייזט אויס, איז אים איבערגעבליבן פון זיין קינדהייט ביזן לעצטן טאָג. די טעג וואָס אַ גאַסט־שרייבער האָט געדאַרפט קומען, זיינען ביי אים געווען טעג פון יום־טוב, און ווען דער גאַסט איז שוין דאָ געווען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרפּוצטער, אַ שטראַלנדיקער, אַזוי ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט. ער האָט אַ סך מאָל אויפגעגעבן די רוטין פון זיין טעגלעכער אַרבעט און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיטן גאַסט.

אפילו די גאָר לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ שוואַך, אויך ווען ער איז געווען אין שפּיטאָל, האָט ער גערופן פון דאָרט צו מאַכן זיכער וועגן חיים גראַדעס באַזוך. איך בין זיכער, אַז זיין מתעסק זיין זיך מיטן ברענגען שרייבן אַהער, האָט היפּשלעך אונטער־געגראָבן זיין געזונט, ווייל יעדער גאַסט איז אויך געווען זיין פּערזענלע־כער גאַסט, און ס'האָט אים פּערזענלעך אָנגערירט, ווען מען האָט דעם גאַסט, אין זיין לאָס אַנגעלעס, ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד, כאָטש זיין אייגענעם פּערזענלעכן כבוד האָט ער גראַדע ניט אַזוי שטאַרק געשאַנעוועט.

ווער וועט פאַרנעמען זיין אָרט ?

צום גרויסן דערפינדער עדיסאָן האָט זיך אַמאָל צוגעטשעפּעט אַ פּרוי מיט ניין מאָס רייד און געבומען אים לייבן אין הימל אַריין.

— איר זענט דאָך אַן אמתער גאון — האָט זי געטענעט — אַ קליי־ניקייט? דער ערשטער וועלכער האָט דערפינדן אַ מאַשין וואָס רעדט !

— נו, נו, מאַדאַם, טרייבט ניט איבער — האָט עדיסאָן געזאָגט — די ערשטע רעד־מאַשין האָט דערפונדן דער רבונו של עולם. איך האָב נאָר דערפונדן אַזאַ מין רעד־מאַשין, וואָס מען קען אָפּשטעלן איר מענה־לשון ווען מען וויל.

יעקב גלאַטשטיינס יובל־אָוונטן אין לאָס אַנגעלעס

די וואָס האָבן זיך בערך מיט אַ צען יאָר צוריק מתעסק געווען מיטן פייערן יעקב גלאַטשטיינס פופציק יאָריקן יובל און אין וועמענס זכרון עס זיינען נאָך ניט אויסגעמעקט געוואָרן יענע טעג און נעכט, וואָס מ׳האָט פאַרבראַכט מיט אים ווען ער איז דאָ געווען אונדזער גאַסט, געדענקען זיכער וואָס פאַר אַ גייסטרייכע קולטור־אַטמאָספערע ער האָט געבראַכט מיט זיך — די האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַז די גרויסע יידישע לאָס אַנגעלעס זאָל איצט, צו זיין זעכציק־יעריקן יובל, אַרויסגעלאָזט ווערן פון די פייערונגען.

מיר זיינען איבערצייגט אַז זיינע לייענער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" און „אידישער קעמפער" אַליין וואָלטן געקענט אָנפילן אַ גרויסן זאַל אין שטאָט.

יעקב גלאַטשטיין האָט דאָ אַ גרויסע צאָל חסידים און פערזענלעכע פריינט, און ס׳וואָלט געווען אַ גרויס פאַרזען ווען די גרויסע יידישע ל. א. וואָלט אַזאַ גרויסן יום־טוב און פייערונג פון דעם זעכציק־יעריקן געבוירנטאָג פון דעם באַרימטן דיכטער ניט געפּראַוועט.

אַוודאי וואָלט גלאַטשטיין געהאַט די צייט צו זיין דאָ ביי אונדז לכל הפּחות מיט אַ קורצן באַזוך, וואָלטן די פייערונגען וואָס זיינען דאָ דורכגעפירט געוואָרן געווען אַ סך אימפּאָזאַנטער און מיט אַ גרעסערן פאַרנעם.

מיר געדענקען נאָך מיט וואָס פאַר אַ פייערלעכקייט די היגע יידישע לאָס אַנגעלעס האָט אים צו זיין פופציקסטן יובל צוגעטראָגן אַ מתנה אַ יובל־ביכל מיט האַנט־געשריבענע באַגריסונגען און ברכות טובות, וואָס האָט דאַן געמאַכט אַ רושם.

אונדזער גרויסער דיכטער ה. רויזענבלאַט ע״ה, האָט זיך דאַמאָלס שטאַרק מתעסק געווען מיט גלאַטשטיינס באַזוך; און ווען רויזענבלאַט וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער זיך זיכער ניט ווייניקער באַטייליקט אין דעם גלאַטשטיין יובל, און וואָלט, ווי כסדר, באַשיינט די שמחה מיט זיין חשובער פּערזענלעכקייט.

איבעריק צו זאָגן: מיר האָבן ניט קיין סך גלאַטשטיינס. ער פאַרנעמט איצט דעם אויבן־אָן פון די לעבעדיקע יידישע שרייבער. די פרוכט פון זיין שאַפן וועט בלייבן ווי אַ קוואַל פאַר די קומענדיקע דורות.

ווען ס׳איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז יעקב גלאַטשטיין וועט קיין ל. א. ניט קענען קומען צו זיין יובל, האָבן די היגע קולטור אָרגאַניזאַציעס געגומען איינאָרדענען יובל־אָוונטן; יעדע אָרגאַניזאַציע באַזונדער אויף איר אייגענעם שטייגער.

פאַרבאַנד

מיין אַרבעט ביים קאָונסיל פון פאַרבאַנד

אונטער מיין אַדמיניסטראַציע איז דער פאַרבאַנד קאָונסיל אָרגאַניזירט געוואָרן. ווען מיר האָבן דערגרייכט די צאָל פון זעקס צווייגן מיט אַ 500-600 מיטגלידער האָבן מיר איינגעזען די נויטיקייט פון שאַפן אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל ריידן אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער.

דער קאָונסיל איז צענויפגעשטעלט צו 5 דעלעגאַטן פון יעדן צווייג.

אין די ערשטע טעג פון זיין גרינדונג איז דער קאָונסיל באַשטאַנען פון אַ 25 ביז 30 מיטגלידער.

אין לויף פון דער צייט איז די מיטגלידערשאַפט געוואַקסן ביז 50 און 60 מיטגלידער, ריידנדיק אינם נאָמען פון 2000 מיטגלידער אין שטאַט.

אַלע באַשלוסן פון קאָונסיל מוזן גוטגעהייסן ווערן פון די מיטגלידער אין די צווייגן. די צווייגן קריגן די פּראָטאָקאָלן פון די מאָנאַטלעכע זיצונגען און אויך די מאָנאַטלעכע פּראָטאָקאָלן פונם אָפיס קאָמיטעט וואָס ווערן געלייענט ביי די צווייגן־מיטינגען און דאַרפן אָדער גוטגעהייסן ווערן אדער צוריקגעוויזן ווערן.

עס איז די אויפגאַבע פון קאָונסיל דורכצופירן אַלע באַשלוסן פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע, כאָטש די צווייגן קריגן באַזונדערע צושריפן פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע.

חוץ די צווייגן שיקט דער קאָונסיל אַליין זיינע פאַרטרעטער צו די יערלעכע קאָנפערענצן אין ניו־יאָרק, און אויך אַ דעלעגאַציע צו די קאָנווענשאַנס אַלע 4 יאָר.

עס איז די אויפגאַבע פונם קאָונסיל דורכפירן אַלע באַשלוסן פון די יערלעכע קאָנפערענצן און די באַשלוסן פון די קאָנווענשאַנס.

דער קאָונסיל באַדינט די ברענטשעס און יעדן מיטגליד אין די ברענטשעס איז אַלע זיינע נויטן און פאַרלאַנגען.

דער קאָונסיל פירט אָן מיט דעם סעמעטערי און מיט דעם מעדיקאַל דעפּאַרטמענטס פאַר דעם נוצן פון אַלע מיטגלידער. יעדער מיטגליד צאָלט 100$ אַ יאָר פאַר דער דינסט.

דער קאָונסיל פירט דורך אַלע קאָמפּיינס פאַר מיטגלידער אין די אָרגאַניזאַטאָרן וואָס קומען פון ניו־יאָרקער אָפיס אָנפירן מיט די יער־

לעכע קאַמפּיינס שטייען אונטער דער השגחה פונם עקזעקוטיוו סעקרע־טאַר פון לאָס אַנגעלעסער קאָונסיל.

דער עקז. סעקרעטאַר פון קאָונסיל האָט די איפּגאַבע אויפצופּאַסן אויף דער מאָראַלער און פינאַנצעילער זייט פון קאָונסיל, און ביי זיינע יערלעכע קאָנפערענצן מוז ער צושטעלן אַ געשריבענעם באַריכט פונם יאָר טעטיקייט און פאַרלייגן פּלענער פאַרן קומענדיקן יאָר.

גלייך ביי דער גרינדינג פון פאַרבאַנד, נאָך אינם יאָר 1913, האָט דער פאַרבאַנד זיך געשטעלט די אויפגאַבן צו שטאַרקן דאָס יידיש לעבן אין אַמעריקע, אָפּהיטן און פאַרשפּרייטן זיינע קולטורעלע ווערטן און העלפן דעם אויפבוי פון מדינת ישראל דורך דער הסתדרות.

דאָס איז אַ פּראָגראַם פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, וואָס גאָר גרויסע אָרגאַניזאַציעס קאָנען דאָס דורכפירן.

דער קאָונסיל איז ביי יעדן מיטינג פאַרנומען מיט איינעם פון די קאַמפּיינס און סטימולירט די אַרבעט אין די ברענטשעס.

דער קאָונסיל פייערט אַלע יידישע ימים טובים אויף אַ פּאַסיקן אופן.

דער קאָונסיל פירט אויך דורך די יערלעכע קאָנצערטן וואָס דער הויפּט אָפיס אָרדענט איין יעדן יאָר. דאָס אַליין איז אַ ריזיקע אונטער־נעמונג צו ברענגען אַ טויזנט מענטשן אין אַ גרויסן זאַל, וואָס האַלט באַשעפטיקט אַ מענטשן אַ פּאָר חדשים אין יאָר.

דער פאַרבאַנד, אַלס אָרגאַניזאַציע, איז גליקלעך מיט דעם וואָס אין זיין פירערשאַפט שטייען אַזעלכע מענטשן ווי מאיר בראַון, אַלס פּרעזידענט, און ש. באַנטשיק, אַלס וויס־פּרעזידענט. ביידע אויסגע־פּרובירטע פּראַקטישע פירער, וועמען מען קאָן אָנפאַרטרויען די פירער־שאַפט פון אַן אָרגאַניזאַציע.

און ניט קיין קלענערער גליק איז פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע צו האָבן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר אַזאַ מענטשן ווי לואיס סיגאַל — אַ מענטש מיט אַ בריליאַנטענעם קאָפּ און מיט אַזאַ אומדערשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע וואָס דעקט אַמעריקע און ישראל אין דערזעלבער צייט.

עס איז אויך געווען אַ גליקלעכער צופאַל וואָס לאָקאַל האָבן מיר ענדלעך געקראָגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי שלמה האָכבערג, וועלכער האָט זיך אויסערגעוויינלעך גוט צוגעפּאַסט צו דעם אַמט אַלס עקזעקוטיוו סעקרעטאַר, און עס איז אויך אַ גליק וואָס האָכבערג האָט די גאַנצע צייט געהאַט די קאָאָפּעראַציע פונם פּרעזידענט פון קאָונסיל, חבר מאָריס דייטש, אַן אויספּרובירטער פירער, אין איצט האָט ער קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פונם נייעם פּרעזידענט פון קאָונסיל, וועלכער נעמט זיין

אויפֿגעבן זייער ערנסט, און קומט יעדן טאָג אַריין ווי אַ באַצאָלטער באַ־אַמטער. דאָס איז דער פֿיינער און שטילער דזשעק קאַהאַן. עס איז אויך אַ גליק פֿאַרן קאָונסיל וואָס זיי האָבן אַזאַ קאָמפּעטענטע און פֿאַראַנט־וואָרטלעכע סעקרעטאַרין, די שרייבערין דאָראָטי ראַכמיס, און פֿריער יוכבד לעווין.

איך דענק אַז דאָ איז דאָס פּלאַץ אָפּצודרוקן די נעמען פֿון אַלע פֿאַרטרעטער פֿון די צווייגן צום קאָונסיל, וועלכע אַרבעטן גאַנץ שווער צו דערפֿילן זייערע פֿליכטן. דאָ גייען אַריין די נעמען פֿון אָפּיס־קאָמי־טעט, וואָס באַשטייט פֿון אַלע פּאַרזיצערס פֿון די צווייגן.

מיט דעם קאָונסיל איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן די לעצטע צען יאָר. איך בין געווען די גאַנצע צייט דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, וואָס איז ניט אַזאַ לייכטע אַרבעט צו פֿאַרשרייבן אַלץ און ניט אָנרירן עמיצנס כּבֿוד אָדער צוטיילן כּבֿוד וואו מען דאַרף. איך בין אויך געווען דער סעקרעטאַר ביי אַלע יערלעכע קאָנפֿערענצן. איצט טוט די אַרבעט זייער פּינקטלעך, חבֿרה חיה ניומאַן.

אַ סך יאָרן בין איך אין דער זעלבער צייט אויך געווען אַ באַצאָל־טער באַאַמטער אַלס אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איז אויך ניט אַזאַ גרינגע פּרנסה. איך האָב מיטגעאַרבעט מיט די אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע זיינען אַהער געקומען יעדן יאָר.

ווען איך האָב אָנגעהויבן דערפֿילן די עלטער און די אַרבעט איז מיר געוואָרן צו שווער, האָט חבֿר סיגאַל פֿאָרגעלייגט איך זאָל רעדוצירן מיינע אַרבעטס־פֿליכטן און קריגן אַ קלענערע באַלוינונג. איר וועט געפֿינען אַ בריוו פֿון חבֿר סיגאַל, וואו איך האָב זיך גאַנץ פֿיין אויסגע־צייכנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר. האָב אָרגאַניזירט בראַנטשעס אויך אין אַנדערע שטעט, ווי אָוקלאַנד, סאַן פֿראַנציסקאָ, פֿרעזנאָ און סאַן דיעגאָ.

ביים אָרגאַניזירן די צווייגן האָט געהערשט אַ סך באַגייסטערונג און עס האָט אויסגעזען אַז מיר האָבן עפּעס אויפֿגעטאָן, אָבער צוליב דעם וואָס קיינער האָט די צווייגן ניט באַזוכט און מען האָט זיי איבערגעלאָזט אויף הפֿקר, זיינען זיי ביסלעכווייז צעפֿאַלן געוואָרן. אין אייניקע שטעט זיינען דאָ אָרגאַניזירטע גרופּן חבֿרים אָבער זיי פֿונקציאָנירן ניט ווי קיין פֿאַרבאַנד בראַנטשעס. אפשר וועט מען זיי נאָך אַמאָל קענען צוריק אָרגאַניזירן אַלס פֿאַרבאַנד צווייגן.

עס איז שווער צו שרייבן וועגן זיך אַליין, האָב איך דעריבער איינ־געשלאָסן מיין אַרבעט אין לאָס אַנדזשעלעס אין פֿאַרבינדונג מיט מיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פֿון קאָונסיל. עס וועט אָבער מוזן זיין נאָך

אַ קאַפּיטל טאַקע אין שייכות מיט מיין אַרבעט פאַרן קאונסיל, די פּאַר־שידענע אונטערנעמונגען וואָס מיר האָבן אין לויף פון דער צייט דורכ־געפירט; די פאַרשידענע קאָנצערטן, לעקציעס, און אויפנעמען געסט־שרייבער און פירער — דאָס וועלן מיר טאָן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס אינם יאָר 1927. דערפאַר וועלן מיר זיך מוזן באַשרענקען אויף דער פעריאָדע פון זינט דאַן. כאָטש דער פאַרבאַנד און די פּועלי ציון האָבן דאָ אָנגעפירט, ווי אומעטום, פאַרשידענע אַקטיוויטעטן, דער פאַקט אַז צו יענער צייט האָט זיך דאָ געפונען אַ פאַרבאַנד ברענטש, דער באַראָכאָוו בר. 122, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 50־40; אַ פּועלי־ציון פאַראיין מיט אַ 25 מיטגלידער, און אַ פאָלק־שולע, וועלכע איז אין נאָמען געווען אַ פאַרבאַנד שולע.

זינט יענעם יאָר האָט די יידישע אימיגראַציע קיין קאַליפאָרניע פון אַנדערע שטאַטן אָנגענומען אַן אינטענסיווערן כאַראַקטער, און עס האָבן אַהער אָנגעהיבן קומען יידן, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, ניט בלויז צוליב דעם וואָס מען האָט געהאַט אַ שטאַרקע אמונה אין דעם קאַליפאָרניער קלימאַט; געגלויבט אַז די ל. אַ. לופט איז די אמתע תרופה צו קראַנקע הערצער אָדער לונגען, נאָר פשוט געקומען כדי זיך דאָ איינ־צואָרדענען און מאַכן דאָ זייער היים.

מיט דער דאָזיקער אימיגראַציע באַוויזט זיך דאָ אַ גאַנץ באַזונדערע לאָס אַנגעלעסער דערשיינונג: דער אויפקום פון אַ ספּעציעלן סאָרט לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס, ניט די באַקאַנטע לאַנדסמאַנשאַפטן פון דער היים, די וואַרשעווער און מינסקער, נאָר אַמעריקאַנער לאַנדסלייט פאַראיינען — שיקאַגער, דעטראָיטער און מאָנטרעאַלער, און פונקט ווי אַמאָל האָבן זיך געטוליעט לאַנדסלייט פון היימישן שטעטל איינס צו דאָס אַנדערע אין זייער עלנטקייט אין דער נייער היים, פונקט אַזוי האָבן די „דעטראָיטער" און „וויניפּעגער" דאָס געטאָן אין לאָס אַנדזשעלעס.

אָט־די ניי־אָנגעקומענע זיינען געווען גוטער מאַטעריאַל פאַר די יידישע אָרדענס. פילע פון אָט־די ניי־אָנגעקומענע זיינען שוין געווען פאַרטיקע מיטגלידער פון די יידישע אָרדענס — אַרבעטער רינג און יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך בלויז געדאַרפט טראַנספערירן אין אַ היגן צווייג אָדער „ברענטש." צווישן די דאָזיקע

טראַנספּערירטע מיטגלידער האָט מען אָפּט געפונען באַוואוסטזיניקע און אַקטיווע טוערס פון זייערע ברענטשעס אין דער איסט, און זיי האָבן זייער אימפּעט און ענערגיע אַריבערגעטראָגן אַהער, און האָבן דאָ זיך גאַנץ גיך איינגעלעבט געזעלשאַפטלעך.

אַט פון דער צייט, טאַקע זינט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איז צום לעבן געקומען — וואָס איז אויך אַ ספּעציעלע לאָס אַנגעלעסער דערשיינונג — וואו יידישע קולטורעלע מענטשן האָבן געזוכט פאַר זיך אַ ווינקל וואו צו טרעפן זיך מיט מענטשן פון זעלבע נייגונגען און באַצי־אונגען צו זאַכן — אַט פון אַט־דער צייט הויבט זיך אָן דער אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער וואוּקס און שטייגן פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, באַרג אַרויף.

געטראָפן האָבן מיר אין יענער צייט אַ קליין שולכל אויף 420 נאָרט סאָטאָ גאַס. עס איז געווען איינע פון די אַלטע איין־פאַמיליע הייזער, וואָס מען האָט פון „פראָנט־רום" מיט דער „ליווינג־רום" געמאַכט אַ זאַל, וואו מ'האָט געקענט אַריינשפּאַרן אַ 75 מענטשן — קאָפּ אויף קאָפּ. עס איז געווען אַ געפּאַר אַהין אַריינלאָזן אַזאַ עולם, און עס איז געווען ניט קיין קלענערע געפאַר צו האַלטן דאָרט קינדער.

צווישן די ניי־אַריבערגעקומענע, ווי ראַזומאָווסקי און ראָזענפעלד פון דעטראָיט, און די תושבים, ווי דר. זאַלצמאַן, י. פרידלאַנד, פּיט קאַהן, שאַפּיראָ ברידער, י. גאַרין, ש. מילער; י.ל. מאַלאַמוט, דער שרייבער פון די שורות און אייניקע אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן ערנסט רעדן פון איבער־בויען די אַלטע הויז און אַוועקשטעלן אַ לייטישע געביידע מיט אַ זאַל פאַר 400־500 מענטשן; אָן עס־צימער פאַר אַ פּאָר הונדערט מענטשן; לייטישערע קלאַס־צימערן, א.אַז.וו. צוערשט האָט מען אונדז אָנגעקוקט ווי משוגעים: ווי קאָן אַזאַ קרייזל קבצנים אונטערנעמען אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג פון אַ פופצן־צוואַנציק טויזנט דאָלער? אָבער וואָס מער מען האָט גערעדט דערפון אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן צו גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָיעקט. און ווען מ'האָט ביי דער ערש־טער פּלאַניר־זיצונג אָנגעציילט אַ סומע פון $4000 אין מזומן געלט און נדרים, זיינען די הענט פון די טוערס געשטאַרקט געוואָרן און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז פאַרטיק געוואָרן די פאָלקס־הויז אויף 420 נאָרט סאָטאָ גאַס.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס צו גרעסערע מעשים. אַרום דער הויז האָבן זיך גרופּירט אַלע אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער

אַרבעטער באַוועגונג, און פון דער שטאָט בכלל. אַלע וויכטיקע אונטער־נעמונגען, אַלע געסט לעקטשורערס, טעאַטער פאָרשטעלונגען, באַזאַרן, א.אַז.וו., האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פאָלקס־הויז. די טויער אַרום דער פאָלק־שול האָבן אפילו געהאַט דעם מוט צו עפענען אַ צווייטע שולע אין סיטי טערעס, וועלכע איז צו יענער צייט געוואָרן גאַנץ דערפאָלגרייך.

אַרום יענער צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער צווייטער פאַרבאַנד צווייג אין שטאָט: דער שלום עליכם צווייג. לכתחילה האָט מען אים גע־פלאַנט אין סיטי טערעס, אָבער שפּעטער איז ער אַריבערגעטראָגן גע־וואָרן קיין וועסט עדעמס, אַ נאָר וואָס איפגעקומענער יידישער געגנט. דער דאָזיקער ניי־אָרגאַניזירטער שלום עליכם צווייג עפנט אויך אַ דריטע פאַרבאַנד שולע, אַרום זייער צווייג אין וועסט עדעמס.

און אַזוי מיטן וואוקס פון דער שטאָט און מיטן אויפקומען פון נייע יידישע קוואַרטאַלן האָבן מיר דאָרט געבויט אונדזער אָרגאַניזאַציע און אונדזערע אינסטיטוציעס, אַזוי האָבן מיר עטלעכע יאָר שפּעטער ווידער געעפנט די סיטי טערעס פאָלק־שול, דאָרט אָרגאַניזירט דעם איינשטיין צווייג פון פאַרבאַנד, און קירצלעך, מיט דער הילף פון מר. אַפּרייט, דאָרט אויך געשאַפן די פּראַכטפולע פאָלקס־הויז. די לעצטע יאָרן גייט שוין דער פאַרבאַנד דאָ מיט מער רעשיקע שריט, און חוץ די דערמאָנטע דריי ברענטשעס זיינען שוין אָרגאַניזירט געוואָרן גאַנצע זעקס נייע ברענ־טשעס: דער וויצמאַן ברענטש, זאַלצמאַן בר., הירשביין בר., דר. הערצל בר., וויינבערג בר.—אַן ענגליש שפּרעכנדער—און דער ברענטש אין די בעי־סיטיס (ביים פּאַסיפיק ים־ברעג). די פאַרבאַנד מיטגלידערשאַפט גרייכט איצט קרוב צו 1500. דאָס איז באמת אַ גוואַלדיקער שפּרונג פון די דערמאָנטע 50 מיטגלידער אין 1928 צו 1,500 איצט. און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די יאָרן פון דעפּרעסיע און מלחמה, האָבנדיק די קאָנקורענץ קעגן זיך פון צוויי גרויסע אַנדערע אַרבעטער אָרדענס.

דאָס דערנענטערן פון די ברייטערע יידישע מאַסן צום יידישן אָר־גאַניזאַציאָנס וועזן איז בכלל אַ געווינס און אַן אויפטו פאַרן יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. באַזונדערס איז עס ריכטיק בנוגע דעם פאַרבאַנד. די אָנפירנדע חברים פון פאַרבאַנד האַלטן עס פאַר זייער חוב צו באקאנען אָט־די אַלע ניי־צוגעקומענע מיט די אידייען און שטרעבונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, און מען זוכט זיי צו מאַכן פאַר באַוואוסטזיניקע יידן, סיי בנוגע אונדזער קהילה לעבן, סיי בנוגע אונדזערע גרעסערע פאָלקס־אינטערעסן אויפן נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט.

רעדנער און אַרטיסטן וואָס האָבן אנטייל גענומען אין אונדזערע קולטור-אָוונטן

ש. באַנטשיק, הירש ערענרייך, יצחק בן־צבי, גאָלדע מאיר, בערל לאָקער, אבא חושי, חיים שויס, דוד ווערטהיים, יוסף שפּרינצאַק, דוד רמז, דר. י. קויפמאַן, דוב האז, פּ. קרוזאָ, בערל קאַצענעלסאָן, אוירווינג וויינ־ראַט, דר. ז. קליין, לעאָן מעלצער, משה גלאַזער, משה כהן, דר. בלומענ־פעלד, ל. שפּיזמאַן, יעקב קאַצמאַן, רובינשטיין, מרדכי שטריגלער, חיים גאָטליב, חיים גראַדע, חיים שאַפּיראָ, דאָראָטי ראַכמיס, סעקרעטאַרין פון פאַרבאַנד אָפיס; זלמן זילבערצוויג און סיליע סילווער, פייגעלע פּאַניץ, י. ל. מאַלאַמוט, לעאָן בילמעס, אבא חושי. שלמה האַכבערג טרעט אויף זייער אָפט אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען מיט רעפעראַטן.

אליהו טענענהאָלץ האָט אונז אַ סך געהאָלפן מיט זיינע אויפטריטן, סיי אויף גרעסערע סיי אויף קלענערע אונטערנעמונגען.

בן־ארי האָט פאַר אינדז דורכגעפירט אַ זייער אינטערעסאַנטן קאָנצערט.

בנימין צמח האָט אַ סך מאָל באַשיינט אונדזערע קולטור אָוונטן.

אַל הערים האָט אַ סך מאָל אַריינגעבראַכט יום־טוב ווען ער פלעגט דאָ קומען.

בן עמי האָט אַ סך מאָל באַשיינט אונדזערע יערלעכע קאָנצערטן.

חיהלע גרובער, אַרטיסטקע פון „הבימה" האָט אַ סך מאָל אַריינגע־בראַכט אַ סך פרייד ביי אונדזערע יערלעכע קאָנצערטן.

ברוך לומעט האָט אַ סך מאָל באַשיינט אונדזערע אָוונטן.

איך קאָן ניט געדענקען אַלע אַרטיסטן וואָס דער היפּט אָפיס האָט אַרויסגעשיקט. זיי האָבן קיינמאָל ניט אַדורכגעלאָזט לאָס אַנדזשעלעס וויפיל עס האָט ניט געקאָסט.

באַריכטן פון די ברענטשעס

עס באַריכטן חבר וויסמאַן פון הירשביין ברענטש, חבר הדס פון ווייצמאַן ברענטש, חבר מ. ברוידי פון באַרוכאָוו ברענטש, חבר י. מעלץ פון שלום עליכם ברענטש, חבר נ. פעסין פון זאַלצמאַן ברענטש, און חבר מ. גאַראָוויץ פונם נייעם הערצל ברענטש.

אַלע באַריכטן זיינען דערפרייענד און אָפּטימיסטיש, סיי וועגן דער צאָל גוטשטייענדע מיטגלידער, סיי וועגן דער פאַרבאַנד־אַרבעט בכלל.

די מערסטע ברענטשעס האָבן זיך אויך אָפּגערופֿן וואַרעם אנטייל צו נעמען אין דער אינסטאַליישאַן פֿון הערצל ברענטש.

אָפּיס קאָמיטע באַריכט

דער אָפּיס קאָמיטעט באַריכטעט:

1. אַז זיי האָבן זיך פֿאַרשטענדיקט מיטן פּאַבלישער פֿון „קאַליפֿ. אידישע שטימע" צו האָבן וועכנטלעכע באַריכטן פֿון אַלע פֿאַרבאַנד אַק־טיוויטעטן פֿאַר אַ מינימום מאָנאַטלעכן אָפּצאָל.

2. אַז זיי האָבן באַשלאָסן אָנצושטעלן חבר וויליאַמס אַלס אַקאַונ־טענט אויפֿצופּאַסן אויף די ביכער פֿון פֿאַרבאַנד קאַונסיל.

3. עס זאָל אויך געוויילט ווערן אַ פֿינאַנץ קאָמיטע.

4. מען זאָל מאַכן אַן הלוואה אין אַ באַנק אויף $500.00, כדי דער קאַונסיל זאָל קאָנען אָנפֿירן זיין אַרבעט אומגעשטערט.

ראַלי באַריכט

חבר מ. ל. קאַפּילאָוו באַריכטעט פֿון דער לעצטער ראַלי. עס איז געווען אַרום 150 באַזוכער, אין אַזאַ הייסן טאָג. די פּראָגראַם איז געווען זייער גוט, און איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. דער אָפּרוף פֿאַרצושלאָגן נייע קאַנדידאַטן האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. צען נייע קאַנדידאַטן זיינען פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן. ער האַלט אַז אָט־די ראַליס דאַרפֿן אָנגעהאַלטן ווערן אויף ווייטער יעדן חודש. ער באַריכטעט אויך אַז די נעקסטע ראַלי וועט זיין שבת אָוונט, 28טן אָקטאָבער, אין ל.א. אידישן קולטור קלוב, און אַז דער אָפּיס קאָמיטעט באַטראַכט איצט אַ פּלאַן פֿון באַלוינונג פֿאַר חברים, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען ביים אַריינעמען נייע מיטגלידער.

מיט פֿאַרבאַנד גרוס,

א. באַביטש, סעקרעטאַר

נ. ב. מיר ווילן נאָכאַמאָל דערמאָנען די צוויי וועלכע האָבן נאָך ניט געוויילט זייערע 3 פֿאַרטרעטער צום פֿאַרבאַנד קאַונסיל, אַז זיי מוזן דאָס טאָן ביים נעקסטן מיטינג. דער לעצטער קאַונסיל מיטינג האָט אויך באַשלאָסן, אַז חברים וועלכע באַזוכן ניט צוויי מיטינגען נאָכאַנאַנד, ווערן אָטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פֿון קאַונסיל.

פאַרבאַנד שטאָטישער קאָמיטעט אין לאָס אַנגעלעס

בן-גוריון צווייג 333:

דזשעק בעקער, טשאַרלס בוירטש, פרענק סטיין, דזשייקאָב לינזער, דזשעק קאַהאַן, דזשוליוס לינזער, מאָריס מייערס, אוירווינג און בעלאַ טעף.

בן-צבי צווייג 595:

ראַלף מאַרקוס, איירין סומעטס, דזשאָו בייערס.

באָראָכאָוו-פּינסקי צווייג 122:

ס. אייבראַמסאָן, משה גלאַזער, א. גאָלדבערג, ס. גרינשטיין, י. הענדין, ל. וויליאַמס, לעאָן בילמעס, הערי בוירק, ס. פּליק, ס. גאָסט, חבר און חברה א. טענער.

עמק צווייג 346:

מאַקס גאָלדשטיין, ס. נעלסאָן, י. באַדין, סאָול הדס, דזש. פּאָול, נ. טעמינסאָן.

יעקב גאָרדין צווייג 309:

ה. ברענער, דר. זאַנוויל קליין, אייזיק און עטל לעווין.

הערצל צווייג 110:

ס. פּוירגאַטש, לואיס לעווין, ס. מירעל, י. ראַדמאַן

פּרץ הירשביין צווייג 352:

א. באַביטש, ס. בריינין, פיליפּ ברוידע, מאָריס דייטש, ישראל פריינד, ל. קעסלמאַן, בען סאַפּקין, חבר און חברה י. און חיה ניומאַן, קלאַראַ סילווער, אוירווינג וויינראַט, ל. זעלמאַן.

ה. רויזענבלאַט צווייג 347:

חברה וו. בעלקין, הערי ביאַליס, ה. ראַבינסאָן, ראָבערט טעמפּער.

שלום עליכם צווייג 305:

וויליאַם האַרטענשטיין, ס. בראודא, ס. שפּיגלמאַן.

ברוך וויינבערג צווייג 527:

אוירווינג א. הוירש, סימאָן קעין, לעאָן לעוויט, דניאל מעלאַי, טשאַרלס פּירא, ראַי שאַרף.

וויצמאַן-זאַלצמאַן צווייג 355:

י. דינסין, א. פרידבערג, ה. פרידמאַן, בענדזשאַמין ריסעל, בען צוקערמאַן.

אַ מוסטער פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן חבר לויִס סיגאַל, גענעראַל סעקר. פון פאַרבאַנד, און חבר א. באַביטש, וועלכער איז זינט דאַן באַקאַנט אַלס „מיסטער פאַרבאַנד.״ — רעדאַקציע

א. באַביטש דעם 12טן מערץ, 1945

980 מענלאַ עוועניו

לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

מיין ליבער חבר באַביטש:

צוריקקומענדיק פון מיין באַזוך אין דער סאַוט האָב איך געפונען אייערע בריוו פון 23טן און 28טן פעברואַר און פון דעם 5טן מערץ. מיר האָבן אויך געקראָגן די אַפּליקאַציעס פאַר נייע מיטגלידער סיי פון לאָס אַנגעלעס, אויך פאַר אונדזער נייעם ברענטש 160 אין אָוקלאַנד.

איך באַגריס אייך האַרציק צו דער גרינדונג פון דעם נייעם ברענטש און איך דריק אייך אויס אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע די טיפסטע אָנערקענונג פאַר אייערע דערגרייכונגען.

איך האָב געקראָגן צוויי בריוו פון חבר בען צוקערמאַן. ער האָט מיר גענוי געשריבן וועגן דער אָרגאַניזירונגס אַרבעט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אָוקלאַנד, וועגן דעם עלעמענט פון דעם נייעם ברענטש. ער האָט שטאַרק געלויבט אייער אַרבעט. ער שטרייכט אָבער אונטער אַז עס איז נויטיק פון אייך אַ צווייטער באַזוך כדי צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם נייעם ברענטש.

בנוגע סידאָר בעלאַרסקי האָב איך דערווייל מיט אים ניט גערעדט צוליב פאָלגענדער אורזאַך: די אַרטיסטן חיהלע גראָבער און וויקטאָר פעקער פאַרענדיקן זייער באַזוך אין מערב קאַנאַדע דעם 26טן אַפּריל. פון דאָרט וועלן זיי פאָרן אין קאַליפאָרניע. פעטאַלומאַ האָט אָנגענומען אַ קאָנצערט פאַר שבת, דעם 28טן אַפּריל. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן סאַן פראַנציסקאָ זונטיק, דעם 29טן אַפּריל (פון זיי האָבן מיר נאָך ניט גע־הערט). אפשר איז אַ פּלאַן אַז פּעקער און חיהלע גראָבעו׳ זאָלן טאַקע קומען אין אייער געגנט; זאָלן זיי אויך זיין אין לאָס אַנגעלעס פאַר אַ צוויי קאָנצערטן? זיי זאָלן אויך איינשליסן פרעזנאָ? פון די דאַטומס וואָס איך גיב אייך אָן זעט איר אַז זיי וואָלטן געקענט זיין אין לאָס אַנגעלעס אָנ־פאַנגענדיק מיט דינסטיק, דעם 1טן מאַי. אפשר איז אַ פּלאַן אַז זיי זאָלן זיין אין אָוקלאַנד זונטיק בייטאָג אָדער מאָנטיק, 29-30 אַפּריל, און איר זאָלט זיי דאַן איבערנעמען פאַר ל. א. און פאַר פרעזנאָ פאַר אַ גאַנצע וואָך. איך גלויב אַז מען קען וועגן דעם פּרייז דורכקומען. איך וועל אייך דאַנק־

באַר זיך ווען איר וועט מיר וועגן דעם גלייך ענטפערן, ווייל איך מוז דאָך וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען וועגן פעטאַלומאַ, אויך וועגן סאַן פראַנציסקאָ.

בנוגע חבר פינסקיס באַזוך. שיקן חבר פינסקין אין ל. א. און ער זאָל פון דעם ניט האָבן כאָטש $500 איז אַן עוולה קעגן אים, ווייל אַזאַ רייזע דאַרף דויערן עטלעכע וואָכן. פון די שטעט אויפן וועג קען מען מאַקסימום אַריינגעמען אַרום $200. וועט לאָס אַנגעלעס זיין גרייט צו צאָלן אַרום $300 פאַר חבר פינסקי און אַ חוץ דעם אַרום 150 צושטייער פאַר הוצאות? אפשר איז אַ פּלאַן אַז מען זאָל פינסקין ברענגען אין אייער געגנט אין סעפּטעמבער אָדער אין אָקטאָבער. באַטראַכט דעם ענין גענוי און באַשליסט וואָס צו טאָן. דער עיקר, איך בעט אייך, ענטפערט וואָס שנעלער.

איך באַדויער זייער וואָס איך קען ביי אייך ניט פועלן אַז איר זאָלט צושיקן אַ באַריכט פאַר דער פּרעסע וועגן די טעטיקייטן אין לאָס אַנגע־לעס. איך בעט אייך, טוט עס. שליסט אויך איין נייעס וועגן דער גרינדונג פון דעם נייעם ברענטש אין אָקלאַנד.

זייט מיר געזונט. איך פאַרבלייב, אייער, מיט חברשן גרוס,

לואיס סיגאַל, סעקרעטאַר

נ. ב.—מיר האָבן אייך געשיקט אַ נייעם רעקאָרד. מיר שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן סעקרעטאַר פון ברענטש אין אָקלאַנד, י. ווייג־בערג, 469 מק'אַרטור בילדינג.

אַ מוסטער פּראָטאָקאָל פון פאַרבאַנד פון יאָר 1944 (אָקט. 4)

וואָס באַווייזט אין וועלכן מצב דער פאַרבאַנד האָט זיך געפונען ווען א. באַביטש האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון פאַרבאַנד. א. באַביטש איז דאַן אויך געווען דער פּראַט. סעקר. פון פאַרבאַנד.

רעדאַקציע.

מיטוואָך, דעם 4טן אָקטאָבער, איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פון פאַר־באַנד קאָונסיל אין וויינס־קענמאַר רעסטאָראַן, אינטערן פאָרזיץ פון חבר נ. פּעסין.

צושריפטן

עס ווערט געלייענט אַ צושריפט פון גענעראַל־סעקרעטאַר, חבר ל. סיגאַל, וואו ער מעלדעט וועגן אַ באַזוך ביי אונדז אין שטאָט פון חבר א. דיקענשטיין, אין די אינטערעסן פון „אַמפּאַל"—אַמעריקען פּאַלעסטין טריידינג קאָרפּאָריישאַן. עס ווערט באַשלאָסן אַז די חברים פון פאַרבאַנד זאָלן העלפן חבר דיקענשטיין אין דער אַקציע.

באַריכטן

חבר שפּיגלמאַן באַריכטעט פון זיין באַזוך ביי דעם יום־טוב פון דער סיטי טערעס שולע און דעם קעמפּ קאָמיטעט מיטינג. ביי בײדע געלעגנהייטן האָט ער פאַרטראָטן דעם קאָונסיל פון פאַרבאַנד.

שולן

חבר גלאָזער רעדט וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע פון אונדזערע ביידע שולן. עס אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן שולן בכלל און וועגן דער מעגלעכקייט צו עפענען שולן אין אַנדערע טיילן פון שטאָט. עס ווערט געוויילט אַ קאָמיטעט פון די חברים אָסטראָווסקי, ס. שפּיגלמאַן און מ. מירמאַן, וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט דער שולן־פראַגע און באַריכטן צו די נעקסטע זיצונגען פון קאָונסיל.

נאַציאָנאַל־פאָנד

חבר מ. ירדן באַריכטעט וועגן דער קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַל־פאָנד וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 22טן ד. ח. דער פאַרבאַנד דאַרף קומען צו דער קאָנפערענץ מיט אַ באַשטימטער קוואָטע פאַר דעם יאָר און אָנהויבן די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד בכלל. נאָך אַ דיסקוסיע ווערט אָנגענומען אַ קוואָטע פון $14,000 פאַרן פאַרבאַנד דעם יאָר, וואָס זאָל איינגעטיילט ווערן צווישן אַלע ברענטשעס. חבר מאיר אָסטראָווסקי ווערט דערוויילט אַלס דער נאַצ. פאָנד פאַרזיצער פאַר דעם יאָר וועלכער זאָל שטיין אין פאַרבינדונג מיט די ברענטשעס און אויך אויפּפּאַסן אויף אונדזערע קרעדיטן.

מאָדערנע צען געבאָט ווי צו פאַרשטאַרקן דעם פאַרבאַנד

1) אויב איר זייט אַ חבר פון אַנאַנדער שטאָט, אַ ניי־געקומענער אין לאָס אַנגעלעס, זאָגט עס קיינעם ניט אויס, האַלט עס בסוד. אין לויף פון אַ פּאָר יאָר פאַרלירט איר אייער מיטגלידערשאַפט, און איר זייט פּטור פון מיטינגען, פון צאָלן דיוס, און איר זייט אַ מענטש פאַר זיך אַליין.

2) אויב איר זייט פון די וועלכע האָבן זיך יאָ געלאָזט דערקענען און זיך טראַנספערירט צו אַ היגן צווייג, איז גוט ווען איר גייט אַרום אַן אומצופרידענער און האָט טענות צו די היגע חברים; קריטיק שטאַרקט אַן אָרגאַניזאַציע...

3) אויב איר קומט יאָ אַמאָל צו אַ מיטינג, קומט גאַנץ שפּעט און האָט טענות פאַרוואָס מען פאַרשלעפּט די מיטינגען ביז האַלבער נאַכט.

4) ביי די מיטינגען מוזט איר זיך ניט צוהערן צו די פאַרהאַנדלונגען; געפינט אַ פּאָר באַקאַנטע, זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט און מאַכט אַ טומל.

5) אויב איר האָט ליב זיך צו לאָזן הערן, לאָזט זיך ניט דיקטירן פונם פאַרזיצער. וואַרט ניט ביז מ'וועט אייך געבן אַ וואָרט. שטעלט זיך אויף צו יעדער צייט און רעדט וויפיל אייער האַרץ גלוסט.

6) ווען אַ חבר רעדט ביי אַ זיצונג און איר זייט מיט אים ניט איינשטימיק, האַקט אים איבער אין מיטן און לאָזט אים ניט ענדיקן. דאָס הייסט געגומען אַ שטעלונג.

7) לאָזט ניט לייענען קיין צושריפטן פונם גענעראַל אָפיס אָדער פונם היגן קאָונסיל, ווייל די חברה מאָגען אַלעמאָל עפּעס. אַז מען לייענט ניט, ווייסט מען גאָרניט, איז מען פּטור.

8) אויך ווען איר פּערזענלעך קריגט אַ בריוו פון איינער פון אונדזערע אינסטאַנצן אָדער אינסטיטוציעס, זייט ניט קיין יאָלד און לייענט עס ניט. עס קאָן אייך נאָך אַמאָל אַ צופּ טאָן ביים האַרצן און איר זאָלט עפּעס אָפּטאָן אַ נאַרישקייט. וואַרפט עס גלייך אַריין אין פּאַפּיר־קאָרב.

9) לאָזט זיך ניט איבעררײדן און גיט ניט קיין געלט פאַר קיין יידישער דערציאיִנג. עס איז אַרויסגעוואָרפן יעדע פּעני. די יונגען וועלן סיוּוּי בלייבן פּויערים...

10) ווען איר וועט ערלעך אויספאָלגן די אויבן אויסגערעכנטע געבאָטן, קאָנען מיר זיין זיכער, אַז דער פאַרבאַנד, ווי אונדזער באַוועגונג בכלל, וועט דאָ בליען און וואַקסן און סוף כל סוף דערגרייכן די צילן צוליב וועלכע מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט.

ער וויל דער זייגערמאַכער זאָל אים פאַרריכטן דעם האָן

אַן ארץ ישׂראלדיקער פאַרמער קומט אַריין מיט אַ גרויסן האָן אין די הענט צו אַ זייגער־מאַכער אין תל־אביב.

דער זייגער־מאַכער קוקט אים אָן און פרעגט אים: וואָס זייט איר געקומען אַהער מיטן האָן? איך בין ניט קיין שוחט!

— איך ווייס, זאָגט דער פאַרמער, אַז איר זייט אַ זייגער־מאַכער, דערפאַר בין איך געקומען צו אייך.

איר פאַרשטייט, אָט דער האָן מיינער האָט אַ גאַנץ לעבן געקרייעט 5 אַזייגער אינדערפרי און פלעגט מיך אויפוועקן פּינקטלעך צו דער אַרבעט. די לעצטע צייטן קרייעט ער ווען עס גלוסט זיך אים. עס איז רעכט 6 אַזייגער אינדערפרי און 7 אַזייגער אויך. ער מאַכט מיך אומגליקלעך. וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט אים אַריינקוקן אין האַלדז, אפשר קענט איר עפּעס טאָן וועגן דעם, ער זאָל ווייטער קרייען אין צייט, ווי אַ האָן דאַרף קרייען.

פעדער־שפריץ

די
קאָנווענשאָן מאַסקיטאָ

(אַ 2 יעהרליכער קאָנווענשאָן אָרגאַן, ערשיינט בלויז דאַן ווען עס איז דאָ געגוג קיבעצערס ביי דער קאָנווענשאָן.)

געווידמעט די „בלוטיגע" אינטערעסען פון די אנגעזעהענע דעלעגאַטען

הערי לאַנג וועגן דער „מאָסקיטאָ"

עס איז דערשינען צום באַנקעט אַ געלונגענער וויץ־בלעטל — אַ קאָנווענשאַן־מאָסקיטאָ. דערשינען אַזוי פּלוצלונג און ספּאָנטאַן פאַר פילע דעלעגאַטן; אַ ביס געטאָן דעם, יענעם, און איז גלייך פאַרשוואונדן. אַכט זייטן מיט שטעכיקן שטאָף, גוטע קאַרטונס, געראָטן צוזאַמענגע־שטעלט, און הויפּטזעכלעך, דער עולם איז שטאַרק צופרידן. דאַרף דאָך אימיצן דאָס ליגן אין קאָפּ; דאַרף דאָך אימיצער זיך אָפּגעבן מיט שרייבן עס, קאָרעגירן, רעדאַקטירן, טראָגן צום פּרינטער און קלייבן די פּעניס פאַרן פּרינטער־ביל... און אַזוי שטאַרק איז אונדז די המצאה געפעלן, אַז עס ווילט זיך אונדז קאָמפּלימענטירן דעם מאַן, וועלכער האָט אויף זיך גענומען אַרויסרופן אַ שמייכל ביי די דעלעגאַטן, אַ געזונטן קיבעץ טאָן באַקאַנטע און אייגענע. און וואָלט עס ניט געווען פּשוטער זשורנאַליס־טישער עטיק, וואָלטן מיר זיכער אַ בלום דערלאַנגט באַביטשן, פון לאָקאַל 9, און וואָלטן דערציילט אַז ער און נאָר ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם לעבעדיקן, לאַכעדיקן, הומאָרפולן מאָסקיטאָ. אָבער גיי הויב זיך אָן — אַז די צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנאָנים און דער רעדאַקטאָר האָט מורא פאַר זיין זעקל ביינער. היינטיקע צייטן, פאַרשטייט איר מיך, נעמט מען אַפילו אין בראָנזוויל ניט אָן קיין קיבעץ גוטמוטיק. דערפאַר אייגענטלעך וועט די רעדאַקציע פון מאָסקיטאָ ביי היינטיקער קאָנווענשאָן ניט דערמאָנט ווערן און וועט שטומערהייט אַרונטערגיין אויף די בלעטער פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

אַן אייגענער נודניק (*

(נאָכאַמונג נאָך פרוג׳ס „פּריילעכן קבצן“)

אַז גאָט אויף אונדזער וועלט
האָט אַלץ אַרום באַשאַפן,
דעם רייכן און דעם אָרימען,
דעם שטאַרקן און דעם שלאַפן:

האָט איינמאָל פון קוואַל דעם הייליקן
געבראַכט צום בורא־עולם
אַ מלאך, אַ שפּאָגל־ניי נשמהלע,
נאָך פון דעם גוף דעם גולם.

האָט זיך דער אויבערשטער גענומען
אַ וועלטעלע פון קלאָוקס צו שאַפן,
מיט דעלעגאַטן רעדל־פירער
און אַ גאַנצע חברה נאַדל־שקלאַפן.

אַ פריייע, ניט פאַרקוויטיקטע
פון תאוות יצר־הרע,
אין ווי דאָס מאָרגן־שטערנדל,
אַ ליכטיקע, אַ קלאָרע.

אַ פינישער מיט געזונטע לונגען,
וואָס איז ניט קיין האַרבאַטע,
זאַיקעט זיך ניט, איז ניט בלינד,
ניט קרום און ניט פאַנפעוואַטע...

און פרעגט, מיט וואָס באַפעלסטו גאָט
די טיפּה־סרוחה בענטשן.
ס׳זיינען אין קלאָוקס וועלטעלע דאָ
שוין פון כל המינים מענטשן:

אַ קאַטער וואָס העברעאיש נאָר רעדט
און „פראָהיבישאַן“ איז זיין תורה,
האָט אַ מנחה קיינמאָל ניט פאַרפעלט
און איז בכלל ריין פון אַן עבירה.

פלאָקן־שיסער, פראַזן־האַקער,
מענשלעך וואָס ראַטעווען דאָס לאַנד.
גלאַט מענטשן, מענטשן טומלענדע,
מיט אַ האַלבן אונץ פאַרשטאַנד.

אַן אַפּעררייטער לאָקאַל,
וואָס דיסציפּלין איז זייער לעבן,
אַ היבשע חברה פרעסערלעך,
וואָס נאָר צו וואָך־אַרבעט זיי שטרעבן.

טאָ וואָס זאָל זיין דאָס מענטשעלע,
גיב, גאָטעניו, מיר שכל ?
—אַ נודניק—האָט דער אויבערשטער
געענטפערט מיט אַ שמייכל.

הכלל אַ חברה אַזוי אַ ריכטיקע,
וואָס ס׳פּאַסט ניט אַלע זיי צו ווייזן;
איך זאָג אייך אַז אויסהאַלטן פון זיי
שטאַרקער דאַרף מען זיין פון אייזן.

אַ נודניק, נאָר אַ ריכטיקער;
ס׳זאָל קאַכן און ס׳זאָל זידן,
אַ ספּאָדיק דריייער, אַ טשייניק־האַקער
ס׳זאָל זיין אַ זעלטנהייט ביי יידן.

און אַט ברידערלעך, האָט איר אים,
באַקוקט אים דאָ אינגאַנצן;
פריש, פריילעך, פריי און לעבעדיק,
שפּילן כלי־זמר, גייט ער טאַנצן.

וואָס איז מיט אים די שמחה?
פרעגט איר.
למשל, נעמט זיין מיילכל;
עס האָט אַ צינגעלע, אַ קלינגעלע,
וואָס באַוועגט זיך ווי אַ קיילכל.

כאַפּט אַ קרבן ער אריין,
איז ווי צו יענעמס יאָרן;
ער טרייסלט און ער שאָקלט אים
ביז יענער איז פאַרלאָרן.

און פּרובירט אַ קרבן אים ענטפערן,
אויך אויסריידן אַ וואָרט;
צושאָקלען דעם נודניקס הענטלעך זיך
אין קנעפּלעך רירן זיך פון אָרט.

מיט דרשות איז ער אימער גרייט,
און זוכט רק דאָס וואָרט צו קריגן,
דרייט די גראָבע פינגער
אין דער לופט,
מיט אַ פּשטל און מיט אַ ניגון.

רעזאָלוציעס שרייבט ער בושלוויים
און נודיעט וועגן יעדערן באַזונדער,
פאַלן ווי די פליגן דעלעגאַטן —
וואָס איז דען דאָ דער וואונדער?

נאָר דערוויסן איינמאָל וועט איר זיך
אַז דער נודניק פלוצלינג איז
געשטאָרבן,
זאָלט איר וויסן אַז ערמאָרדעט איז ער
פון זיינעם אַ צום וואַנזין
פאַרנודיעטן קרבן.

---

*) איר קענט עס צופּאַסן צו וועלכן נודניק איר ווילט. מיר דינען זיכער אַז איר האָט אין אייער קרייז אַזעלכן. אונז דוכט זיך אַז מיר האָבן דעם ריכטיקן.

דער רעזשיסער משה הלוי — דערציילט מען — האָט אַמאָל געפירט פאַרהאַנדלונגען מיטן פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער ז. שניאור ז״ל וועגן אויפפירן זיינע אַ זאַך אויף דער בינע פון טעאַטער „אוהל". געקומען צו די באַדינגונגען, האָט שניאור אָנגערופן זייער אַ גרויסע סומע.

— „אוהל" — האָט אים הלוי אויפגעקלערט — איז אַן ארבעטער־טעאַטער און מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן אַזעלכע הויכע סומעס. איר מוזט זיך רעכענען מיט אונזער לאַגע.

— איך בין, ברוך השם, אַ פאַרמעגלעכער ייד — האָט שניאור דערויף געענטפערט, און איך קאָן נישט נעמען קיין קליינע סומעס. איר דאַרפט זיך אויך רעכענען מיט מיין לאַגע.

דער
קאָנווענשאָן לעך
אַן אָרגאַן וואָס ערשיינט בלויז דאַן ווען עס זיינען דאָ געגוג לצים אַרום דער קאָנווענשאָן

אַ וויי־געשריי פון רעדאַקטאָר

אם אין אני לי מי לי?

(אויב מיר וועלן זיך אַליין ניט קיבעצן,
טאָ ווער וועט אונדז קיבעצן?)

דאָס קעפּל פון אונדזער לייט־אַרטיקל דריקט אייגנטלעך אויס אין אַ פּאָר ווערטער די גאַנצע פּראָגראַם פון אונדזער באַליבטער צייטונג, און די אורזאַך פון דעם גרויסן קרבן וואָס מיר אַלע האָבן געבראַכט די צייטונג צום לעבן צו ברענגען.. די פּראָבלעם איז אַ קלאָרע און פאַר־שטענדלעכע: ווער וועט אונדז קיבעצן, אויב מיר וועלן זיך אַליין ניט קיבעצן? ווען און וואו קענען מיר זען אונדזער נאָמען דערמאָנט, אויב מיר וועלן דאָס אַליין ניט טאָן? „מיט פרעמדע הענט — זאָגט דאָס פאָלק אַ ווערטל — איז גוט פייער צו שאַרן."

האַלטנדיק זיך אָן דעם פּרינציפּ, זעען מיר פאַר זיך אַלזאָ ניט קיין אַנדער וועג ווי אַליין אויפצוהייבן די פאָן פון קיבעץ און בייסעריי און טאָן די דאָזיקע הייליקע אַרבעט מיט דערזעלבער ליבע און איבערגעבנקייט, ווי, למשל, ברענטש 80 טוט קולטור־אַרבעט, בר. 52 — שלום און אַחדות, און בר. 111 — אָרגאַניזאַציאָנס אַרבעט. ווייל ווער, ווער קען אַזוי אָפּשאַצן די גרויסקייט און טיפקייט פון גאָלדשטיינ'ס קוויטש אין זיינע וועלט־באַרימטע רעדעס, וועלכע וואַרפן אַן אימה אויפן גאַנצן פאָלק, ווי מיר אַליין? ווער? ווער — פרעגן מיר אייך נאָכאַמאָל — קען אַזוי אויסטייטשן די טיפע געדאַנקען און זיך פאַרטיפן אין די רעיונות און טעאָריעס אין דער „א. אַ. שטימע"? ווער—פרעגן מיר מיט אַ וויי־

געשריי—קען אזוי אָפּשאַצן די געוואַלדיקע מוסאָלינישע פּלענער, ברייטן פאַרנעם, און דעם סטאַמפּ־געשריי פון סיגאַל׳ס אַ רעדע?

און דעריבער הייבן מיר אויף הויך די פאָן פון קיבעץ און בייסעריי און רופן אויס מיט פּאַטאָס צו אונדזער גאַנצן סטעף מיטאַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קענעדע און בראַנזוויל: חברים, נעמט זיך צו דער אַרבעט! פאַראייניקט און אומדערשראָקן לאָזט הערן אייער שטימע פון קיבעץ און בייסעריי. ווייל אַ גרויסע צאָל פון אונדזערע געקרוינטע גדולים ווערן אַזויפיל געגלעט, געלויבט, געבאַנקעטעוועט און געיובלט (איבערהויפּט אין דער פּראָווינץ), אַז זיי ריידן זיך באמת איין, אַז קיין גרעסערע פון זיי איז שוין טאַקע גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, און זיי קריגן, ווי מען זאָגט אין שניידער־לשון, געשוואָלענע קעפּ, און מיינען אַז זיי זיינען אַלץ צייטונג — דער „ל ץ״!

עס איז דעריבער אונדזער הייליקע פליכט זיי צו דערמאָנען, אַז זיי זיינען יאָ מענטשן — דאָס הייסט, אַז זיי דאַרפן זיין מענטשן. אַן ענטין, ווען ער האַלט אַ רעדע, זאָל ער רחמנות האָבן אויף אונדז:—ערשטנס, זאָל ער נוצן גאָלדשטיינס יאַרדשטיק פאַר דער לענג פון זיינער אַ רעדע; און צווייטנס, זאָל ער אונדז באַפרייען פונם מאַרטגיידזש וואָס ער טראָגט אויף יעדן איינעם פון אונדז, פאַר דאָס געלט וואָס מיר זיינען אים שולדיק פאַר פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

מיר מוזן — יאָ, עס איז אונדזער הייליקער חוב אים צו דערמאָנען, אַז ער אַרבעט ביט פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און אַז מיר האָבן ניט אַרויפגעלייגט קיין וואָר־טעקס, און אַז זיינע בודזשעטן זיינען אַ קאַפּעטש־קע איבערגעטריבן.

מיר מוזן דערמאָנען פלאַטראַטן, אַז דער מאַנדאַט צו קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע און דעם פאָלקס־רעכט האָט אים דאָס פאָלק נאָך אָפיציעל ניט אונטערגעשריבן. און זאָל ער דעריבער לאָזן נאָך עמיצן אַ קעמף טאָן פאַרן פאָלקס רעכט.

מיר מוזן דערמאָנען אונדזערע טאַטעס פון סעקאָנד עוועניו, אַז מיר זיינען שוין אַרויסגעוואַקסן פון די בי־פּענטס וואָס זיי האָבן אונדז אָנגע־טאָן און אַז מיר זיינע שוין אַליין טאַטעס, און מעגן שוין אַליין טאָן זאַכן אָן זייער הסכמה. און זאָל די וועלוול־בלאָקאַדע פון אונדז אַרונטער־גענומען ווערן.

מיר מוזן דערמאָנען אונדזער חשובן פּרעזידענט בראַון, אַז כאָטש מיר שעצן זייער אָפּ זיין טעטיקייט פאַרן פאַרבאַנד, פונדעסטוועגן מעג ער געבן אַ געלעגנהייט די חברים פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע אויך

אַמאָל צו האַנדלען און באַשטימען געוויסע פראַגן אײדער ער באַשליסט עס ביים אַפּיס קאָמיטעט.

אַזוי ווי איר זעט, חברים מיטאַרבעטער פון די פּאַראייניקטע שטאַטן און קענעדע, זיינען אונדזערע פּראָבלעמען גרויסע און וויכטיקע, און אונדזערע אויפגאַבן — אויסערגעוויינלעך הייליקע. לאָמיר זיך אַלזאַ, מיט פאַראייניקטע כוחות שטעלן צום דינסט פאַר דעם פאָלק און אים געבן אונדזערע לייסטונגען אויפן פעלד פון קיבעץ און בייסעריי.

לאַנג לעבן זאָל אונדזער ליבע גרויסע ציַיטונג — דער „ל צ׳ל״!

איך שרייב „פּעדער־שפּריצן״ פאַרן „פאָרווערטס״

מיר האָבן באַזוכט ישראל אין יאָר 1949. עס איז דאָן געווען אַ שווערע צייט אין ישראל. די צייט פון צנע. עס האָט געפעלט פון אַלץ. אויף אַנאַנדער פּלאַץ אין דעם בוך וועט איר געפינען דריי בריוו אָפּגע־דרוקט אין דער „קאַליפאָרניער אידישע שטימע״, וואו עס ווערט איבער־געגעבן מיינע איינדרוקן פון דער רייזע. דאָס איז געווען די ערשטע רייזע דורכגעפירט דורכן פאַרבאַנד אָפּיס. מיר זיינען געפאָרן 18 מענטשן פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. ניט אַלע זיינען געווען מיטגלידער פון פאַרבאַנד, אָבער טענות האָבן אַלע געהאַט צום פאַרבאַנד, איבערהויפּט צו מיר, אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז איך בין עפּעס אַ באַאַמטער פון פאַרבאַנד, און איך האָב מיט אַ סך געדולד פּרובירט באַרואיקן די אויפ־געבראַכטע געסט און אַנטקעגן קומען זייערע פאָדערונגען.

מיר זיינען געפאָרן הין און צוריק מיט שיפן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די וואונדערבאַרע רייזע אויף דער שיף „קאַראַנאַ״ פון ניו־יאָרק קיין פּאַריז, און „מאַריטאַניאַ״ פון פאַריז קיין ניו־יאָרק. אויך די קלע־נערע שיפן פון איטאַליע קיין תל־אביב זיינען געווען ניט שלעכט. די רייזע אויף די שיפן האָט דאָן געהאַט אַ זייער גוטע ווירקונג אויף מיינע צערודערטע נערוון מיט וועלכע איך האָב דאָן פאַרלאָזט לאָס אַנגעלעס.

אויפן וועג צוריק אַהיים מיט דער פיינער שיף מאַריטאַניאַ האָבן מיר געטראָפן אַ סך באַקאַנטע פון ניו־יאָרק, צווישן זיי אויך מר. און מרס. הילל ראָגאָף, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״. מיין פרוי און איך האָבן זיך באַפריינדעט מיט די ראָגאָפס און מיר פלעגן אָפט עסן ביי דעם זעלבן טיש אָדער זיצן צוזאַמען אויפן דעק און דיסקוטירן וועגן ישראל. מיין חוש פאַר הומאָר האָט מיך אויך ניט פאַרלאָזט אויף אָט־דער

רייזע און איך האָב זייענדיק אין ישראל אָנגעהערט זיך אַ מאַסע נייע וויצן און אַנעקדאָטן צייטיקע פונם נייעם לעבן און פון די שוועריקייטן וואָס די מדינה לעבט איבער. איך פלעג עס ביים טיש דערציילן צו די ראַגאָפס און זיי האָבן זייער שטאַרק אָנגעקוואָלן פון דעם. ווען ראַגאָף האָט מיך געפרעגט וועגן מיין טאַלאַנט איבערצוגעבן די פאַרשידענע וויציקע פּאַסירונגען, האָב איך אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז איך בין געווען זעקס יאָר רעדאַקטאָר פון דער „קאַליפּ. אידישע שטימע" אין ל. אַ. און מיט מיין חוש פאַר הומאָר האָב איך געשריבן אַ הומאָריסטישן קאָלום פון אַלץ און פון אַלעמען, וואָס האָט זייער אויסגענומען ביי מיינע לעזער.

אויב אַזוי — זאָגט צו מיר ראַגאָף — פאַרוואָס זאָלט איר אָט־די מעשיות ניט דרוקן אין „פאַרווערטס" אין אונדזער „שטיפקינד"?

און מיר האָבן דאָרט אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי שנעל ווי איך קום אַהיים זאָל איך אים שיקן יעדע וואָך מיינע פעדער־שפּריצן, געשריבן אונטערן נאָמען „אַלף־בית". איך האָב עס אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים ביז עס האָט זיך מיר אויסגענומען דער מאַטעריאַל...

אין דער אָפּטיילונג פון בוך גיבן מיר איבער די זאַכן וואָס מיר האָבן דאָן געדרוקט אין „פאַרווערטס" צוזאַמען מיט צוויי בריוו פון חנא גאָטעספעלד, רעדאַקטאָר פון „שטיפקינד" אין זונטיקדיקן „פאַרווערטס."

חנא גאָטעספעלד | דעם 5טן יולי, 1949

„פאַרווערטס"

175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק 2, נ. י.

ליבער פריינט גאָטעספעלד:

אייער בריוול, אַז איר גייט דרוקן מיינע „שפּריצלעך" איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקע דערפרייאונג. שרייבן פאַרן „פאַרווערטס" איז עפּעס ניט קיין קלייניקייט.

אַזוי ווי איך האָב שוין אַ צאָל יאָרן ניט געהאַלטן קיין פען אין האַנט, וואָלט איך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר זאָלט מיר אויפמערקזאַם מאַכן, וואָס זיינען די טעמעס, וועלכע איר וואָלט געוואָלט איך זאָל מערס־טנס באַרירן אין מיין קאָלום.

האָפנדיק צו האָבן נחת איינס פון די אַנדערע, פאַרבלייב איך

אייער, א. באַביטש

נ. ב. — איך שיק אייך דאָ גענוג מאַטעריאַל פאַר צוויי קאָלומס. טיילט עס איין ווי איר פאַרשטייט. אַ האַרציקן גרוס צו די ראַגאָפס.

פעדער־שפּריצן

(צוזאַמענגענומען פון פאַרשידענע קוואַלן)

במקום הקדמה

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָבן מיר דאָ אין לאָס אַנגעלעס געהאַט אַ טעגלעכע יידישע צייטונג. חבר וואַלינער ע"ה, אַ זייער פיינער זשור־נאַליסט, איז געווען דער רעדאַקטאָר. ער האָט אין מיר דערטאַפּט אַ חוש פאַר הומאָר און האָט זיך אָן מיר אָנגעזעצט, אַז איך זאָל שרייבן אַ קאָלום פון שפּריצלעך — אַזעלכע קורצע קאָמענטאַרן אויף נייעס און פּאַסירונגען — לאָקאַלע און אַלגעמיינע. שפּעטער, ווען איך מיט ש. גאָכן האָבן איבערגענומען די „שטימע" אַלס וועכנטלעכע צייטונג, האָב איך דעם דאָזיקן קאָלום אָנגעהאַלטן. עס איז אַ פאָרם פון שרייבן קורץ אין צו דער זאַך, מיט אַ מעגלעכקייט פון זאָגן און אַריינזאָגן.

צוויי בריוולעך פון חנא גאָטעספעלד

געעהרטער קאָלעגע:

פריינד ראַגאָף האָט מיר איבערגעגעבן אייערע צוויי אַרטיקלען. דער ערשטער וועגן ארץ ישראל איז מיר שטאַרק געפעלן. פון דעם צווייטן איז מיר בלויז אַ טייל דערפון געפעלן. איך וועל ביידע זאַכן אָפּ־דרוקן אין „שטיף־קינד". איר קענט, פאַרשטייט זיך, וויטער שיקן פון דעם סאָרט. איך וועל אַריינבעמען אַלעס וואָס וועט מיר געפעלן און דרוקן.

מיט גרויס דרך ארץ,

חנא גאָטעספעלד

„פאָרווערטס", ניו־יאָרק

חשובער קאָלעגע:

איך שיק אייך 15 דאָלער פאַר צוויי זאַכן: $10 פאַר אַ גרעסערע און $5 פאַר אַ קלענערע. אייערע אַנדערע צוויי קאָלומס וועלן דער־שיינען בקרוב.

איך קען אייך ניט געבן קיין טעמעס. ווען ס'איז וויציק איז גוט, ווען ס'איז ניט וויציק איז שלעכט. קיין אַנדער מאָס האָבן מיר ניט פאַר הומאָר. שיקט ווייטער שפּריצלעך, אָדער וואָס איר ווילט אַבי וויציק.

מיט אַכטונג, **ח. גאָטעספעלד**

אונדזער חשובער רעדאַקטאָר פון „חשבון", חבר פרידלאַנד, ספק'ט צי עס פּאַסט פאַר אַ ליטעראַרישן זשורנאַל צו דרוקן אַ הומאָריסטישע זייט ווי „פעדער־שפריצן." הגם אויך ער האַלט, אַז הומאָר איז די פרייד פון לעבן: מיט וויצן אין הומאָר לאַכן מיר אויס אונדזערע צרות. עס איז גרינג צו דערקענען אַ מענטשן פון וואָס ער לאַכט. „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן!" זאָגט שלום עליכם. און דער זאָג: „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין" איז אַ לעבנס־פילאָזאָפיע.

* * *

די ציוניסטן האָבן לעבעדיק געמאַכט אַ טויטע שפּראַך, און די קאָמוניסטן האָבן טויט געמאַכט אַ לעבעדיקע שפּראַך.

* * *

געבענטשט איז דער מענטש, וואָס ווען ער האָט ניט וואָס צו זאָגן — שווייגט ער.

* * *

פאַרוואָס רופט מען עס „שפּיצן־קאָנפערענץ"?

ווייל איינער דעם אַנדערן וויל איבערשפּיצן ... אָדער אָפּטאָן אַ שפּיצל...

* * *

אונדזער יידישע גאַס איז לעצטנס אַזוי פאַרפלייצט מיט זיבעציק און פינף־און־זיבעציק יאָריקע יובילייאומס, אַז די יינגערע אונטער זיבעציק, שעמען זיך אויסצוזאָגן זייער עלטער...

* * *

חבר בען צוקערמאַן טענהט, אַז דער אומגליק מיט דער עלטער איז, וואָס עס קומט אין די שפּעטע יאָרן, און ניט אין די יונגע יאָרן, ווען מ'קען נאָך איבערטראָגן דעם „היי־בלאַד פרעשור" מיטן רומאַטיזם.

* * *

ש. באַנטשיק, פון ניו־יאָרק, אויך אַ יובילייאַר, זאָגט, אַז אויב איר האָט אייער גאַנצן לעבן ניט געגלויבט אין קיין ווינטשעוואַניעס, איז ווען איר דערגרייכט אָבער די עלטער פון 70 און איר קענט שוין אַזוי פיל ניט לויפן — איז אַביסל ווינטשעוואַניעס ביי אַ יובילייאַ אויך אַן ענין. אפשר וועט עס העלפן...

* * *

ש. בריינין פרעגט: וואָס איז דער גרויסער אויפטו צו דערלעבן 65 יאָר? אָט האָט ער שוין אַריינגעשפּאַנט אין די אַכציקער, און ער קלייבט זיך ערשט מאַכן אַ נייע רייזע קיין ישראל.

* * *

אַלס רעזולטאַט פון די שרייבער יובילעאומס ווערט אַן איבערפלוס פון ביכער איף דער יידישער גאַס; ווייל וואָס פאַר אַ יובל איז עס פאַר אַ שרייבער, אויב מען גיט ניט אַרויס קיין בוך? דאַן ווערט שוין אַ פּראָבלעם פון „אָווערפּראָדאַקשאַן" און „אָווערפּראָדאַקשאַן" ברענגט שוין אַרויף די פראַגע פון דער עקאָנאָמיע פון לאַנד. אָבער דאָס זיינען שוין פּראָבלעמען נישט פאַר אונדז. דאָס געהערט שוין צו דער „יו־ען".

* * *

אַלטע באַוואוסטע שרייבער, וועמעס שופלאַדן זיינען אָנגעפילט מיט מאַנוסקריפּטן, זיינען מקנא באַנטשיקן, וואָס ער האָט אַן שוועריקייטן אַרויסגעגעבן זיין בוך. דאָס איז מן הסתם ווייל ער איז אַליין אַ דרוקער, און ניט קיין שרייבער.

* * *

אַז באַביטש האָט דערהערט אַ באַנטשיק גיט אַרויס אַ בוך, האָט זיך אין אים צעברענט די שרייבערישע קנאה און ער סטראַשעט שוין אויך אַז ער גרייט צו אַ בוך. (און דאָ האָט איר עס!).

* * *

די יובילייאומס זיינען געוואָרן אַזאַ מכת מדינה, אַז אונדזערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין באַזאָרגט מיט קולטור פאַר די נעקסטע עטלעכע יאָר. מען דאַרף נאָר דורכפירן איינמאָל אַ חודש אַ יובילייאום פאַר איינעם פון די גדולים.

* * *

מען זאָגט אַז יוסף און פייגעלע פאַניץ האָבן, אויס מורא מען זאָל זיי ניט אָננעמען אַלס פּריינט פון סאָוועטן פּאַרבאַנד, אויפגעגעבן זייער באַליבט מאכל, רויטן באַרשט, און זיינען איבערגעגאַנגען אויף „האָט דאָגס."

* * *

אַ נייער דירעקטאָר, וואָס האָט אָנגענומען אַ קהלישע שטעלע, האָט אָנגעגעבן אַ דריי קאָמפּאַניס יאָגן זיך נאָך אים: די עלעקטריק, טעלעפאָן און גאַז קאָמפּאַניס.

* * *

וועגן די זיבן פונקטן וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן כדי אָפּצושטעלן די וואָפן־פּראָדוקציע, האָבן מיר מורא אַז ס'וועט בלייבן בלויז איין פונקט — פונקט . . . פאַרקערט . . .

* * *

איבער 2500 סטודענטן, פּראָפעסאָרן און געסט, האָבן געהערט דעם ישראל שטאַטסמאַן, בן־גוריון, האַלטן זיין רעפעראַט איבער וויסנשאַפט און עטיק. איז אַדרבא, וויזט אונדז נאָך אַזאַ שטאַטסמאַן וואָס זאָל מאַכן אַזאַ „דזשאָב"...

אין אַ שטאַטישן קליניק האָט אַן עלטערער פּאַציענט, ווען מען ס'איז שוין שטאַרק נמאס געוואָרן צו וואַרטן פֿאַר זײַן נעקסט, וואַרטנדיק דורכ־צוגיין אַן אָפּעראַציע, האָט געזאָגט צו זײַן שכן: „עס ווײַזט אויס אַז איך וועל שוין דאַרפֿן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט"...

* * *

די קאַנדידאַטן וואָס לויפֿן אין די פּריימעריס האַלטן אין איין דער־לאַנגען די הענט צום פּובליקום; אַמאָל איז דער עיקר געווען חכמת הראש, הײַנט איז דער עיקר — חכמת היד...

* * *

דער דערפֿאָלג וואָס מרדכי שטריגלער האָט געהאַט אין ל. אַ. האָט אַזוי אָפּגעקלונגען איבערן לאַנד, אַז אַלע דיכטער פֿון גאַנץ אַמעריקע שרײַבן אַהער בריוולעך און בעטן מען זאָל זיי ברענגען קיין ל. אַ.

* * *

חבר זילבערצווײַג זאָגט, אַז באַביטש האָט אָנגענומען פֿאַר וויצע־פּרעזידענט פֿון קולטור קלוב, ווײַל פּרעזידענט פֿרידלאַנד האָט אָנגענומען וויצע־פּרעזידענט פֿון פּרץ הירשביין צווײַג. עס וואָלט געווען אַ קאַטאַ־סטראָפֿע אין ביידע אָרגאַניזאַציעס, ווען זיי ביידע נעמען חלילה ניט אָן.

* * *

חבר באַביטש זאָגט, אַז זײַן אַ וויצע־פּרעזידענט איז טאַקע אַ כּבֿוד, נאָר דאָס וואָס מ'דאַרף זיצן אויבנאָן און מ'קען ניט צומאַכן מיט קיין אויג איז שוין גאָרניט קיין פֿאַרגעניגן.

* * *

דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט ענדלעך עפּעס געטאָן וועגן יקרות. זיי האָבן באַשטימט פֿאַר זיך אַ העכערונג אין געהאַלט.

* * *

אויף דער יידישער שרײַבער־גאַס איז געוואָרן אַ נײַע עפּידעמיע. שרײַבער שרײַבן איצט נאָר פֿאַר אַ פּרעמיע.

* * *

אַ צוריקגעשטאַנען פֿאָלק איז דאָס וואָס האָט נאָך ניט פּרובירט באָרגן געלט פֿון אַמעריקע.

* * *

אין אַ געשפּרעך מיט אַ יידישן זשורנאַליסט האָט אַן ענגלישער דיפּלאָמאַט געזאָגט, אַז יידן און אַראַבער זײַנען שולדיק אין אַלע גע־שעענישן אין ישראל: — קלוג ווי דער טאָג. ווען דאָרט וואָלטן געווען נישט קיין יידן און נישט קיין אַראַבער, וואָלטן קיין געשעענישן נישט פֿאָרגעקומען.

די צייטונגען באריכטן אז 60 מיליאן מענטשן הערן און קוקן זיך צו צו טעלעוויזשאן אין אמעריקע. ענדלעך וועט דאס אמעריקאנער פאלק ווערן „פרייז־פייט״ באוואוסטזיניק.

* * *

די מיידל וואס האט געארבעט אין אפיס פון ד״ר ל. בלעס ע״ה דערציילט פון זיין צעטראגנקייט: ער איז איינמאל מיטאג צייט, ארום 1 אזייגער צוריקגעקומען אין זיין אפיס און געפונען זיינס א צעטעלע אויפן טיר, אז ער וועט זיין צוריק צוויי אזייגער. האט ער זיך אומגעקערט צום רעסטאראן און געווארט דארטן ביז צוויי אזייגער.

* * *

צוויי באקאנטע בעלי־בתים פון לאס אנדזשעלעס קלייבן זיך אין וועג פארן קיין לאס וועגאס. זעט איינער ווי דער אנדערער נעמט מיט טלית און תפילין. פרעגט ער אים, צו וואס נעמסטו דאס מיט, פאר מזל וועגן? ניין, ענטפערט דער צווייטער, אויב עס וועט מיר גיין גוט, וועל איך דארט פארבלייבן איבער די ימים טובים.

* * *

לכבוד „יום העצמאות״, דעם טאג פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט, האט די ישראל רעגירונג געבעטן, אז די דארטיקע יידן זאלן עסן קרעפּלעך. פון תל־אביב מעלדעט מען, אז מען האט דארט געכאפט א קאמוניסט עסן קרעפלעך, האט מען אים אויסגעשלאסן פון דער פארטיי.

* * *

א רייכער „דזשאנק דילער״, וועלכער האט פארזארגט זיינע קינדער מיט א היפשן פארמעגן, האט פאר זיין טויט אונטערגעהערט פון זיין שלאפצימער א קריגעריי צווישן זיינע זין, אז מ׳זאל וואס ווייניקער געלט אויסגעבן אויף זיין לוויה. דער אלטער האט געעפנט די טיר פון זיין צימער און האט אריסגערופן: קינדערלעך, קריגט זיך ניט אומזיסט. גיט מיר מיינע הויזן, וועל איך אליין צוגיין צו דער סעמעטערי.

* * *

„ייוו״א האט אויסגעוויילט א קאמיטע איינמאל פאר אלעמאל פעסטצושטעלן ווער עס מאכט די אלע טעותן אויף די מעלדונגען פון קולטור־קלוב אינדרויסן: צי דער וואס שרייבט, צי דער וואס מאלט עס. זיי דארפן עס זייער בויטיק פאר זייער גרייז־ארכיוו.

* * *

אן אמעריקאנער שרייבער האט אין זיין לעצטן בוך אויסגעדריקט אנערקענונג צו זיינע „בייבי סיטערס״, וועלכע האבן מעגלעך געמאכט דאס דערשיינען פון זיין בוך. ביי יידישע שרייבער וועט אזוינס ניט פאסירן.

אין אַ שול אין מיאַמי האָט מען געגעבן אַ ניו־יאָרקער פאַרבאַנד דעלעגאַט אַן עליה. ווען ס'איז געקומען צום „בעבור שנדר", האָט דער בעל־עליה, גראַד אַ רייכער ייד, איינגערוימט דעם שמש: — שני דאלאר! האָט דעם שמש פאַרדראָסן דעם גאַסט'ס קאַרגשאַפט, און אים צוריק איינגערוימט: — ר' ייד, איר מוזט זיין אַ נישט היגער! ביי אונדז אין מיאַמי איז נישטאָ קיין שניי!

* * *

צו דער בר־מצוה פון מדינת ישראל האָבן די טוריסטן געזען הענגען פלאַקאַטן מיט די ווערטער: „ברוכים הבאים", געבענטשט זאָלן זיין די וואָס קומען. האָבן די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס געמאַכט פלאַקאַטן ביים אַריינגאַנג: „ברוכים היושבים", געבענטשט זאָלן זיין די וואָס זיצן.

* * *

אַ שליח פון ישראל דערציילט, אַז צווישן די אַריבערגעקומענע תימנער יידן זיינען דאָ אַזעלכע וואָס וויסן נישט צו נוצן לעפל און גאָפל ביים עסן. נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט מען ענדלעך געמאַכט אַ פשרה, זיי זאָלן דערווייל נוצן נאָר אַ לעפל. וועגן אַ גאָפל וועט מען זען שפּעטער.

* * *

אַן אַנדער שליח זאָגט, אַז ישראל איז דאָס לאַנד פון נסים. ס'רעגנט נישט און ס'וואַקסט; מען קען נישט קיין העברעאיש און מ'רעדט; מ'האָט נישט קיין געווער און מ'שיסט; מ'פאַרדינט נישט און מען לעבט.

* * *

מיר לייענען אַז אין מעקסיקאָ, אינעם נייעם געבויטן קולטור־צענ־טער, גייט אַן אַ גוואַלדיקער שטרייט, צי מ'זאָל לאָזן אויפהענגען אַ מזוזה ביים טיר, און עס איז געוואָרן אַ גוואַלדיקע מזוזה־מלחמה. ווער עס וועט אויספירן ווייסט מען ניט. אָבי מען רופט אונדז „עם הספר."

* * *

אַ מענטש וואָס האָט אַ גוטע מיינונג וועגן זיך אַליין איז געוויינט־לעך ניט קיין גרויסער מענטשן־קענער.

* * *

אין ניו־יאָרק עקזיסטירט אַן אינסטיטוציע וואָס רופט זיך „ניו־יאָרק קאָמיוניטי טראַסט", וואָס איר אויפגאַבע איז צו באַצייכענען מערק־ווירדיקע בנינים און מאָנומענטן אין ניו־יאָרק. לעצטנס האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע אייך אויסגעצייכנט דעם ייוו"א־בנין, וואָס געפינט זיך אויף פינפטער עוועניו ביי 86טער גאַס — ווי איינעם פון די אַרכיטעקטור מערקווירדיקייטן אין ניו־יאָרק.

נאָסער נעמט אָן גאָלדע מאיר'ס פאָרשלאָג וועגן שלום אונטער־האַנדלונגען. אָבער ישראל דאַרף פריער איינשטימען אַז אירע שיפן זאָלן נישט שווימען אין ים, נאָר אין די זאַמדן פון נגב.

* * *

ווען מען האָט גערעדט מיטן וואַסער־אינזשענער, שמחה בלאַס, וועגן מאַנגל פון וואַסער אין ישראל, האָט ער געזאָגט: „ווען מ'קוועטשט אויס דאָס גאַנצע וואַסער פון די רעדעס אין כנסת, וואָלט געווען גענוג צו באַוואַסערן דעם גאַנצן נגב."

* * *

די וואָס האָבן געלייענט אַנאַ פראַנקס טאָג־בוך געדענקען מסתמא, אַז אינעם ביכל פאַרענטפערט זיך אַנאַ פראַנק פאַר איר חברטע ליז, וואָס איז נאָך פריער פון אַנאַן געכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס, אַז זי פילט זיך זייער שולדיק, וואָס זי האָט איר איבערגעלאָזט און איז אַליין אַנטלאָפן. שפּעטער האָבן זיי זיך ביידע געטראָפן אין בערגען־בעלזען לאַגער, וואו אַנאַ איז אומגעקומען פון טיפוס, און איר חברטע ליז האָט זיך געראַטע־וועט אין ישראל, און האָט איצט דאָ אַ מאַן מיט דריי קינדער.

* * *

איך וויל גראַטולירן דעם „לעבעדיקן" וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררייסן פון אונדזער חבר חמץ אין מיאַמי אין געלאָזט צוטשעפּען זיין נאָמען צו אַ פאַרבאַנד צווייג. זאָל דאָס נאָר זיין אויף לאַנגע יאָר סיי דעם לעבעדיקן און סיי דעם צווייג.

* * *

מיר „פּראָווינצער" זיינען כסדר גרייט אויפצונעמען און מקבל פּנים זיין געסט־שרייבער פון ניו־יאָרק; מיר פייערן די יובילייאומס פאַר די אַלע „גרויסע העכט" וואָס שווימען צו צו אונדזערע קאַליפאָרניער ברעגן; מיר פּרובירן שאַפן וואָס מער געלט פאַר די אַלע קולטור־צוועקן, און ווער שמועסט נאָך אַז ס'קומט פון ניו־יאָרק אַ גדול־הדור, דאַמאָלס „קערן מיר גאָר איבער וועלטן" צו פאַרשפּרייטן וואָס מער פון זיינע ביכער.

ס'איז אָבער אויך פאַראַן אַ יש אומרים, וואָס שטעלן אַרויס אַ גערעכטע טענה:

* * *

און וואָס איז מכוח אונדז אַליין? אפשר וואָלטן מיר אונדזער אייגענע באַלעבאַטישקייט אויך אַביסל אין זינען געהאַט? אפשר זאָלן מיר אָנהייבן אַרויסשיקן אונדזערע היגע שרייבער און דיכטער קיין גרויס ניו־יאָרק, כדי צו פאַרשפּרייטן דאָרט זייערע ווערק ? . . .

אַמעריקע איז שוין היינט ניט מער קיין „מעלטינג־פּאָט" ווי אַמאָל, נאָר אַ „פּרעשור קוקער" (עס קאָכט זיך אַליין אויס).

* * *

אַ חזן באַקלאָגט זיך אַז ער איז שוין שיער ניט אַנגענומען געוואָרן אין אַ שול אַלס חזן, נאָר עס האָט אים געפעלט בלויז איין שטימע... זיין אייגענע.

* * *

מ'דערציילט, אַז אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק איז אַריינגעקומען אַ פּאַרפאַלק און דערקלערט, אַז היות זיי האָבן נישט קיין קינדער, ווילן זיי נעמען צו זיך די קליינע סימפּאַטישע יתומהלע, וועגן וועלכער עס איז געווען געשריבן אין צייטונג. מ'האָט גענומען נאָכזוכן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ סימפּאַטישער יתומהלע וועגן וועלכער ס'איז געשריבן געוואָרן אין ראָמאַן מיט פאָרזעצ־נגען...

* * *

ווען אַ פרוי צעברעכט אַ מאַנס האַרץ, געפינט זיך שטענדיק אַ צווייטע וואָס מאַכט עס גאַנץ צוריק.

* * *

ביי דער אויסשטעלונג פון בילדער פון אונדזערן אַ חבר אַ מאַלער, העַנגט אַן אויפשריפט: „ניט אָנצורירן די בילדער." איז דער עולם זייער געהאַרכזאַם און רירט זיך ניט צו צו קיין בילד. זיי הענגען.

* * *

אין אַ פינאַנץ־באַריכט פון אַ ברענטש איז געווען אַן „אייטעם": „לויפנדיקע הוצאות." — וואָס איז דאָס אַזוינס? — פרעגט אַ דירעקטאָר. — דאָס איז דאָס געלט מיט וועלכע דער קאַסירער איז אַנטלאָפן.

* * *

דער זעלבער חבר באַרימט זיך, אַז אין ביזנעס גייט אים גראָדע ניט שלעכט. ער גייט אַלץ העכער און העכער... ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט זאָקן, איצט האַנדלט ער שוין מיט העטס...

* * *

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט אַדוועַרטייזמענטס אין אַמעריקע: אונ־דזער סטאַטלער האָטעל האָט אין זיינע אַדוועַרטייזמענטס אָנגעגעבן אַ וויכטיקע מעלה פון זיין האָטעל. ער אַדוועַרטייזט, אַז דער האָטעל געפינט זיך אויפן רעש'דיקסטן קאַרנער פון שטאָט און די געסט קענען פון די פענצטער זען יעדע ווייל אַנאַנדער אויטאָמאָביל עקסידענט.

אין דעם קאָלאָראַדער זאָאָלאָגישן גאָרטן — דערציילן די צייטונגען — זיינען געווען אַן „ער“ מיט „זי“ און ווען דער „ער“ איז געשטאָרבן, האָט די „זי“ געלעבט בלויז עטלעכע טעג און איז פון בענקשאַפט אויך אַוועק פון דער וועלט. אין דער איצטיקער צייט פון שיסעריי גט פּראָצעסן און שלאָפצימער סקאַנדאַלן איז אַ טרייסט צו הערן, אַז כאָטש צווישן חיות הערשט נאָך אַ קאַפּיטשקע ליבע.

* * *

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: ביכער! ביי אונדז איז איצט הימל און ערד און ביכער! שוין לאַנג ניט געווען אַזאַ גערעטעניש! און מיר, די קולטורניקעס, האָבן, ווי מען זאָגט אין גויאיש: „אַור הענדס פול.“ אָט איז ערשט אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט ביכער פון חיים גראַדע: „דער שול־הויף“. (חיים גראַדע האָט דאָ גראַד גענוג חסידים אין שטאָט).

* * *

אין דער זעלביקער צייט זיינען אָנגעקומען פון מיאַמי ביטש צוויי באַשיידענע פּעקלעך. איינגאַנצן צו צען ביכער אין אַ פּעקל: דעם „לעבעדיקנס“, „אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.“ איין פּעקל פאַרן יידישן קולטור־קלוב, און דאָס צווייטע צום אָפיס פון פאַרבאַנד.

* * *

יאָ, אַז מיר האַלטן שוין ביי ביכער דאָ אין שטאָט, איז ענדלעך אין דער זעלבער צייט אַרויס נח גאָלדבערגס בוך דערציילונגען: „אויף צוואָרפענע וועגן“; וויליאַם נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפיש־ליטעראַרישע עסייען: „קולטור־קוואַל“; מלכה טוזמאַנס בוך לידער: „מילד מיין ווילד.“ דער רעדאַקטאָר פון „חשבון“, י. פרידלאַנד, איז אויך ניט געזעסן ליידיק און האָט ווידער אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען: „וואַנדערונגען און נסיונות“. הכלל, לאָס אַנגעלעס „קערט וועלטן“! ...

* * *

די „סוואַסטיקאַ“ איז דער שאַנד־צייכן פון דעם יאָרהונדערט — און דער יאָרהונדערט גייט אונטערן צייכן פון שאַנד.

* * *

ענגלישע געלערנטע האָבן קאָנסטרואירט אַ ראָבאָט, וואָס ענטפערט אויף טעלעפאָנישע רופן.

אויך אין דאָזיקן פּרט האָט דער ראַטנפאַרבאַנד, האַלט מען, איבערגעיאָגט דעם מערב: דאָרטן עקזיסטירן שוין פון לאַנג ראָבאָטן וואָס הויבן די הענט, אַפּלאָדירן, שרייען הוראַ און טוען אַלץ וואָס מען הייסט זיי.

— גיט מיר, איך בעט אייך, אַ פּאַפּיראָס.
— נאָט אייך דאָס שאַכטל און נעמט כאָטש צוויי.
— אויב אַזוי, וועל איך שוין נעמען דריי.
— טאָ פאַרוואָס־זשע האָט איר גענומען פיר?

* * *

אַ מאַן איז אַ סוקסעס אַז ער פאַרדינט מער געלט ווי זיין פרוי קען ספּענדן, און אַ פרוי איז אַ סוקסעס אַז זי קריגט אַזאַ מאַן.

* * *

יעדער מאַן קען מאַכן פון זיך אַ נאַר, אָבער מיט דער הילף פון אַ פרוי, טוט ער עס אַ סך שנעלער.

* * *

מען שמועסט, אַז דער כנסת דעפּוטאַט פון חרות, ד"ר יוניטשמאַן, האָט געקרוינט זיין פּאַרטיי־חבר, א. שאָסטאַק, מיטן טיטול: „געוועזענער אַרבעטס־מיניסטער פון דער צוקונפטיקער רעגירונג."

* * *

אַלע פעלקער, ספּעציעל די גרויסע, דאַרפן זיך שעמען, וואָס האָבן אַזעלכע קליינע פירער.

* * *

אַרגענטינע האָט געפייערט 150 יאָר פון איר אומאָפּהענגיקייט; און פאַראַן אַרגענטינער וואָס זאָגן, אַז זיי זענען נאָך אַלץ נישט אומאָפּהענגיק.

* * *

מיר ווילן דווקא אַנטדעקן ביי יענעם דאָס וואָס מיר גופא באַמיִען זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר אים.

* * *

פערציק איז די אַלטקייט־עלטער פון די יונגע; פופציק ווידער איז די יוגנט־עלטער פון די זקנים.

* * *

אַן אָפּטימיסט איז דער וואָס הויבט אָן אויפצולעזן אַ קרייץ־וואָרט רעטעניש באַלד מיט אַ פעדער.

* * *

דער גרויסער יידישער קינסטלער, מאַקס ליבערמאַן, האָט אַמאָל באַטראַכט מאָלערייען פון זיינעם אַ באַקאַנטן און דערביי אַ זאָג געטאָן:

— דיס נישט אַזוי פּעסימיסטיש. מענטשן זייבען גאָרנישט אַזוי שלעכט ווי איר מאָלט זיי.

מלחמה־צייט איז דער ערשטער קרבן דער אמת.

עס זיינען דאָ פיל זאַכן וואָס קענען געזאָגט ווערן צו איר פאַר־טיידיקונג, די איבעריקע זאַכן אָבער זיינען אַ סך אינטערעסאַנטער.

* * *

ער גייט אָן אַלס טאַלאַנטפולער רעדנער, ווייל ער האָט די פעאי־קייט גאַרנישט צו זאָגן אין אַ מאַקסימאַלער צאָל ווערטער.

* * *

אַ גרויסער חסיד איינשטיינס האָט אַמאָל געפרעגט דעם באַרימטן ויסנשאַפטסמאַן: — איז פאַראַן אַ מאַטעמאַטיש פּראָבלעם וואָס איר קענט ניט לייזן?

— יאָ — האָט איינשטיין געענטפערט — דאָס איז דאָס פּראָבלעם, אַז מיינע פאַרדינסטן זאָלן שטימען מיט מיינע אויסגאַבן.

* * *

מען גיט איבער, אַז כרושטשעוו געפינט זיך אונטער אַ מיליטערי־שער קאָנטראָל; איז אַזוי ווי אויף זיינע גענעראַלן האָט ער מורא צו שרייען, האָט ער זיין בייז האַרץ אויסגעלאָזן צו אייזענהאַוערן.

* * *

אַ גט קאָסט אַלע מאָל מער ווי אַ חתונה. און אַז עס קאָסט געלט, איז עס ווערט געלט.

* * *

מיינער אַ פריינט האָט געלייענט אַן אַרטיקל וועגן דער שעדלעכקייט פון רויכערן, איז ער דערפון אַזוי באַאיינפלוסט געוואָרן, אַז ער האָט באַשלאָסן אויפהערן צו — לייענען.

* * *

ווען אַ פרוי רעדט מיט אַ מאַן, איז דאָס אַ מאָנאָלאָג; ווען אַ פרוי רעדט מיט אַ פרוי, איז דאָס אַ קאַטאַלאָג.

* * *

איך קען אַ שרייבער, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַ בוך, און דער הויפט־העלד איז ביי אים דער פאַרלעגער.

* * *

— מאַן: —מיר האָט זיך היינטיקע נאַכט געחלומט, אַז דו אַנטלויפסט מיט אַ פריינט.

פרוי: — וואָס־זשע האָסטו אים געזאָגט?

מאַן: — אַז ער דאַרף נישט לויפן, ער קאָן גיין געלאַסן.

אַמבעסטן איז צו באַרגן געלט ביי אַ פּעסימיסט: ער דערוואַרטעט ניט אַז מען וועט אים ווען עס איז אָפּגעבן.

* * *

אין געריכט: — פאַרוואָס האָט איר ביי אייער שכן צוגעגנבעט דעם פידל? איר קענט דען שפּילן?

—ניין, אָבער מיין שכן קען אויך ניט, און דערפאַר טאַקע האָב איך עס ביי אים צוגענומען.

* * *

סער טאָמאָס ביטשעם, דער פאַרשטאָרבענער גרויסער ענגלישער דיריגענט און מוזיק פּאָפּולאַריזאַטאָר, איז אויך געווען אַ גרויסער וואָרט־קינסטלער און שאַרפער אַפאָריזמען־זאָגער. צווישן זיינע אומצאָליקע שאַרפזין פּערל איז אויך געווען דאָס פאָלגנדע ווערטל: „דאָס פּובליקום האָט ניט קיין געשמאַק, עס האָט בלויז אַפּעטיט."..

* * *

ווען בערנאַרד שאָ איז אַלט געוואָרן 80 יאָר האָט ער באַקומען טע־לעגראַמעס און באַגריסונג־בריוו פון טויזנטער מענטשן. דערויף האָט ער יעדן איינעם פון זיי געענטפערט בזה הלשון: „פון אַלע גליקוואונטשן האָט מיך אייערער גערירט אַממערסטן."

* * *

מאַרק טוויין האָט זיך אַמאָל צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי אַריבער־געצויגן אין אַ נייער דירה. צומאַרגנס גאַנץ פרי איז דער שריפטשטעלער אַריבער די גאַס און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אַ באַשטימט הויז:

אַנטשולדיקט מיר זייער, גנעדיקע פרוי — האָט ער געזאָגט צו אַ דאַמע וואָס האָט אים געעפנט — מיין נאָמען איז קלעמענס. מיין פרוי און איך האָבן זיך ערשט נעכטן אַריינגעצויגן אין אַנטקעגנדיקן הויז. מיר האָבן נאָך נעכטן געוואָלט באַקענען זיך מיט אייך, צוליב געוויסע סיבות האָבן מיר דאָס אָבער ביז איצט ניט באַוויזן צו טאָן. עס איז מיר ניט אָנגענעם צו באַקענען זיך אויף אַזאַ אופן און אַזוי פרי, אָבער... אייער הויז — זע איך, גנעדיקע פרוי — ברענט . . .

* * *

ווען בן־גוריון איז געווען אין אַמעריקע האָט מען אים געזאָגט:

— ביי אונדז אין אַמעריקע, ווען מען גייט אַוועק זאָגט מען „גוד־באַי" או ווען מען קומט, זאָגט מען „העלאָו". פאַרוואָס זאָגט מען ביי אייך אין ישראל איןביידע פאַלן „שלום"?

— ווייל אַ ייד ווייסט קיינמאָל ניט ווען ער קומט צוגיין און ווען ער גייט אַוועק!

— מען האלט מיך פאַר אַ גוטן שרייבער. איך האָב מורא אַז איך שרייב לעצטנס ניט אַזוי גוט ווי אַמאָל.

— איר האָט אַ טעות. איר שרייבט געָנוי ווי אַמאָל. ניט מער, אייער מבינות האָט זיך פאַרבעסערט.

* * *

זאָגט אַ היגער רעפאָרם־ראַביי: „עס איז בעסער צו ריידן מיט פרייען און טראַכטן וועגן גאָט, איידער ריידן מיט גאָט און טראַכטן וועגן פרויען.

* * *

אַ מענטשלעכער מוח איז אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: ער הויבט אָן צו אַרבעטן גלייך ווי דער מענטש ווערט געבוירן, און ער הערט אויף צו אַרבעטן פונקט דאַן ווען מ׳דאַרף האַלטן אַ באַנקעט־רעדע..

* * *

אַ מענטש וואָס האָט אַליין קיין רעספּעקט פאַר זיך, קאָן נישט דערוואַרטן אַז אַנדערע זאָלן אים רעספּעקטירן.

* * *

אַן ענגלישער דעפּוטאַט האָט באַזוכט ישראל און פאַרשטייט זיך אַז ער איז אויך געקומען אַ קוק טאָן אויף דער כנסת אין ירושלים.

ווען מען האָט אים נאָכדעם געפרעגט ווי די כנסת געפעלט אים, האָט ער געענטפערט:

— זייער שיין, כמעט אַזוי שיין ווי דער ענגלישער פּאַרלאַמענט... ניט מער, צו אַזאַ שיינעם פּאַרלאַמענט־בנין פעלט אייך איין זאַך — אַן אימפּעריע.

* * *

אַן עולה חדש האָט באַגעגנט איינעם אַ פריינט, וואָס איז געקומען אין לאַנד אַריין אַביסל פריער פון אים. האָט ער זיך דערפרייט מיט אים און געפרעגט:

— נו, ווי אַזוי האָסטו זיך איינגעאָרדנט?

— נישט גוט — האָט יענער געענטפערט — אַרבעט, אַרבעט און ווידעראַמאָל אַרבעט. פון אינדערפרי ביז אין אָוונט נאָר אַרבעט און אַרבעט.

— לאַנג אַרבעטסטו שוין אַזוי?

— מאָרגן הויב איך אָן.

ישראל הומאָר: מען פרעגט אין ישראל אַ ניי־געקומענעם פון רומעניע, ווי ס'איז דאָרט, אין רומעניע, געווען מיטן עסן און קליידונג?

— מ'האָט זיך ניט געקענט באַקלאָגן!

— פאַרוואָס־זשע זענט איר געקומען אַהער?

— ווייל דאָ קען מען זיך יאָ באַקלאָגן...

* * *

אַ גאַסט פון ישראל האָט דערציילט, אַז די זשורנאַלן און צייטונגען קומען אַלע מאָל אָן פאַרשפּעטיקט. די סיבה איז וואָס די בריוו־טרעגער נעמען צוערשט די זשורנאַלן צו זיך אַהיים אויף איבערצולייענען; דער־פאַר איז דער געווינס גרויס דערמיט, וואָס זיי לאָזן וויסן די סובסקרייבער אַז די און די אַרטיקלען זאָלן זיי ניט דורכלאָזן...

* * *

ביי אַ כנסת סעסיע, וואו דער פאָרזיצער איז געווען דער מפא"י־מיטגליד, ישראל ישעיהו, האָט דער רעדנער אַזוי פאַררעדט זיך וועגן דעם לימוד פון יידישן באַוואוסטזיין, אַז ער האָט פאַרגעסן אויפהערן. דער פאָרזיצער האָט אים דאָן דערלאַנגט אַ צעטעלע: „חוץ יידישן באַ־וואוסטזיין דאַרפן מיר אויך האָבן צייט־באַוואוסטזיין... דיין צייט האָט זיך געענדיקט."

* * *

ביים לאַנדן מיטן עראָפּלאַן אין ישראל, רופט אויס די „האָסטעס": „טאַיטן יור בעלטס, ווי אַר ריטשינג איזראַעל" (מאַכט שטייף אייערע פּאַסיקעס, מיר דערנעענטערן זיך קיין ישראל)...

* * *

אויף איינעם פון די באַאַמטע פון ישראל זאָגט מען, אַז די אורזאַך וואָס ער נעמט שטענדיק מיט זיין ווייב אויף זיינע רייזעס איז דערפאַר, ווייל זי איז ניט אַזאַ יפה־פיה אין איידער קושן זיך מיט איר יעדן מאָל ביים געזעגענען זיך, איז שוין בעסער זי זאָל מיטפאָרן.

* * *

אַ ייד האָט פאָרגעשלאָגן אַ נייע תפילה פאַרן כנסת אין ישראל: באַשיץ אונדז פון אונדזערע היץ־קעפּ — פון די פרעמדע וועלן מיר זיך אַליין היטן.

* * *

אַן אינדישע דעלעגאַציע איז געקומען קיין ישראל, צו שטודירן די קאָאָפּעראַטיווע סיסטעמען אין לאַנד.

זאָל דאָס זיין אַ סימן אַז נערו וועט אויפהערן קאָאָפּערירן מיט נאַסערן?

ווען דער מעיאָר פון תל־אביב האָט איבערגעגעבן אַ חשובן גאַסט דעם שליסל פון שטאָט, האָט חנא שטאַרק פּראָטעסירט: „אַלעמען גיט ער דעם שליסל! ניט אומזיסט זיינען דאָ אַזויפיל גנבות.“

* * *

חבר יוסף שפּיגלמאַן זאָגט אַז זיין „פּריזער“ קאָן שטעלן דעם ל. א. קלוב אויף די פיס, מען זאָל מער ניט דאַרפן זאָרגן פאַר קיין פינאַנצן. זיין פּלאַן איז, מען פירט דורך אַ „ראַפל“. מען מאַכט עטלעכע הונדערט דאָלער, דאַן גיט עס דער געווינען צוריק צום קלוב, ראַפלט מען עס ווידעראַמאָל, און מען קריגט עס ווידער צוריק — און אַזוי כסדר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

* * *

אַ מזרחי־ייִד, אַ געגנער פון דער איצטיקער רעגירונג, טענהט, אַז ארץ ישראל האָט אַלעמאָל געהאַט אַ פיינעם קלימאַט, אָבער זעט וואָס די רעגירונג האָט פון דעם געמאַכט?

* * *

דער ישראלדיקער הומאָריסט, אפרים בשן זאָגט, אַז ישראל איז אַ מדינה, וואו די מענטשן שרייבן העברעאיש, לייענען ענגליש און רעדן יידיש. קיינער האַלט דאָרט ניט פון קיין נסים. אַלע נעמען דאָס אויף ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. דער גרויסער נס איז נאָך אַלץ די זיכערקייט פון לאַנד.

* * *

אַ ישראלדיקער שרייבער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז משיח איז שוין דאָ אין לאַנד. אָבער פאַרוואָס איז נאָך נישטאָ די גאולה?... אויף דעם ענטפערט ער, אַז משיח איז אַריינגעפאָרן אין ישראל אויף אַן אייזל. איז משיח אַוועק אויף איין וועג און דער אייזל אויף אַן אַנדערן. פאַר די מענטשן וואָס גייען נאָך משיחס פוסטריט, פאַר זיי איז די גאולה שוין דאָ, פאַר די אַנדערע, נאָך ניט...

* * *

מען האָט געפרעגט פּראָפעסאָר דוב סדן אין ישראל, צי ס'איז אמת אַז שעקספּיר איז געווען אַ ייִד? — פאַר מיר — האָט סדן געענטפערט — איז גענוג, אַז ישעיה הנביא איז געווען אַ ייִד...

* * *

אין ישראל באַקומט זיך איצט, אַז מ'בויט דאָרט גיכער אויף אַ נייע הויז, ווי מ'שטעלט צענויף אַ קאַבינעט.

* * *

דאָס ווערט דערציילט אין אַ צייטונג אין תל־אביב:

דעם באַרימטן יידישן פילאָזאָף, מאַרטין בובער, האָט מען אַמאָל געבעטן ער זאָל זאָגן קלאָר און דייטלעך, וואָס דאָס איז אַזוינס צייט און וואָס עס מיינט אייביקייט.

האָט ער דערויף געגעבן אַזאַ ענטפער:

דאָס איז איינס פון די לייכטסטע זאַכן אין דער וועלט און איך קען עס אויסדריקן זייער קלאָר און דייטלעך: ווען איך וואָלט געהאַט די צייט וואָס איך דאַרף האָבן צו ענטפערן אויף אייער פראַגע, וואָלט איך געדאַרפט האָבן אַן אייביקייט דאָס צו פאַרשטיין.

* * *

דער קליינער איתמר פון קיבוץ מענית האָט באַקומען אַ רעכטן זעץ אונטערן אויג.

— איצט—מאַכט ער דערויף—קען איך שוין זיין אַ נאַכט־וועכטער.

— וואָס איז דען ?

— ווייל איך האָב שוין אַ „לאַמטערן".

* * *

בעת אַ פּראָצעס וועגן אַלימאַני האָט דער קרייז־ריכטער אין חיפה, ד"ר משה עציוני, אַ זיפץ געטאָן:

— חתונה האָבן—האָט ער אַ זאָג געטאָן—איז געגליכן צו קאָרטן־שפּיל. דער מאַן שטעלט איין זיין פרייהייט און די פרוי איר גליק.

* * *

דער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, ישעיהו לייבאָוויטש, האָט געזאָגט:

— אויפן עקאָנאָמישן געביט איז אין גרונט גענומען, ניטאָ קיין אינטערשייד צווישן אונדז און אַמעריקע: די אַמעריקאַנער לעבן פון זייער געלט און מיר לעבן פון זייער געלט.

* * *

אויף נאָך אַן אַמעריקאַנעם יידן דערציילט מען, אַז צוריקקומענדיק פון ארץ ישראל האָט ער דערציילט וועגן די דאָרטיקע חלוצים דעם פאָל־גענדן קוריאָז: — עס איז עפּעס אַ מאָדנע חברה; גייען אָפּגעריסן, אַר־בעטן שווער, און ד אַ וו נ ע ן אַ גאַנצן טאָג. (ער האָט געמיינט זייער ריידן העברעאיש).

* * *

פון אַנאַנדער אַמעריקאַנעם יידן דערציילט מען, אַז אַרונטערגייענ־דיק אין תל־אביב פון שיף האָט ער געבעטן דעם טעקסי־מאַן, ער זאָל אים פירן אין דעם יידישן געגנט, ווי אין שיקאַגאָ להבדיל.

מען דערציילט אין תל־אביב, אַ יידיש יינגעלע, פון די ערשט־אריבערגעקומענע, קומט צולויפן פון שולע אהיים מיט אַ געוויין: מאַמע, מאַמע, די העברעאישע „שקאַצימלעך" שלאָגן מיך.

* * *

קינדער פון קיבוץ עמיר האָבן געשמועסט וועגן משה רבנו, וועלכער האָט די בני־ישראל געבראַכט צו דער גרענעץ פון כנען און איז אויפן וועג געשטאָרבן.

— און ווער האָט זיי דערנאָך געבראַכט קיין ארץ־ישראל?

— זיין תלמיד יהושוע.

— ווי אַזוי האָט ער געוואוסט דעם וועג ?

— משה האָט אים איבערגעלאָזט די מאַפּעס.

* * *

מען האָט געפרעגט — דערציילט מען — דעם געוועזענעם כנסת־דעפּוטאַט פון „אחדות העבודה, משה ערעם, וואָס ער טוט איצט. האָט ער דערויף געענטפערט: „דאָס זעלבע וואָס פריער—גאָרנישט."

* * *

דער חודש־זשורנאַל „פנים אל פנים" ברענגט דעם פאָלגנדיקן וויץ וואָס מען הערט אין ישראל:

אַזאַ מזל האָט שוין דאָס יידישע פאָלק, דאָס פאָלק פון ביך. ביי לייטן, ביי אַנדערע פעלקער, גראָבט מען אין דער ערד, געפינט מען אויל, קופּער, אייזן, דימענטן. מיר גראָבן, און וואָס געפינען מיר? מגילות!

* * *

דער געוועזענער שעף פון ישראל גענעראַל־שטאַב, אַלוף משה דיין, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַגראַר־מיניסטער.

מיר גלויבן, אַז זיין ערשטע אויפגאַבע וועט זיין „כיבוש השממה"— דאָס דעראָבערן דעם נגב, הייסט דאָס.

* * *

צוויי סטודענטקעס האָבן זיך באַגעגנט אין ירושלימער אוניווערסי־טעט. — וואָס טוסטו דאָ ? — האָט זיך איינע פון זיי פאַרוואונדערט — דו האָסט דאָך שוין אַ מאַן !

* * *

אבא איבען האָט אין נאָמען פון ישראל 11 יאָר צייט געהאַט צוויי פאָרטפעלן אין אויסלאַנד: ער איז געווען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן און הויפּט־פאָרטרעטער אין דער „יו־ען". איצט איז ער אַריין אין דער ישראל רעגירונג אָן אַ פאָרטפעל. אַז מ'האָט שכל קען מען זיך באַגיין אָן אַ פאָרטפעל.

פערזענלעכקייטן
און באַגריסונגען

ש. האָכבערג

דער מענטש פון מעשים

(לכבוד דעם 60־טן געבוירנטאָג פון חבר דזשעק קאַהאַן)

חבר דזשעק קאַהאַן איז נישט גאָר לאַנג אין די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. באַלד איז ער געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און געוואונען דעם צוטרוי פון דער גאַנצער באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס. ביי דער לעצטער קאָנפערענץ איז ער געוויילט געוואָרן צום העכסטן אַמט פון פאַרבאַנד — פּרעזידענט פון שטאַט־קאָמיטעט.

געבוירן אין ביאַלע־פּאָדלאַסקי, פּוילן, האָט ער געקראָגן אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג. צוליבן טויט פון זיין פאָטער, האָט ער שוין אין צאַרטן עלטער געמוזט פאַרלאָזן זיין היים און געוואַנדערט איבער גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד, פּוילן, דייטשלאַנד, בעלגיע, ביז ער איז אָנגעקומען אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, קיין אַמעריקע. אין דעטראָיט הויבט ער אָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער העלפט גרינדן די „פעדעראַציע פון פּוילישע יידן" און דעם ביאַלער פאַראיין. נאָכ'ן חורבן זוכט ער אויף די לעבן־געבליבענע אין פאַרשידענע לענדער. ער אַרבעט אומדערמידלעך צו העלפן זיינע לאַנדסלייט.

נאָכן אויפקום פון דער מדינה קומט דזשעק קאַהאַן קיין לאָס אַנדזשעלעס און דערנענטערט זיך צו דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז איינער פון די גרינדער פון דעם בן־גוריון צווייג פון פאַרבאַנד, רופט אַרויס צו זיך צוטרוי און דרך־ארץ צוליב זיין פאָלקסטימלעכקייט, אויפריכטיקייט און דער עיקר דערפאַר, וואָס ער איז דער ערשטער צו טאָן אַרבעט. ער איז אַ מוסטער פאַר אַנדערע מיט זיין אחריות און איבערגעגעבנקייט. בלויז אַ פּאָר ביישפּילן: דער שטאָט־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד באַשליסט אַרויסצוגעבן אַ פאַרבאַנד־אַלמאַנאַך. חברים זיינען סקעפּטיש, די הוצאה איז אַ באַדייטנדיקע, וואו וועט מען עס נעמען? חבר קאַהאַן ווערט דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט און די אַרבעט ווערט דורכגעפירט מיט גרויס דערפאָלג.

דער פאַרבאַנד איז לאָס אַנדזשעלעס מוז דערגרייכן גרעסערע רעזולטאַטן לטובת דער הסתדרות. ער ווערט פאָרזיצער פון הסתדרות

קאַמפּיין און אַ דאַנק אים וואַקסט די הכנסה פאַר דער הסתדרות פון יאָר צו יאָר. אונטער זיין אָנפירונג פירט דורך דער פאַרבאַנד אין לאָס אַנ־דזשעלעס אַ פּראָיעקט אויפצובויען אַ קולטור־צענטער אין דימונה, נעבן באר־שבע. דזשעק קאַהאַן, מיט אַ גרופּע חברים פון ישראל, לייגן דעם גרונטשטיין פון דעם קולטור־צענטער און באַלד, מיט דריי יאָר שפּעטער, קומט פאַר דער חנוכת הבית.

ער זעט, בעת אַ חבר אָדער חברה פון פאַרבאַנד גייט אַוועק פון דער וועלט, ווי די משפּחה פילט זיך פאַרלאָרן; האָט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן אין דער שעה פון טרויער, וועגן קרקע פאַר זייער נאָענטן.

נישטאָ פּאַקטיש קיין איין אַקציע וואָס דער פאַרבאַנד פירט דורך אַז דזשעק קאַהאַן זאָל נישט זיין פון די ערשטע געבער און טוער.

דער אינסטיטוט און די פאָלקסשול פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג געפינט זיך אין אַ קריטישן מעמד. די שול האַלט זיך ביים שליסן און דער בנין זאָל פאַרקויפט ווערן. קומט חבר קאַהאַן צו חבר מאָריס דייטש, אַ באַליבטער טוער אין פאַרבאַנד (פאַר פינף יאָר פּרעזי־דענט פון שטאַט־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד), לייגט אים פאָר צו ווערן פּרע־זידענט פון אינסטיטוט, און קאַהאַן זאָגט אים צו זיין מיטאַרבעט. חבר דייטש נעמט איבער די אָנפירונג, מיט אים איז חבר קאַהאַן. עס ווערן באַגייסטערט אַ גרופּע חברים. מ'נעמט זיך צו דער אַרבעט און דער אינסטיטוט מיט דער שולע לעבן ווייטער.

דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר ביישפּילן פון זיין איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צום פאַרבאַנד און דורכן פאַרבאַנד צו דער גאַנצער ציוניס־טישער אַרבעטער באַוועגונג.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער בן־גוריון צוויג האָט מיט אַזויפיל ליבשאַפט געפייערט דעם 60טן געבורינטאָג פון חבר דזשעק קאַהאַן צו דעם באַנקעט — וואָס איז אויך געווען געווידמעט זיין חברה, רעי קאַהאַן, אַן איבערגעגעבענע טוערין און סעקרעטאַרין פון בן־גוריון צוויג — זיינען געקומען הונדערטער חברים פון דער גאַנצער ציוניסטי־שער אַרבעטער באַוועגונג.

(אידישער קעמפער)

אַברהם באַביטש זיבעציק יאָר אַלט

פון אהרן ריטש
(סעקרעטאַר, קאָמיוניטי פעדערייש‍אַן קאונסיל)

מיט פרייד האָב איך געלייענט אַז אונדזער פריינט און חבר, אַברהם באַביטש, איז געוואָרן זיבעציק יאָר.

מיר געהערן אַלע צו אַ דור וואָס דערגרייכט די רייפע עלטער און ציען אונטער אַ סך־הכל. מיר נעמען סטאָק פון אונדזער לעבן, אונדזערע דערגרייכונגען, אונדזערע דערפאָלגן און מיסערפאָלגן.

ווען באַביטש זאָל אונטערצייכענען און אויסרעכענען וואָס ער האָט אויפגעטאָן, וואָס ער האָט דערגרייכט, וואָס האָט ער געפונען אויף דער יידישער גאַס, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און וואָס געפינט ער איצט, וואָלט ניט נאָר ניט געווען גענוג קיין בוך פון 120 זייטן, נאָר ער וואָלט געדאַרפט שרייבן אַ בוך פון אפשר טויזנט זייטן.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין יענער צייט אין ניו־יאָרק איז דאָך געווען אַ כאַאָס. ציוניזם איז געווען טריף און ווער רעדט נאָך פועלי־ציוניזם, דערויף האָט מען דאָך גאָר געקוקט ווי אויף עפעס אַ ווילדע זאַך. מען האָט געדאַרפט באַקעמפן די סאָציאַליסטן און די אַנאַרכיסטן — דעם בונד פון איין זייט און די יאַרמעלקע יידן פון דער אַנדערער זייט...

אָבער באַביטש האָט אויסגעהאַלטן יידישקייט. ער האָט זיך אָנגעצייכנט דעם זעלבן וועג ווי די טרייד־יוניאָניסטן: מאַקס פיין און שיפּליאַקאָוו, און זיינע חברים: פינסקי, דר. זשיטלאָווסקי, דר. נחמן סירקין, באַראָכאָוו, בן־צבי און בן־גוריון, שפּרינצאַק, זרובבל און זייערס גלייכן.

ער האָט זיך געווידמעט, פריער, דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, דער־נאָך דער יידישער דערציאונג, די פאָלקשולן, און דער פועלי־ציון פאַרטיי, דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און שפּעטער דער הסתדרות, און אַלע אַרבעטן וואָס האָבן דערפירט צו הקמת המדינה.

ער האָט די באַוועגונג געדינט אין ניו־יאָרק, אין טאָראָנטאָ, און די לעצטע 35 יאָר דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט געהאָלפן באַפעסטיקן און צעמענטירן די אַרבעטער ציוניסטישע באַוועגונג דאָ ביי אונדז און ער איז מיט רעכט געקרוינט געוואָרן „מיסטער פאַרבאַנד.״

איז איצט, צו זיינע זיבעציק, פילן מיר אַלע אַז ער האָט אונדז קיינ־מאָל ניט אַנטוישט; האָט אַלעמאָל געטאָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ווי אַ קולטור־מענטש, ווי אַ פיינער חבר, מיט גוטמוטיקייט, מיט ליבשאַפט און מיט אַ סך געזונטן הומאָר.

פרייען מיר זיך אַלע מיט זיין יום־טוב און ווינטשן אים און זיין פאַמיליע נאָך אַ סך געזונטע יאָרן, שעפערישע ווי ביז היינט. ער האָט אַ היפשן חלק אין אַלע אונדזערע דערגרייכונגען און אין דעם פּראָגרעס וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט.

אַ באַגריסונג פון דער
נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד עקזעקוטיווע

מיר שיקן אַ האַרציקע און חברשע באַגריסונג צו אונדזער ליבן חבר אַברהם באַביטש לכבוד זיין 70־יאָריקן יובל.

מיר באַטראַכטן חבר באַביטש אַלס איינעם פון די געטרייסטע און איבערגעבנסטע בויער פון פאַרבאַנד. מיר שאַצן הויך אָפּ זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד, פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט מדינת ישראל און מיט יידישע פאָלקס אינטערעסן.

מיר שאַצן באַזונדערס אָפּ חבר באַביטש'ס פיל־יאָריקע טעטיקייט פאַרן פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס, זייענדיק צווישן די געטרייסטע שומרים וואָס אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט.

מיר ווינטשן חבר באַביטשן אַז ער זאָל נאָך אַ סך יאָרן קענען פאַר־זעצן זיינע פרוכטבאַרע טעטיקייטן. מיר ווינטשן אים אויך, מיט זיין משפחה, אַ סך פערזענלעכן גליק.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון
יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

מאיר בראָון, פּרעזידענט
ש. באַנטשעק, וויצע־פּרעזידענט
לואיס סיגאַל, סעקרעטאַר
ח. גרובאַרט, קאַסירער

וועגן חברה ליובאַ באַביטש

יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגן חברה ליובאַ באַביטש, קומט מיר אויפן זינען דאָס פאָלגנדיקע מעשהלע:

ווען גאָט דער האַר פון אַלע וועלטן האָט באַשאַפן די מענטשן, האָט ער דערזען, אַז כאָטש יעדער מענטש איז געשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, איז אָבער יעדער מענטש אַ באַזונדערע וועלט. יעדער איינער איז באַ־ווירקט פון אַ יצר־הרע. ביי איינעם איז עס די גלוסטונג צו געלט, אַן אַנדערער איז גייציק נאָך כבוד, אַ דריטער איז זעלבסטזיכטיק און קימערט זיך ניט אין דעם גורל און אין דעם וואוילזיין פון זיין ברודער מענטש.

האָט דער בורא עולם אויך באַשאַפן איין ספּעציעלן טיפּ בריאה, אַ קהלשן עסקן, אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, און ער האָט אים אָנגעזאָגט:

— איך וועל דיך באַשענקען מיט אַ סך טאַלאַנטן. דו וועסט קאָנען באַווירקן דעם געלט־גייציקן, דעם זעלבסטזיכטיקן און דעם גלוסטער, אַז זיי זאָלן זיך מענטשלען; זיי זאָלן אָפּטיילן אויף צרכי־ציבור פון זייער פאַרמעגן; זיי זאָלן בכלל זיך אינטערעסירן מיט דער געזעלשאַפט, מיט אַלע קהלשע אינסטיטוציעס. דו וועסט זיי קאָנען באַאיינפלוסן מיט דיין טאַלאַנט, מיט דיינע דרשות, און מיט דיין עוסק זיין אין צרכי־ציבור.

— אַלץ איז גוט און פיין, האָט דער קהלשער עסקן באַמערקט, אָבער אַז דו לייגסט אויף מיר אַרויף אַזאַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, זיך עוסק צו זיין מיט די אַרומיקע מענטשן, ווי־זשע וועט מיר קלעקן צייט און כוחות אַז איך זאָל קאָנען עפּעס ווידמענען פאַר מיין אייגענע בני־בית, פאַר פרוי און קינדער? !

— זיי רואיק, האָט אים דער בורא עולם באַמערקט, דערפאַר וועל איך דיר בענטשן מיט אַ זיווג, אַ פרוי אַן עקרת הבית, אַן אשת חיל, אַ געראָטענע, אַ מענטש אַן אַ גאָל, אַ דימענט, וואָס וועט דיר אויפציִען די קינדער און זיי וועלן אַלע זיין טאַלאַנטפולע קינדער, און דיין פרוי אַליין, וועט די קינדער דערציִען צו גאָט און צו לייט. נאָכמער, די פרוי וועט דיר פערזענלעך זיין אַ גרויסע שטיצע, אַ הילף. זי וועט גיין אין דיינע דרכים, זי וועט מסכים זיין צו אַלע דיינע מעשים טובים. דיין פרוי וועט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגן אַז זי איז געקריוודעט, אַז איר מערכה איז ניט

קיין גוטע. דיין פרוי וועט דיר אויסבעטן און אויסגלעטן דיינע וועגן און זי וועט דיך היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. דו וועסט מיט איר קאָנען אויסלעבן אַלע דיינע יאָרן אין כבוד, אין נחת און אין פריידן, ביז דער טיפער עלטער!

— אָמן, כן יהי רצון, רבונו של עולם! — האָט דער קהלשער עסקן זיך דערפרייט, און זינט זיין פריער יוגנט ווידמעט זיך דער געזעלשאַפט־לעכער טועך צו אַלע קהלשע עסקים, און זיין באַשערטע טראָגט די שווערע לאַסט פון דער הויז, פון די קינדער, און גייט מיט איר באַשערטן האַנט־און־האַנט אין אַלע זיינע גוטע וועגן.

עס בעט זיך דאָ אויך צוצוזעצן אייניקע שטריכן פון חברה באַביטש;

ליובאַ איז בכלל אַ מענטש מיט אַ סך מעלות, נאָר צוליב איר באַ־שיידנקייט און איידלקייט איז זי אַביסל אַ שעמעוודיקע, און מאַכט ניט קיין וועזן דערפון וואָס זי גיט זיך אָפּ אַ סך מיט מוזיק, באַזיצט אַ וואונ־דערלעכן געהער, קאָן אַ סך אָפּערעס און סימפאָניעס; האָט באַזוכט גאָר אַ סך פון די בעסטע מוזיקאַלישע אונטערנעמונגען.

עס איז אַ סברה, אַז אירע קינדער האָבן גע׳ירשנט זייערע טאַלאַנטן פון דער געראָטענער מוטער.

ליובאַ באַזוכט אויך שוין אַ לענגערע צייט אַ קונסט־שול און זי מאַלט און פאַרבט שיינע בילדער, וואָס באַצירן די ווענט ביי די באַביטשעס. חוץ דעם איז זי אינטערעסירט אין שיינע ליטעראַטור, און איז בכלל אַ ליבע פּערזענלעכקייט, וואָס נאָר צוליב בנעימותדיקער באַשיידנקייט האַלט זי זיך תמיד אין הינטערגרונט.

ליובאַ באַביטש האָט זיך אָפּט פאַרלייקנט צוליב אירע געראָטענע קינדער. זי האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס זייער זון, סאָל באַביטש, איז היינט אַ פּראָמינענטער מוזיקאָלאָג. ער האָט אָנגעהויבן זיך אויס־צייכענען און געווינען פּרייזן ווען ער איז אַלט געווען קוים אַכט יאָר.

טעלמאַ (טייבל) איז געווען אַ טאַלאַנטירטע טענצערין מיט מאַרטאַ גרעהעם, און לאה האָט באַקומען אַ סקאָלאַרשיפּ פאַר זינגען זייער שיין. היינט איז זי אַן אָנגעזעענע לערערין. די קינדער גיבן צו אַז זייער מוטער האָט אַ היפּשן חלק אין אַלע זייערע דערגרייכונגען. דאָס דערקלערט פאַרוואָס ליובאַ באַווייזט זעלטן אירע טאַלאַנטן אין דער עפנטלעכקייט. זי איז אָבער באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין זייערע געראָטענע קינדער.

יוד למד מאַלאַמוט

ליובאַ
באַביטש

פרוי
פון
א. באַביטש

און זייערע צוויי טעכטער:

לאה ספינראד

טעלמאַ דזשענסין

מיין האַרציקסטן יישר־כּוח

דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון יידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

מאיר בראַון, פרעזידענט
ש. באָנטשעק, וויצע־פּרעזידענט
לואיס סיגאַל, סעקרעטאַר

דעם שטאָט קאָמיטעט פון פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס

דזשעק קאַהאַן, פּרעזידענט

אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג

מאָריס דייטש, פּרעזידענט

דעם קאַונסיל פון פּועלי־ציון אין לאָס אַנגעלעס

הערי אייבראַמס, פּרעזידענט

דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט

פעדערעישאַן קאַונסיל

אהרן ריטש, סעקרעטאַר

סעמועל ב. גאָך

אַרויסגעבער, „קאַליפ. אידישע שטימע"

ל. א. טעגלעכער „פאָרווערטס"

מאיר וויינטרויב, פאַרוואַלטער

יידישע ראַדיאָ שטונדע

זלמן זילבערצוויג, אייגנטימער

איזראַעל לעווין צענטער

דר. זאַנוויל קליין, פּרעזידענט

ל. א. קאַונסיל לייען־קרייזן

גאָסי סאַרטאָ, גענעראַל סעקרעטאַר

א. באַביטש

ל. סיגאַל

יובל פון אַ געטרייען איבערגעגעבענעם חבר

(צום 70 יאָריקן יובל פון חבר א. באַביטש)

דער פאַרבאַנד און די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס פאַרדינען אַ סך אָנערקענונג פאַר אַרויסגעבן אַ בוך צו דער געלעגנהייט פון 70 יאָריקן יובל פון חבר אַברהם באַביטש, וועלכער ווערט מיט רעכט פאַררעכנט צווישן די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע פאַרבאַנד חברים אין אַמעריקע.

דער שרייבער פון די שורות איז שטאַרק צופרידן צו זיין חבריש פאַרבונדן מיט באַביטשן אַרום פערציק יאָר.

ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1923 פון די צווילינג־שטעט (סט. פאָול און מינעאַפּאָליס) איבערצונעמען דעם אַמט פון געהילף־סעקרעטאַר אין פאַרבאַנד, איז חבר באַביטש שוין דאַן געווען אַ מיט־גליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד לייטונג.

גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש בין איך געפאַנגען געוואָרן פון באַביטשעס חברישן שמייכל, פון זיין „סענס אָוו הומאָר" און פון זיינע טרעפלעכע, זייער קלוגע באַמערקונגען.

חבר באַביטש איז גענעלשאַפטלעך דערצויגן געוואָרן אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. ער האָט אַ צאָל יאָרן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין איינע פון די וויכטיקסטע לאָקאַלן פון דער אינטערנעשאָנאַל. ער האָט פון דער יוניאָן געירשנט אַ פּראַקטישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען, אויך די פעאיקייט צו קענען רעאַל אָפּשאַצן סיטואַציעס.

חבר באַביטש איז זיין גאַנץ לעבן דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון פּועלי־ציוניזם. ער איז שטענדיק געווען אַ הייסער גלויביקער אין די מעגלעכקייטן אַז ארץ ישראל זאָל פון יידישע אַרבעטער קענען געבויט ווערן אַלס אַ יידישע מדינה און ער האָט אויך שטענדיק געגלויבט אין דער נויטווענדיקייט צו האָבן אַ שעפעריש, נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן אין אַלע טיילן פון דער וועלט וואו יידן לעבן.

באַביטש האָט אויך זיין גייסטיקע געזעלשאַפטלעכע היים געפונען אין פאַרבאַנד. ער איז געווען אינסטרומענטאַל אַז די טשערטשעסקער

לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק זאָל מיט העכער 40 יאָר צוריק זיך אָנשליסן אַלס צווייג פון פאַרבאַנד.

דער צווייג איז איצט באַקאַנט אַלס ברענטש 80. דער פאַקט וואָס אַ לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין יענער צייט אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד האָט געהאָלפן אויסטרעטן דעם וועג צו אַ צאָל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס (לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַמיליען סירקלס, קולטור קלובן און אַנדערע). דער וויכטיקער פאַרדינסט קען צו חבר באַביטש און צו זיינע נאָענטע צוגעשריבן ווערן.

חבר באַביטש איז אין ניו־יאָרק געווען אַקטיוו אויף פילע געביטן פון פאַרבאַנד טעטיקייטן. ער איז, אַ חוץ אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער לייטונג אויך געווען צווישן די פירנדע חברים פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט און געהאָלפן בויען די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע.

ער האָט אויך געהאָלפן שאַפן „אונדזער קעמפ" און קינדער־וועלט" אין היילאַנד מילס, נ. י., וואָס איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ גרויסע אינסטי־טוציע, וואָס איז איצט אַ שטאָלץ פאַרן פאַרבאַנד און פאַר דער יידישער געזעלשאַפט.

חבר באַביטש איז געווען אינסטרומענטאַל צו העלפן גרינדן דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות. ער האָט אַריינגעבראַכט אין קאַמפּיין אַ צאָל יוניאָן פירער, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן אַז דער קאַמפּיין זאָל ווערן אַ גרויסע אַרבעטער און פאָלקס־באַוועגונג אין אַלע טיילן פון לאַנד.

אונדזער יובילאַר האָט אויך געשפּילט אַ פירנדע ראָלע אין אַלע וויכטיקע טעטיקייטן אין וועלכע דער פאַרבאַנד און די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג זיינען געווען פאַראינטערעסירט.

מיר האָבן אין זינען די טעטיקייטן פאַרן ערשטן אַמעריקאַנעם יידישן קאָנגרעס, די גרינדונג פון דער „פיפּלס רעליף", דעם ערשטן יידישן אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל און אַ רייע אַנדערע טעטי־קייטן און אונטערנעמונגען, וואָס זיינען געווען פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט פאַר אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אין יענער צייט און וואָס האָבן געשאַפן די בריק וואָס פאַרבינדט איצט די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע מיט דער הסתדרות און מיט מדינת ישראל.

ווען חבר באַביטש האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער גלייך פון די ערשטע טעג באַטראַכט געוואָרן אַלס געטרייער פאַרבאַנד אַמבאַסאַדאָר.

דער חשובער יובילאַר האָט געפונען דעם פאַרבאַנד אין לאָס אַנ־דזשעלעס קליין אין צאָל און גאַנץ שוואַך אין זיין ווירקונג.

דער ניט גינסטיקער צושטאַנד האָט אים נישט געלאָזן רוען און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען אין זיינע כוחות צו העלפן גרינדן נייע צווייגן, שטאַרקן די עקזיסטירענדע צווייגן און געהאָלפן פאַרוואַנדלען דעם פאַרבאַנד אין אַ וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־כוח אין דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קהילה.

חבר באַביטש ווערט אין ברייטע קרייזן אָנגערופן „מר. פאַרבאַנד״, ווייל אַלע ווייסן אַז עס איז נישטאָ קיין איין וויכטיקע פאַסירונג אין דעם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע וואו חבר באַביטש זאָל ניט שפּילן אַ פירנדע ראָלע.

מיר זיינען שטאַרק צופרידן צו האָבן די געלעגנהייט עפּעס צו שרייבן וועגן חבר באַביטש'עס אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, וועגן זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צום פאַרבאַנד און וועגן זיינע וויכטיקע טעטיקייטן וואָס ער האָט שטענדיק געהאָלפן אָנפירן.

מיר באַגריסן דעם חשובן יובילאַר צו זיין 70 יאָריקן יובל און מיר ווינטשן אים צו קענען נאָך פילע יאָרן פאָרזעצן זיינע פּרוכטבאַרע טעטי־קייטן פאַרן פאַרבאַנד, פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און פאַר מדינת ישראל.

מיר ווינטשן אויך אונדזער געטרייע און ליבע חברה באַביטש און די גאַנצע פאַמיליע צו האָבן אַ סך גליק אין זייער משפּחה־לעבן.

Greetings from the Babitz Family

Greeting by MAE BABITZ, wife of Sol, and their children: EVA and MIRIAM.

Greetings by THELMA and MILTON JENESIN, and their daughter LAURIE.

Greetings by LEAH and BILL SPINROD, and their children: MARK and POLLY.

GREETINGS BY MRS. SOL BABITZ

My father-in-law has dedicated his life to Zionism and I am happy to see that his great life's work was fulfilled in Israel. I am proud to know him, he is a most admirable man.

And speaking for our daughters, Evie and Miriam, no one could have a dearer or more devoted grandfather.

MAE BABITZ

GREETINGS BY THELMA AND MILTON JENESIN

My father taught me many things. He taught me love of the printed word and love of the theatre. I am grateful to him for teaching me the culture and history of the Jewish people, because it has broadened my understanding and helped me in my own creative and artistic work. But most of all, he taught me to work and fight for that which I believe in. He devotes his life to the work which he so deeply believes in and so ably serves. I have received these riches from my father, and my daughter, Laurie, can say every day of her life that she has the best grandfather in the world.

THELMA JENESIN

GREETINGS BY BILL SPINROD

(*Professor of Sociology, Patterson, N. J.*)

I did not get to know Abraham Babitz until I was practically a member of the family. Living on the other side of the country we see each other about every two years. But it has been long enough and frequent enough to make me appreciate his generosity, his wit and his deep concern for every one close to him. which comes quite a range.

Here is something else about my father-in-law, though that is also very important to me. As this book describes so much of his life has been devoted to the Jewish Varband and organizations combining interest in Zionism, humane ideals and Yiddish culture.

Some part of this is the heritage of so many of us whose parents came to this country in the early part of the century. In these days of all out attention to split levels, barbecue pits and freeways, it is refreshing to be related to a man whose life has meant so much more.

BILL SPINROD

GREETINGS BY LEAH SPINROD

I send greetings to the best of fathers — a man of boundless generosity with a need to see me happy and to give me pleasure as far back as I can remember.

Children take these things for granted and it wasn't until I was older that I realized what a rarity he was — an absolutely unselfish man. But I was quite young when I saw that unforgetable skit about the California Jewish Voice an dlearned then that my father had the humorous gift in the grand tradition.

LEAH SPINROD

A FEW WORDS ABOUT MY FATHER

As far back as I can remember, my father has always been busy with "movements." First, the Trade Union movement—and later, Zionism. I can remember banquets in Brooklyn and Los Angeles where my father could persuade the most reluctant audiences to part with more money for Eretz Israel than they had been prepared to do. His ability to coax and even bully people into Zionism, did not, however, extend to his personal business dealings. He was a much more convincing salesman of Zionism than he was of real estate.



But aside from his idealism, he has a unique gift as a writer and particularly as a humorist. In true Jewish tradition, he, like my mother, can always see the humorous aspect even in tragedy. I have been pleased to see this trait in my own children and it is very pleasant to have wit and humor in the generations on both sides.

This book testifies to the fact that my father's achievements were considerable, despite his lack of business success. I imagine that it has been a disappointment to him that his children did not become active Zionists—but he never said so—and I have a feeling that he has contributed enough for all of us.

SOL BABITZ

DEAR FRIEND, WELL DONE!

DAILY contact with a man for more than five years makes for a difficult chore to chronicle all the reasons why he should be honored by the community on his seventieth birthday. It was my great privilege to have enjoyed a partnership with Abraham Babitz in the California Jewish Voice from 1931 to 1936.

During those years of association with Babitz I matured at a much greater than normal pace because of his wisdom, kindness, humor, idealism and constant friendship.

The great contribution Babitz made in the years that he was in journalism to the upbuilding of the National Homeland in Eretz Israel, to Jewish culture and education and to the blossoming forth of every wing of the Labor Zionist movement to which he has devoted his entire life, can hardly be compensated by a verbal salutation.

This is an occasion when the entire Jewish community should show its gratitude for a job well done and a life rich with accomplishment in behalf of his people.

So with great pride I join with others in this community and throughout the nation in greeting my friend and comrade Babitz and wish him many more years of health, vigor and contributions to the commonweal.

SAM GACH